STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05760

MENTSHN IN KLEM

L. Olitsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. אַליצקי

מענטשן אין קלעם

דערציילונגען

ISBN:0-657-05760-6

פארלאג ~ „יידיש־בוך" ~ ווארשע 1951

L. OLICKI

„Menczen in klem“

הילע געצייכנט: ב. פאצאנאָווסקי
Okładkę projektował B. PACANOWSKI
Redaktor książki D. SFARD

Wydawnictwo „IDISZ BUCH”
WARSZAWA 1951 r

Nakład 3.000 egz. Arkuszy druk. 9,75 wyd. 8,75 Papier dziełowy kl. V 61 x 86 gr. 70.
Nr Zam. 265 Druk ukończono w październiku 1951 -B-19307
Druk. „Nowe Życie“ Warszawa, Al. Gen. Świerczewskiego 79.

אויסלענדישע וואליוטע

אויסלענדישע וואַליוטע

.1

ווער וואָלט עס זאָגן, אַז שמואל קאָוועַנסקי זאָל האָבן אַ שייכות צו
וואַליוטע, אָדער אַז ער האָט עס ווען געהאַט? שמואל קאָוועַנסקי, ווייסט
מען, איז שוין לאַנגע יאָרן אַ לערער, און ווי פּאַרט זיך עס גאָר לערעריי
מיט וואַליוטע! וועלכער לערער פּאַרדינט עס אַזויפיל, ער זאָל אַזש קאָנען
אָפּשפּאָרן און דערצו נאָך איינשאַפן זיך וואַליוטע? און, ווען עס וואָלט
אַפילו אַזעלכעס בדרך־נס געשען, ווי שטימט עס מיט דער מאָראַל פון אַ פּע־
דאַגאָג, וואָס דערציט דעם יונגן דור פון אַ מלוכה, וואָס גייט צום סאָציאַ־
ליזם! און שמואל קאָוועַנסקין האַלט די וועלט פאַר אַ מאָראַלישן מענטשן.

כדי דאָס צו פאַרשטיין, וועלן מיר זיך באַקענען מיט שמואל קאָוועַנ־
סקיס אָפּשטאַמונג, און טיילוויַיז מיט זיין ביאָגראַפיע. דעמלט וועט דער
ענין פאַרשטענדלעך ווערן. און וועגן דעם גייען מיר דערציילן.

.2

שמואל קאָוועַנסקי איז אַן איינציקער זון פון נגידישע עלטערן, קרע־
מער אין אַ קליין שטעטל, וועלכע זיינען שוין, אגב, טויט פון זינט דער
ערשטער וועלט־מלחמה. ביי זיין טאַטן, אהרון, סראָל־הערשס, האָט ער זיך
נאָך אין די קינדער־יאָרן, ווען ער איז נאָך אַ שמואליקל געווען, צוגעקוקט

ווי געלט ווערט אָפּגעשפּאַרט דורך קאַרגשאַפט און אָפּגעלייגט בסוד אויף א שוואַרצן, צי אויף אַ ליכטיקן טאָג.

שמואליקל האָט כסדר פאַרנומען דאָס גריזשעניש און די סכסוכים צווישן די עלטערן פאַר דעם, וואָס די מאַמע גיט אויס צופיל געלט אויף דעם און אויף יענעם, אויף זאַכן, וואָס מע קאָן זיך אָן זיי אויך גאַנץ גוט „באַדרייען". נישט איינמאָל האָט ער געהערט דעם טאַטן זיך בייזערן, ווי וואָרטשען צו די הענט, אז צופיל צוקער גייט דאָ אוועק אין שטוב, און צו דיק שמירט מען דאָ פּוטער אויף ברויט — נישט ברויט מיט פּוטער עסט מען, נאָר פּוטער מיט ברויט! ער אליין, שמואליקל, פלעגט טאַקע זיך היטן צו פאַרצוקערן די טיי מיט אָן איבעריק לעפעלע מעלצוקער, אָדער דיקער אָנשמירן דאָס ברויט מיט פּוטער אין טאַטנס בייזיין, ווייל ער האָט גוט געזען, ווי דעם טאַטנס א זייטיקער, לאַקערנדיקער און בייזלעכער בליק פאַרשט נאָך ווי ער „זיצט ביים טיש". דערפאַר — ווען קיינער איז בעת זיין עסן נישט בייגעווען, פלעגט ער, דער קליינער שמואליקל, מאַכן „אַ לאָך" אין דער פּוטער און אַ „בראָך" אין דעם צוקער, אַז אפילו די מאַמע פלעגט זיך שפּעטער אָנכאַפּן פאַרן פאַרוק: המם... צי איז דאָס נישט דער דינסט „אַ שטיקל ארבעט"!

טיילמאָל האָט דער קליינער שמואליקל אויך צוגעזען, ווי און ווו דאָס אָפּשפּאָרעכץ ווערט אָפּגעלייגט.

אויפן פרימאָרגן.

ער ליגט נאָך אין טאַטנס בעט מיט צוגעמאַכטע אויגן. ער פילט — דער טאַטע בייגט זיך איבער זיין קעפּל און פאַרקוקט אים אין פּנים אריין, צי ער שלאָפט. מאַכט ער זיך טאַקע שלאָפנדיק... אז דער טאַטע גייט אָפּ, עפנט ער קוים-קוים די וויעס און קוקט אים נאָך דורך די באַברעמטע שפּעלטיקלעך. דער טאַטע פאַרקייטלט די טיר. דאָס פּירהאַנגל אויפן פענצטער צעציט ער, עס זאָל צום דרויסן קיין שפּארע נישט בלייבן. דעם טאַטנס פּנים איז אָנגעשטרענגט, די אויגן, ווי א ביסל איבערגעשראָקן און גלאָזיק, כאַפּן אַלע ווייל אַ בליק אויף אים, שמואליקלען, צי כאַפּט ער זיך נישט אויף, און אויף דער פאַרקייטלטער טיר, צי קומט נישט עמעצער... ער נעמט אַרויס אַסיגנאַציעס און מטבעות פון די קעשענעס אויפן קאָמאָד ארויף. איצט איז ער שוין איינגאַנצן פאַרשלונגען פון זיין טועכץ. ער לייגט צוזאמען גלייך און באַהיט די קאַלירטע אסיגנאַציעס, גלעט זיי צאַרט אויס מיט די פינגער און ציילט זיי פּאַמעלעך און באַטעמט. ווען זיי ליגן שוין אין א פעקעלע, פּרעסט ער עס איין מיטן עלנבויגן און וויקלט עס ארום מיט א באַנדעראָל, וועלכן ער באַלעקט אויף דער קלעפּיקער זייט און פאַרקלעפּט; דער באַנדעראָל איז פון דעם ווייסן זוים אַרום פּאַטשמ־

מאַרקעס, וואָס ווערן פאַרקויפט ביי זיי אין קראָם. אויפן באַנדעראָל פאַר־שרייבט דער טאַטע מיט אַ טושעווע שרייבפענדל קאַליגראַפישע ציפערן, מסתם, וויפל אַזאַ געבענטשטש פּעקעלע פאַרמאָגט. פון דעם דאָזיקן שרייב־פענדל, וואָס דער טאַטע נעצט עס אָפט אויפן צונג, ווערן זיינע ליפּן אונטער דער פון טיטון פאַרגעלטער וואָנסע בלוי — די ליפּן וועלן ביים טאַטן אַזוי בלוי זיין נאָך ביינאַכט צו דער וועטשערע. שמואליקלען גלוסט זיך לאַכן, נאָר ער האָט מורא און האַלט זיך איין. ערשט באַוויזט זיך אויפן טאַטנס אָנגעשטרענגט פּנים אַ בלאַס שמייכעלע פון נחת־רוח, און ער טוט עטלעכע מאָל טרוקן אַ שפּיי אויף דעם אויסגעפּאַרטיקטן פּעקעלע אַסיגנאַציעס, ווי אַ סגולה פאַר אַן עין־הרע... כאָטש וועמעס אויגן וועלן דען דאָס פּעקעלע אָנקוקן? ער האָט אפּנים מורא, דער טאַטע, ער אַליין טאַקע זאָל דעם קיין גוט־אויג נישט אָפּגעבן. ערטש נעמט דער טאַטע אויפשטעלן זיילעכלעך פון גילדערנע פינפערלעך... דאָס גאָלד גליט...

שמואליקל דערמאָנט זיך, וואָס די באָבע האָט אים דערציילט: פּרעה, דער מלך פון מצרים, האָט געהייסן אַנידערשטעלן פאַר דעם קליינעם משהלען, דער וואָס וועט אַמאָל זיין דער גרויסער משה רבינו, אַ שיסל מיט גאָלדענע רענדלעך און אַ שיסל מיט לעבעדיקע, גליענדיקע קוילן, כדי צו זען, צי משהלע איז קלוג צו פאַרשטיין, וואָס איז גאָלד און וואָס קוילן. בשעת משהלע האָט, פאַרשטייט זיך, פאַרשטאַנען און אויסגעשטרעקט דאָס הענטל צו נעמען דאָס גאָלד, נאָר אַ מלאך האָט אָפּגעווענדט דאָס הענטל צו די קוילן. משהלע האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ הייסע קויל, דערלאַנגט זי צום מויל און זיך אָפּגעבריט די ליפּן...

ער, שמואליקל, וואָלט אויך געוווסט, וואָס צו כאַפּן... ער וואָלט אפילו קיין מלאך נישט געפאָלגט...

די גאָלדענע זיילעכ־לעך פאַרקנוילט און פאַרוויקלט דער טאַטע אין ווייסע פּאַפּירלעך, שרייבט אָן אויף זיי ציפערן און באַשפּייט זיי דעסטגלייכן טרוקן עטלעכע מאָל. ווען אַלץ איז שוין פאַרטיק, רוקט ער צו דעם קאָמאָד אין אַ ווינקל צימער, וווּ ס׳איז טונקל, שטעלט אַרויף אויף אים אַ שטול, קריכט אַרויף אויף איר מיט דער „מאַטניאַ" אין די קעשענעס, און מיט אַ פאַרריסענער האַנט פאַרשטעקט ער די פּעקלעך און די זיילעכלעך אין די פלאַכע לעכער צווישן אַ באַליעק און דער סטעליע. אָפּגעטאָן, קריכט ער אַראָפּ אַ פאַרסאָפּעטער. זיינע אויגן פלאַמען, די באַקן גליען, און ס׳דאַכט זיך, אַז אַ ראָזקייט לייכט דורך זיין שיטער בערדל. ער פאַררייסט דעם קאָפּ צו דער סטעליע, און אַז ער פאַרזיכערט זיך אַפּנים — דאָס נישט־פאַרגינערישע אויג פון אַ פרעמדן אָדער פון אַ גנב, חלילה, וועט אַהין נישט

פאַרקריכן, זיפּצט ער שטיל אָפּ און שטעלט אַוועק דעם קאַמאַד מיט דער שטול אויף זייערע ערטער.

...פאַרוואָס זיפּצט ער, דער טאַטע? וואָס איז אים אַזוי שלעכט? אפשר זיפּצט ער, וואָס נאָר ער, דער נגיד, פאַרמאָגט אַזעלכע טייערע פּעקעלעך מיט אַסיגנאַציעס און זיילעכלעך גאָלד, און נישט אַלע יידן?... ווי, למשל, עלקע שלמה טראַיאַניוקערס, זייער דינסט... ווינטער, ווען זי טראָגט אַוועק דאָס הייסע, פאַרענדיקע וועש צום טייך עס איבערצושווענקען, קומט זי צוריק מיט ציטערנדיקע הענט, זייבערע און רויטע און יאָמערט אויף א קול, אַז „שפּאַרעז"*) איז איר פאַרגאַנגען אין די פינגער... ווען איר טאַטע וואָלט ביי איר נישט צוגענומען דאָס געלט, וואָלט זי געדונגען א גויע זאָל גיין צום טייך... און עלקעס טאַטע, שלמה טראַיאַנויקער, שמואליקס דרדקי־מלמד, רעדט אָפּט איבער, „ווען די באַלעבאַטים זאָלן אים צאָלן כאָטש מיט נאָך איין רובל א יאָר מער, וואָלט ער נישט באַדאַרפט שיקן זיין מיידל אין דער פרעמד"... אייגמאָל, — דערמאָנט זיך שמואליקל: האָט אים דער טאַטע מיטגענומען פּרייטיק אין מרחץ אריין; ארויפגענומען אים אויף דער ערשטער באַנק; צווישן נאַקעטע יידן האָט ער אין הייסן נעפּל קוים דערקאָנט זיין רבין, שלמה טראַיאַנויוקער; די יידן האָבן איינער דעם אַנ־דערן און זיך אליין געשמיסן מיט בעזעמלעך; זיי האָבן דערפון שטאַרק הנאה געהאַט, די יידן, ווייל זיי האָבן געהאַלטן אין איין שרייען מיט א ברוך־מעניש: „אַ־אַ־ך, סע גוט! אַ־אַ־ך, סע ווויל". און פונדעסטוועגן האָבן זיי אַלע אויך אָפּגעזיפּצט און אָפּגעקרעכצט: „אוי־וי! אוי־וי!" — — — האָט זיך שמואליקל דערמיט אויך צו רעכט געמאַכט דעם טאַטנס זיפּצן: ער זיפּצט, ווייל ס'איז אים גוט, ווי די יידן אין שוויצבאָד אויף דער אייבערשטער באַנק, בעתן שמייסן...

דעמלט האָט זיך שמואליקל גענומען שטאַרק אין זינען אריין; ווען ער וועט אַמאָל זיין אַ גרויסער, אַ טאַטע, וועט ער אויך אַזוי טאָן, ווי דער טאַטע, ער וועט שטאַרק הנאה האָבן און... זיפּצן, זיס זיפּצן — ער, וואָס זיין טאַטע איז געווען א נגיד און אליין איז ער א נגיד. און קיינער וועט דערפון נישט וויסן, חוץ אים אליין. אוי, וועט דאָס זיין גוט!

...און טאָמער וועט אים אַ גנב באַגנבענען?! — האָט ער זיך מיטאַמאָל דערשראָקן פאַר זיין פאַרמעגן, וואָס ער וועט אַמאָל, ווי היינט דער טאַטע, אויסבאַהאַלטן צווישן דעם באַליק און דער סטעליע. אין ער האָט זיך באַלד אַן עצה געטאָן אין זיין פאַנטאַזיע: ווען שאול המלך האָט נאָכגעיאָגט דודן אין די בערג, האָט זיך דוד באַהאַלטן אין אַ הייל, און

---

*) אַ שפּילקע־שטעכעניש פון פראָסט

גאָט האָט אים צוגעשיקט אַ שפּין, און זי האָט פאַרשפּינט די עפענונג פון דער הייל, און שאול המלך האָט גאָרנישט דערקענט... ער, שמואליקל, וועט בעטן גאָט, ער זאָל אויך אים צושיקן אַ שפּין, זי זאָל מיט שפּינוועבס פאַרוועבן דאָס פאַרבאָרגעניש, ווו ער וועט פאַרבאַהאַלטן זיין פאַרמעגן.

היינט ביינאַכט וועט ער, שמואליקל, בעטן די באָבע, זי זאָל אים נאָכ־אַמאָל דערציילן די דאָזיקע שיינע מעשה.

.3

יעדעס מאָל, ווען שמואליקל פלעגט צופעליק צוזען, אין שטוב צי אין קלייט, דאָס קענגנזייטיקע גריזשעניש און האַרצעסעניש פון טאַטע־מאַמע צוליב די גרויסע שטוב־הוצאות, איז ער געווען פאַרשעמט פאַר זיי און האָט זיך געמאַכט, כלומרשט איז ער פאַרעסקט און פאַרטאָן אין זיינע מחשבות — ער הערט להלוטין נישט, וואָס צווישן טאַטע־מאַמע קומט פאָר. אינדערראַמתן האָט ער קיין איין וואָרט זייערס נישט פאַרבייגעלאָזט און זייטיק, פון אונטערן דאשיקל, באַכגעפּאַרשט זייערע פאַררויטלטע, צע־צערנטע פּנימער און יעדע רייסיקע באַוועגונג. ער האָט געוואָלט וויסן, שמואליקל, און קיינמאָל עס נישט געוווסט, אויף וועמעס צד ער איז, כאָטש ער האָט נישט געצווייפלט דעריך, אז ליבער האָט ער די מאַמע.

אין פלוג איז ער טאַקע געווען אויף דער מאַמעס צד: לויט דער מאַמען מעג ער דיקער אָנשמירן דאָס ברויט מיט פּוטער און אריינוואַרפן אפילו אַ דריט ציגעלע צוקער אין דער גלאָז טיי, מעג ער עסן נאָך אַן אייער־קיכל מיט איינגעמאַכטס אום שבת צום אינדערפריעגדיקן קידוש און אינ־דערוואָכן — אַן איי אפילו נאָך פאַר פּסח, ווען עס קאָסט „מיט גאָלד גלייך" — דריי גראָשן! נאָר... אויב אַזוי, וואָלט דאָך דער טאַטע נישט געקאָנט אַפּשפּאָרן קיין געלט אויף צו מאַכן פּעקעלעך אַסיגנאַציעס און אויסצושטעלן גאָלדענע זיילעכלעך... זיי צו פאַרבאַהאַלטן אונטער דער סטעליע, אַז קיינער חוץ אים, שמואליקלען, זאָל דערפון נישט וויסן... וואָס דאָס איז אַזוי גוט... צוזש עס גלוסט זיך זיפּצן זיס צוזאַמען מיטן טאַטן! איז דאָך, קומט אויס, דער טאַטע גערעכט?

און שמואליקל דערזעט זיך דערביי אין זיין פאַרשטעלונג צווישן טאַטע־מאַמע, ווי אויף אַ הוידלקע: עס וואַרפט אים אהין און אהער; אָט איז ער לעם דער מאַמען, וואָס ער האָט אַזוי ליב, און אָט באַלד ווידער לעבן טאַטן, וואָס... און אָט ווידער...

בלויז איין מאָל האָט שמואליקל אַ טראַכט געטאָן אויף זיכער, אַז דער

טאַטע איז אומגערעכט, אינגאַנצן אומגערעכט. ער האָט שוין דעמלט געלערנט ביי אַ העכערן מלמד חומש, און דער טאַטע פלעגט זיך אויסהיטן מיט זיין סוד אויך פאַר אים, אפילו ווען ער איז נאָך געשלאָפן אין בעט. נישט מער, ער, שמואליקל, פלעגט סיִיוּוי גוט פאַרשטיין, וואָס ער טוט דאָרט, דער טאַטע, אין שלאָפצימער, בעת ער פאַרקייטלט היגטער זיך די טיר... דאָס איז געווען אין חדר. מ׳האָט געלערנט די מעשה פון דעם עגל־הזהב. אַלע יידן האָבן געבראַכט גאָלד און גאָלדן צירונג, אויסצוגיסן אַ גאָלדענע קאַלב פאַר אַ גאָט, וואָס מע זאָל צון אים דינען... אין שמואליקלס פאָרשטעלונג האָבן זיך אָנגעצונדן די גאָלדענע פינפערלעך, וואָס זיינען אין דעם היים פאַרשטעקט צווישן דעם באַליעק און דער סטעליע, און ער האָט זיך דערשראָקן פאַר זיין אייגענעם געדאַנק: דער טאַטע זאַמלט גאָלד אויף צו מאַכן אַן עגל־הזהב!... און די מאַמע? די מאַמע האָט דאָך גאָלדן־צירונג אין דעם גרויסן געקאָוועטן קופערט... ניין, די מאַמע וועט אויפגעוויס נישט אָפּגעבן איר גאָלדענעם בראַנזאָלעט און די גאָלדענע אוירינגלעך אויף צו מאַכן אַן עגל־הזהב! זי וואָלט זיי אפילו דעמלט, אין דער מדבר, אויך נישט אָפּגעגעבן!... נאָר ער, דער טאַטע, וואָס... קוקט אַריין צון אים אין דער טיי, וויפל ציגעלעך צוקער עס צעגייען זיך אין איר... — און ער איז געוואָרן אויפן טאַטן מלא־חימה. נאָר ווען מע איז צוגעקומען צו דער מעשה ווי משה האָט צעבראָכן די לוחות און באַפוילן אין גרימצאָרן, מע זאָל די אַלע, וואָס האָבן געזינדיקט מיטן עגל, „איבערענטפערן צום מויל פון דער שווערד”, האָט ער זיך דערשראָקן פאַרן טאַטנס לעבן און... נישט איבערגעמישט דאָס בלעטל, ווען די איבעריקע קינדער האָבן עס געטאָן... ער האָט דערפילט אויף זיך אַ פרירנדיקן בליק. ער האָט אָנגעשטעלט די אויגן און דערזען דעם רבינס פנים מיט בייזע ברעמען און אָנגעוואָלקנטן שטערן, און איז פאַרגליווערט געוואָרן אין פחד: אַזוי האָט דעמלט געמוזט אויסזען משה רבינו!

דער רבי האָט פונדעסטוועגן פאַרשוויגן דעם נגידס יינגל, און שמואליקל האָט ווייטער נאָכגעזונגען די פסוקים מיט די קינדער, נאָר געטראַכט עפּעס אַנדערש:

...מיין טאַטע... דינט צום עגל־הזהב... דינט צום עגל־הזהב... צום עגל־הזהב...

.4

ווען שמואליקל איז אַלט געוואָרן דרייצן יאָר, האָט מען לכבוד זיין בר־מצווה ווערן געגרייט זיך ביי זיי אין שטוב צו פראַווען אַ סעודה פאַר

פאַרבעטענע געסט, ווי עס שטייט אָן נגידישע באַלעבאַטים, און אַנדערש קאָן עס גאָר נישט זיין. נאָר טאַטע־מאַמע — האָט שמואליקל דערקאָנט אויף זייערע אַנגעברוגזטע פּנימער און לויט זייער וואָרטשענדיק איבעררעדן זיך — גריזשען זיך וועגן וויפל און ווי אַזוי עס זאָל אויף דעם אויסגעגעבן ווערן. זיי באַהאַלטן אָבער אויס זייערע סכסוכים פאַר אים — ער איז דאָך שוין נישט קיין קינד.

— פאַרפאַלן! אויסברענגען זיך מוז מען שוין, — האָט זיך אהרון סראָל־הערשס אָפּגעגעסן דאָס האַרץ: אָבער יעדע זאַך האָט דאָך איר גרענעץ! — און ער האָט פאַרביסן מיט די אונטערשטע ציין די פאַרטושירטע בלויע ליפּ מיט די פאַרגעלטע טיטון־וואָנצעס.

ווי גאָר פלוצעם איז דער יום־טוב אינגאַנצן פאַרשטערט געוואָרן, פאַרקערט אין א תשעה־באָב: אין דער נאַכט ערב דעם טאָג פון שמואליקלס תפילין־לייגן — ס'איז געווען א שפּעט־האַרבסטיקע, רעגנדיקע און בלאָטיקע נאַכט אָן שטערן — האָבן גנבים אויסגעליידיקט זייער אַנגעשטאָפּטע קלייט ביז צום שפּונט.

— ווי ריצנאַיל אָן איבערגעפרעסענעם מאָגן, — האָט זיך אָן אָרעמער באַלמעלאָכע פאַרגונען אַ שפּאַס צווישן אַ רעדל יידן אין מיטן מאַרק.

די מאַמע האָט אין פאַרצווייפלונג פאַרגעסן איר יחוס, געריסן זיך אויף דער שוועל פון קלייט די האָר פונעם פאַרוק און געיאָמערט:

— געשפּאָרט און געשפּאָרט פאַרן רוחס וועגן! פונעם אייגענעם מויל אַראָפּגעריסן, פונעם בן־יחידלס און... פון וועמעס וועגן?! קיין ניי לייטיש מלבוש זיך נישט פאַרגונען... פאַרן אשמדאי וועגן!

דער מאַמעס רייד זיינען דורכן יאָמער כלומרשט געשיקט געוואָרן אין דער וועלט אריין, נאָר געמיינט האָבן זיי אריינצודרינגען אין דעם טאַטנס אויערן, ווי מעסערס, אויספּערען אים די לעבער, ווי ער האָט איר געפּערעט ביי יעדן גראָשן.

דער טאַטע האָט אויסגעזען מבולבל, ווי ער וואָלט זיך אין אַ שרפה נאָר וואָס פון שלאָף אויפגעריסן, און דאָס שיטערע בערדל איז אים געווען צעקאָשמעט און צעשראָקן מיט יעדן הערל. אויף דער מאַמעס „זיבן מאָס" יאָמער האָט ער דאָס מאָל האַרטנעקיק געשוויגן, ווי אַ שולדיקער, ווי ער אליין וואָלט זיך באַטייליקט אין דער גנבה.

ערשט צוועלף אַזייגער, ווען אינדרויסן האָט פון צווישן די וואָלקנס אַ שיין געטאָן אַ פאַרוויינטע זון, האָט זיך דער טאַטע דערמאָנט צו גיין אין בית־מדרש אריין דאַווענען און מיטצונעמען שמואליקן — שוין נישט שמואליקלען — כדי צו לייגן אים דאָס ערשטע מאָל די תפילין.

שמואליק, דורכגענומען מיט די פאַרשטעלונגען און טראַכטענישן

וועגן דער גנבה — מיט דעם אומגליק, וואָס איז געשען ביי זיי אין שטוב, און מיט דער מאַמעס יאָמער, — האָט בלויז געמאַכט מיט די ליפּן איבערן אָפענעם סידורל און נישט גערעדט קיין וואָרט גלייך דעם ערשטן טאָג פון זיין „ווערן א מענטש פאר זיך".

ווען ער איז אהיימגעקומען מיטן תפילין־זעקל אונטערן אָרעם, האָט אים די מאַמע דערלאַנגט אויף פרישטיק פיינקוכן מיט איינגעמאַכטס, מיט א גלעזעלע בראָנפן און בערנייס געעפנט א קוואַל פון טרערן.

— פאַרשטערט געוואָרן דיין יום־טוב, נעבעך, בן־יחיד מיינער, קינד מיינס! — און צום מאַן:

— גיי צו צום טיש, אהרון, טרינק כאָטש דו מיטן קינד לחיים... אונדזערע פריידן זאָלן אונדז שוין מער נישט פאַרשטערט ווערן.

— איצטער מעגסטו זיך דאָך שוין פאַרגינען... — האָט זי אים געגעבן א לעצטע שטעכלקע, און ער האָט אויפגעהויבן דאָס גלעזל.

דאָס איז שוין געווען דער אָנהייב פון איבערבעטן זיך. ביז ביינאַכט וועט דער שלום זיין א גאַנצער.

אין דעם אויגנבליק האָט שמואליק אויפגעכאַפּט דעם טאַטנס א בליק אין שלאָפצימער אַריין צום טונקעלן ווינקל אויף דער סטעליע דאָרט. דערנאָך האָט ער, פאַרגעסנדיק אין א „לחיים", איבערגעקערט דאָס גלעזעלע בראָנפן אין מויל אריין און א קוק געטאָן אויף דער מאַמען, דער שטענדיקער „אויסברענגערין", פון אויבן אראָפּ. ס'האָט זיך געדאַכט, אז זיין פּלייצע גלייכט זיך אויס מחמת שטאָלצקייט:

ער, אהרון סראָל־הערשס, האָט דאָס מאָל, דווקא מיט דער הילף פון די גנבים, אָפּגעהאַלטן א נצחון איבער איר! ווען ער וואָלט אלע יאָרן געווען די פאָלגן אין אירע אויסברענגערייען, וואָלטן זיי דאָך איצטער געמוזט גיין אויף בעטל־ברויט. גוט, טאַקע זייער גוט, וואָס ער האָט תמיד געקאַרגט, אָפּגעשפּאָרט, געזאַמלט און פאַרהוילן — די אָנגעשטאָפּטע לעכער צווישן די באַלקעס און דער סטעליע וועלן זיי איצט געבן צוריק די וועלט צו זען. מיט די פּעקעלעך אַסיגנאַציעס וועט מען קאָנען בערנייס זיך אויסבעטן די היימישע נעסט. אַהאַ! די גאָלדענע זיילעכלעך — זיי קאָנען אונטערהאַלטן א הויז אויף זייער פונדאַמענטן אפילו אין גרעסטן שטורעם.

ער איז געוואָרן ביי זיך געשטאַרקט.

— מע דאַרף זען, אז דאָס אלץ, וואָס דו האָסט צוגעגרייט אויפן יום־טוב, זאָל נישט גיין אין ביוועץ. וואָס מע קאָן איבערלאָזן אויף די קומענדיקע שבתים — איז אויף די שבתים, און וואָס נישט... — האָט ער גענומען לערנען די מאַמען, און די מאַמע האָט אים אָנגעקוקט און געשוויגן. אויך

ז' האָט אַפּנים פריער אויפגעכאַפּט זיין בליק צו דער סטעליע און אָפּגע־שאַצט זיין ווערט.

און שמואליק, וואָס איז שוין „אַ מענטש צו מענטשן גלייך" און פאַר־ענטפערלעך פאַר זיינע מעשים נישט ווייניקער ווי דער טאַטע, האָט אַ טראַכט געטאָן:

איז טאַקע תמיד הייסט עס גערעכט געווען דער טאַטע!

.5

מיט אַ יאָר שפּעטער אָבער, ווען מע האָט אים שוין שמואל גערופן, האָט די געשיכטע און די צייט אָפּגעגעבן גערעכט דער מאַמען: די ערשטע וועלט־מלחמה האָט אומגעבראַכט זייער גאַנץ פאַרמעגן, סיי די קלייט, וואָס איז ווידער געווען אָן אַנגעשטאָפּטע, סיי די שטוב, ווו אין די לעכער צווישן די באַלקעס און דער סטעליע האָבן זיך בערביים אַנגעהויבן צו שטיקן פּעקעלעך אַסיגנאַציעס און זילעבלעך גאָלד — זיינען אַוועק מיטן פייער צון אַלדי רוחות אויף אייביק.

אין אָרעמקייט און נויט זיינען זיינע עלטערן אוועקגעגאַנגען פון דער וועלט, כדי זיך מער שוין איינאַנדער נישט צו גריזשען וועגן אָפּשפּאָרעניש און אויסברענגעריי. פאַרבליבן באַך זיי זיינען בלויז צוויי קברים אָן מצבות אויפן הייליקן אָרט, וואָס האָט מלחמה־צייט פאַרלוירן דעם פאַרקאַן און פריי געוואָרן פאַר חזירים און הפקרע הינט. און ער, שמואל, זייער בן־יחיד האָט נישט געוווסט פון וואָס אָנצוהייבן צו דערהאַלטן זיין עקזיסטענץ.

שמואל אַהרן סראָל־הערשס איז באין־ברירה געגאַנגען אַ שטאַרק פאַר־שעמטער אויף אַ קבעלונג אין אַ דאָרף פאַרן בלויזן עסן. ער האָט געלערנט מיטן דאָרפס־יידס קינדער אַ שייטל עברי, און ערשט רעכט באַנומען דעם אויסדרוק פון זיינע אייגענע מלמדים אַמאָל: „האַקן מיט די תלמידים האָלץ".

גוט נאָך, וואָס ער איז אין אַ דאָרף, דערצו נאָך מלחמה־צייט, און קיינער זעט אים נישט, אַהרון סראָל־הערשס בן־יחיד, אין זיין דאָרף־מלמדישן בזיון און געפאַלנקייט. זעלטן פאַלט היינט אַריין אַהער אַ ייד פון שטעטל. אָבער קיין תכלית איז דאָך עס פאָרט נישט!

קומען כאָטש ווען־עס־איז צון אַ תכלית, האָט שמואל פאַרשטאַנען, קאָן ער נאָר דורך איין מיטל, וואָס איז אים געבליבן בירושה פון טאַטן, עליו־השלום: אָפּצושפּאָרן און אָנצוזאַמלען. אין איצטיקן פאַל וואָלט אויך די מאַמע, עליה־השלום, געגעבן אויף דעם איר הסכמה. נישט מער, פון

וואָס האָט ער אָפּצושפּאָרן, אַז קיין שכר־לימוד באַקומט ער נישט אַפילו קיין פּרוטה!

האָט שמואל גענומען אָפּשפּאָרן צייט. אין דער געוועזענער חרובער דאָרפס־שקאָלע האָט ער איינמאָל אויף אַן איינזאַמען שפּאַציר אַנטדעקט רוסישע ביכער צום לערנען און לייענען, האָט ער זיי ביסלעכווייז, זיך אויסהיטנדיק פאַר אַ דייטשן פּאַטרול, אַריבערגעטראָגן צו זיך אין צימערל אונטערן בעט און דאָ „פּאַרלייגט אַ ביבליאָטעק״. דאָ פלעגט ער זיך אין דער פרייער צייט, אין דער אָפּגעשפּאָרטער צייט פון די „לעקציעס״ מיט די תלמידים, פאַרקיטלען, כלומרשט ער לייגט זיך צו כאַפּן אַ דרימל, און זיך זעצן קנעלן איבער אַ ביכל.

דאָס אָפּשפּאָרן צייט איז שמואלן אייגנטלעך נישט שווער אָנגעקומען. דער באַלעבאָס אַליין האָט גאָרנישט געפאָדערט פון אים, ער זאָל צופיל צייט אָפּגעבן די תלמידים. די „בורלאַקעס״ זיינען אים נייטיק געווען צו דער אַרבעט אין דער גראַלניע, וואָס ער האָט געטריבן הינטערן וויסן פון די דייטשע „קריגס־בעהערדן״, ריזיקירנדיק מיט אַלץ. אַפילו די צוויי קלענסטע קינדער האָבן זייער אָפּט געמוזט שטיין אויף דער וואַך. פאַרקערט, דער באַלעבאָס איז נישט איינמאָל אַ בעלן געווען, אַז דער לערער אַליין זאָל קומען אַרויסהעלפן אַ ביסל אין אַן ענגער צייט:

— ס׳וועט אים, חלילה, גאָרנישט געמינערט ווערן פונעם הינטן!... די ביינער וועלן זיך דאָך ביי אים צוזאַמענקלייען פון זיצן אויף איין אָרט.

נאָר דאָ פלעגט זיך פאַרן לערער איינשטעלן די באַלעבאָסטע, כאַפּנדיק זיך קנייפּן די באַקן:

— וואָס רעדסטו, האָרש, ביסט חסר־דעה?! האָסט פאַרגעסן פון וואָס פאַר אַ שטוב דו האָסט דעם בחור אַרויסגענומען!

— פון קיין שטוב נישט. זייער שטוב איז שוין געווען אָפּגעברענט...

— איך מיין נישט די שטוב — דעם יחוס מיין איך...

— דער יחוס ליגט שוין אויפן בית־עולם.

— שלאָג מיר נישט איבער די רייד. זיין מאַמע, לייע־לשלום, פלעגט מיר שטענדיק איבערוועגן דעם וואַקס אויף יום־כיפור־ליכט און אָנוויינשעווען. אַן ערלעכע וואָג איז ביי זיי תמיד געווען — אַ גאַנץ יאָר. אַפילו קיין שונא זייערער וואָלט עס נישט פאַרלייקנט. ערלעכע מענטשן געווען... אַלאָ וואָס זיי זיינען געשטאָרבן אָרעמע לייט נעבעך — ווען האָט די פאַרשאָלטענע מלחמה נישט אומגליקלעך געמאַכט!... און דו אַליין — די פינצטערע שעה זאָל נישט זיין! — האָלטסט נישט בסדר די נשמה אין די הענט?... גיי, האָרש, לאָז אים שוין צו רו.

און האַרש האָט זיך פֿויעריש אַ קראַץ געטאָן דעם האָריקן האַלדז־אונ־צאַקן הינטערן היטל און צו רו געלאָזן.

שמואל וואָלט זיך אויך נישט באַדאַרפֿט אויסבאַהאַלטן מיט זיין קנעלן און לייענען די ביכער: וואָס דער לערער טוט אין דער פֿרייער צייט, איז נישט דעם באַלעבאָס, נישט דער באַלעבאָסטע נישט אָנגעגאַן. נאָר עפּעס האָט ער געהאַט אַן אומפֿאַרשטענדלעכע הנאה דערפֿון, וואָס ער זאַמלט וויסן און קענטעניש אויף אַ געהיימען אופֿן, און זיין גייסטיק פֿאַרמעגן וואַקסט פֿון טאָג צו טאָג פֿאַרבאָרגן, ווי זריעה אין דער ערד... יעדעס מאָל, ווען ער האָט זיך דערוווּסט עפּעס נייעס, פֿלעגט ער זיך דערפֿרייען און פֿון פֿרייד אַזש אָפּזיפֿצן.

ווען ער האָט זיך איינמאָל אָפּגעגעבן אַ חשבון דעריך, שמואל, האָט ער זיך עס דערקלערט מיטן פּסוק: „מים גנובים ימתקו״ — אַפֿילו פּראָסט וואַטער, ווען מע באַקומט עס בגנבה, פֿאַרשאַפֿט עס פֿאַרגעניגן.

6.

אַ דאַנק דער אָנזאַמלונג פֿון קענטעניש און וויסן, האָט זיך שמואל אַהרון סראָל־הערשס אַרויסגעריסן נאָך דער מלחמה פֿון דאָרף צוריק אין שטעטל אַריין. ער איז דאָ געוואָרן אַ לערער אין דער יידיש־וועלטלעכער שול. אמת, מיטן דאָזיקן טויש פֿון אַ קנעלונג אין דאָרף אויף אַ לערער־פּאָסטן אין שטעטל האָט ער זיין מאָגן קיין טובה נישט געטאָן: וואָס־וואָס, קיין עסן און טרינקען האָט אין דאָרף נישט געפֿעלט — דאָרפֿיש, אָבער צו דער זעט און איבער דער זעט. דערפֿאַר אָבער האָט ער איצט באַקומען אַ הייטערן זעלבסטגעפֿיל: זיין אַ לערער אין אַ שול איז פּאָרט מער לפֿנים זיינע נגידיש־באַלעבאַטישע עלטערן, עליהם־השלום, און טאַקע אויך זיין אייגענער בילדונג, וואָס ער האָט זיך אָפּגעשפּאָרט אין דאָרף. דאָ קאָן מען זיך מיט אַ יידיש מיידל באַגעגענען. ער האָט פֿאַרזייט מיט געוויין, און שניידט מיט פֿרייד... ער איז שוין נישט דער דאָרפֿישער דאָרפֿס־מלמד, נאָר דער לערער שמואל קאָוועןסקי!

אין דער יידיש־וועלטלעכער שול האָבן געלערנט בלויז באַלעמעלאַבישע קינדער, אָדער קינדער פֿון אָרעמע קרעמער און קליינהענדלער. דער שכר־לימוד איז געווען אַ מינימאַלער און דערצו איז ער נישט תמיד איינגעצאָלט געוואָרן. מיטן אויסצאָלן דעם לוין די לערער האָט עס יעדן חודש געהאַלטן שמאָל. די לערער האָבן דעריבער געמוזט פֿאַרגיטיקן זייער דחקות און נויט מיט דער טרייסט, אַז זיי פֿאַרמאָגן אידעאַליזם: זיי אַרבעטן אין

א שול פון אָרעמע קינדער, לערנען לויט די פּאָדערונגען פון דער מאָ־דערנסטער פּעדאַגאָגיק, אונטעררייכטן די קינדער אין דער שפּראַך פון זייער היים. זיי, די לערער, זיינען איבערגעגעבן די קינדער, ווי די קינדער נישט ווייניקער זיי, — און דאָס אַלץ ביי א מינימאַלן נישט אויסגעצאָלטן לוין! ס׳איז דאָ מיט וואָס צו שטאָלצירן! דער אידעאַליזם, וואָס לכתחילה האָט אים זיי אויפגעצוווּנגען דער קאַמף פאַר עקזיסטענץ, איז מיט דער צייט זיי אייגן געוואָרן. זיי האָבן אים אָפּגעפּילט, ווי ער וואָלט ארויסגע־דרונגען פון זייער אייגענער נשמה, און שלום געמאַכט מיט דער שווערער מאַטעריעלער לאַגע, אָנגענומען זי אַפילו פאַר ליב.

פאַר יענער צייט פלעגט זיך פאַר שמואל קאָווענסקין נישט זעלטן שטעלן די פראַגע: צי דאַרף ער נישט אַריינטרעטן אין אַן אַרבעטער־פּאַר־טיי? אַוודאי וואָלט עס אים שוין געפּאַסט: פון זיין קלאַס, דעם באַלעבאַטישן גראַד, האָט ער זיך באַפרייט; אַליין איז ער א באַלמעלאָכע, אַן אינטעלי־גענטער אַרבעטער; זיין מאַטעריעלער מעמד איז דער זעלבער, נישט בע־סער און נישט ערגער, ווי דער מעמד פון די שול־עלטערן. נאָר געטאָן האָט ער עס פונדעסטוועגן נישט: דער עיקר — צוליב קליינבירגערלעכן נישט וועלן איינרייסן מיט קיינעם, צוליב קליינבירגערלעכער פּחדנות. ער האָט אייגנטלעך געהאַט דעם באַוווּסטזיין דערפון, נאָר ער האָט אים פאַרשטויסן און נישט קלאָר זיך מודה געווען דעריין אַליין. ער האָט זיך געמאַכט אַן אויסרייד, אַז אַרבעטער־פּאַרטייען זיינען דאָך דאָ עטלעכע, און... ער האָט זיך נאָכנישט קלאָר געמאַכט, וועלכע איז די ריכטיקע, ביי וועלכער איז דער אמת. ער דאַרף נאָך געננוג שטודירן, טראַכטן וועגן דעם, ביז ער זאָל קאָנען אָבגעמען אַן ענדגילטיקן באַשלוס. ווען אַנדערע האָבן אים אַמאָל וועגן דעם געפרעגט, האָט ער זיך — נישט גאָר ערלעך מיטן געוויסן און מיט געמאַכ־טער גרויסהאַלטונג — אַרויסגעדרייט: ע ר איז פאַר דעם אַלץ, וואָס איז גוט און וואָס אים געפעלט אין יעדערער פון די אַרבעטער־פּאַרטייען; ער וויל זיין א פרייער מענטש — פריי פון יעדן מין פּאַרטייאישן צוואַנג; ער איז אַן אומפּאַרטייאישער סאָציאַליסט און ליידט פאַר זיין סאָציאַליזם; וואָס קאָן מען פון אים נאָך פאַרלאַנגען?

היינט אפשר פּאַרן עפּעס געלט ביי די דאָזיקע באַדינגונגען האָט ביי שמואל קאָווענסקין אַוודאי אַפילו קיין קלער נישט געקאָנט זיין. א קלער און א שטאַרקער חשק איז נאָר געווען „אָפּצושפּאָרן“ א מיידל און חתונה האָבן, ווייל ס׳איז שוין די העכסטע צייט — א לערער דאַרף צום ווייניקסטן האָבן אַן אייגן וואַרעם ווינקעלע, ווען ער קומט אַהיים אַן אויסגעשעפּטער פון דער אַרבעט. המם... נאָר ווי וועט ער מיט זיינע משטיינסגעזאָגטע פאַר־דינסטן זיין אימשטאַנד אויסצוהאַלטן „אַ שטוב“, ווען ער האַלט קוים אויס

זיך אַליין? און... פ אַ ר וו אָ ס זאָל ער אויסהאַלטן אַ מענטשן אומזיסט? זיין מאַמע האָט אויך געאַרבעט גלייך מיטן טאַטן אין קלייט. און ער, שמואל, איז דאָך נישט קיין קליטניק, נאָר אַ לערער, אַ סאָציאַליסט! חתונה האָבן מיט אַ לערערין? וועט עס זיין געמאַכט אַ חיבור פון צרות פלוס צרות, און אין סך־הכל וועט זיך באַקומען — כויט... און טאָמער וואָס — קאָן מען פון נויט אפילו קיין וויקעלעך נישט מאכן! חתונה האָבן פאַר אַ מיידל אַ שניי־דערין — מע זאָגט זיי פאַרדינען נישט שלעכט — איז עפּעס...

דער רעשט געדאַנק נאָכן „עפּעס" איז ווי מיט אַ נעפּל פאַרצויגן געוואָרן. ער האָט זיך נישט מודה געווען פאַר זיך אַליין, אַז קעגן „אַזאַ טאַט" בונטעוועט זיך אין אים דאָס גאַנצע קליינבירגערלעכע יחוסדיקע בלוט זיינס, וואָס איז נאָך אַלץ נישט רויט געוואָרן, כאָטש די שטעטלדיקע ציור־ניסטן רופן אים „דער רויטער לערער". ער, שמואל אהרון כראַל־הערשס בן־יחיד, אַליין אַ לערער — מיט אַ פּראָסט מיידל, אַ שניידערקע?!

האָט ער דאָס חתונה האָבן אָפּגעלייגט אויף בעסערע צייטן, און „אָן אייגן וואַרעם וויגקעלע" יוצא געווען מיט אַלט־בחורישן פלירט. אַז נישט קיין געלט און נישט קיין מיידל, האָט ער גענומען אָפּשפּאָרן גאָר עפּעס אַנדערש: מיט אַ קאַליגראַפישער האַנטשריפט פלעגט ער אַריינשרייבן אין אַ ביליקן דיקן העפט גלייכווערטלעך, אַפאָריזמען און פאַרצייכענונגען, וואָס האָבן מיט עפּעס־וואָס פאַרהאַטשיקט אין זיין פערזענלעך לעבן; אַלץ פלעגט ער שרייבן אונטער אַ גענויעם דאַטום, ווי דאָס וואָלט וויכטיק זיין פאַר דער וועלט, אָדער צומווייניקסטן פאַר זיינע וויטערדיקע דורות, וואָס וועלן דאָך סוף־כל־סוף אַמאָל קומען. דעם העפט האָט ער, פאַרשטענדלעך, געהאַלטן פאַרבאָרגן פאַר פרעמדע אויגן, פונקט ווי, ווען עמעץ וואָלט פון אים עפּעס אַרויסגעלייענט, וואָלט ער דערמיט ביי אים, דעם לערער שמואל קאָוועגסקי, אויפגערויבט אַ שטיק פּריוואַט־אייגנטום.

וואָס מער דער העפט איז מיט דער צייט אַלץ פאַרשריבענער, באַריי־כערטער געוואָרן, אַלץ מער נחת־רוח האָט ער אים פאַרשאַפט. ער פלעגט אָפט זיצן איבער אים דין־וחשבונדיק פאַרטראַכט און טיילמאָל אָפּזיפצן מיט אַ זיפץ, וואָס אים אַליין וואָלט שווער געווען אויסצוטייטשן, צי איז דאָס אַ וויטיקלעכער זיפץ אויף זיין שווערן פאַרגאַנגענעם לעבן, אָדער, פאַרקערט, אַ נחת־רוחדיקער, וואָס ער האָט שוין, אָן עין־הרע, אַזאַ פאַר־באָרגענע איינזאַמלונג. נאָר יעדעס מאָל פלעגט דער זיפץ אַרויסרופן אין זיין זכרון, ווי זיין טאַטע פלעגט אָפּזיפצן נאָכן פאַרזיכערן זיך, אַז די פאַר־שטעקטע פעקעלעך אסיגנאַציעס און זילבערנע גאָלד וועלן פון קיין פרעמד אויג נישט באַמערקט ווערן.

ס'וואָלט ביי עמעצן קאָנען אויפקומען אַ חשד, אַז שמואל קאָוועגסקיס

אייפּעריקייט צום העפט איז געווען אַ פּועל־יוצא פון דער קראַנקהייט, וואָס איז שטאַרק פאַרשפּרייט צווישן דער יידישער קלייִנבירגערלעכער יוגנט און איר באַמען איז גראַפאָמאַניע. אָבער ס׳רוקן זיך אַרויס צוויי מאָמענטן, דאָס קאַטעגאָריש סותר צו זיין: ערשטנס, איז גראַפאָמאַניע אַ קראַנקהייט, וואָס אירע סימפּטאָמען באַווייזן זיך נאָך אין דעם קראַנקנס פריע יוגנט־יאָרן, הגם פאַרציִען קאָן זי זיך, ווי אַ פאַרעקשנטע קרענק, טיף אין דער עלטער אריין, — און שמואל קאָוועַנסקי האָט אָנגעהויבן שרייבן זיין העפט ערשט אין די צוואָנציקער יאָרן פון זיין לעבן; צווייטנס, איז די גראַפאָמאַניע אַ קראַנקהייט מיט אַ דראַנג, וואָס פריער און וואָס אָפּטערער זיך צו אַנט־פּלעקן פאַר דער וועלט, גובר זייענדיק מיט אַלערליי מיטלען די שטערונ־גען אויפן וועג פון איר אַנטוויקלונג, — און שמואל קאָוועַנסקי, ווייסן מיר, האָט דווקא אויסבאַהאַלטן זיינע „שריפטן" פאַר פרעמדע אויגן, ווי זיין קאַרגער טאַטע זיין פאַרמעגן. אַזוי, אַז דער חשד וועגן גראַפאָמאַניע וואָלט געווען פאַר שמואל קאָוועַנסקין אַן אומפאַרדינטע באַליידיקונג. איבריקנס, קאָנען מיר אָראָפּשרייבן פון דעם העפט כּמעט איין פאַרצייכענונג, און זאָלן מענטשן אַליין משפטן:

„דעם 10טן נאָוועמבער, יאָר 1937.

אין אַ בריוו צו אַ קאָלעגע, אַ לערער, מיט וועלכן כ׳האָב געאַרבעט צוזאַמען עטלעכע יאָר אין איין שול, אַ באַוויבטן, האָב איך זיך פאַרקלאָגט אויף מיין איינזאַמקייט נאָך דער אַרבעט אין שול, זיך אויסדריקנדיק מיטן פאָלקס־ווערטל: „נישט קיין קינד, נישט קיין רינד". האָט ער מיר דערויף גע‍ענטפערט אין אַ קבצניש־הוליאַקישן טאָן: ביסט דאָך שוין, בחור, נאָך די שלושים... — טרויער־זשע נישט! איך האָב פאַר דיר, גוטערברודער, אַן עצה, וואָס כ׳האָב זי אַליין אויסגעפּרוווט — נעם און האָב חתונה, וועסט גלייך האָבן אַ רינד, און אין ניין חדשים אַרום, מיט קאָלעקטיווע כּוחות, אַ קינד..."

7.

דער פּלוצעמדיקער נידערטרעכטיקער איבערפאַל פון די פאַשיסטישע האָרדעס איבער פּוילן, האָט שמואל קאָוועַנסקין געטראָפן אין וואַרשע, וווּ ער האָט שוין עטלעכע יאָר געאַרבעט אין דער ציש"אָ־שול אויף מילע־גאַס.

שמואל קאָוועַנסקי האָט גלייך פון די ערשטע אַריינגעפּאַקט אין זיין רוקזאַק — אַן איבערבלייבעניש פון אַן אויספלוג מיט די שילער אין די בערג — זיין ביסל בחוריש אָרעמקייט, וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט אין

איינגעשאַפּן זיך אין משך פון זיינע לערער־יאָרן. קיין סך איז אים נישט איבערגעבליבן איבערצולאָזן.

אויפן סאַמע דנאָ פון רוקזאַק האָט זיך, איינגעוויקלט אין אַן אייבער־העמד, געפונען דער העפט, צונויפגעראָלט, ווי אַ מגילה, אַרום אַ קיילעכיק העלצל, כדי עס זאָל וואָס ווייניקער געשעדיקט ווערן. אין וועג האָט דאָס העלצל זיך געמוליעט אין רוקן, נאָר דער ווייטיק דערפון האָט גראָד באַ־רויקט דאָס געמיט. ס'איז אים ממש אין לעבן געגאַנגען, ער זאָל דעם העפט, זיין „ביסל פאַרבאָרגענע וואַליוטע", וואָס ער האָט די לעצטע יאָרן „אָפּגע־שפּאָרט פון זיך", אַרויסראַטעווען פון דער וועלט־שרפה, ווי אַן אייגן שטיק לעבן. דער העפט איז שוין געווען דורכויס באַשריבן, חוץ דעם איינעם ליידיקן בלעטל, וואָס ער האָט אין אים אַריינגעקלעפּט אַ טאָג פאַרן מלחמה־אויסברוך... אויב זיי וועלן אין וועג, אין וואַלד ערגעץ, באַפאַלן ווערן פון רויבער, איז ער גרייט, שמואל, אַלץ פון דעם רוקזאַק זיי אָוועקצוגעבן, אפילו דעם ווינטער־פּאַלטאָ, וואָס ער האָט פאַרכאַפּט אויפן אָרעם — אַבי זיי זאָלן אים דעם העפט איבערלאָזן.

ס'איז אים אָבער נישט באַשערט געווען איינצוהיטן און צו פאַרבלייבן ביי „זיינע באַנקנאָטן": סאַמע ביי דער גרענעץ האָט די גרופּע, מיט וועלכער ער האָט דורכגעמאַכט דעם שרעקלעכן וועג, אין גרעסטן טייל צופוס, דער־זען מיט אימה: „די גרינע זשאַבעס"!... פון הינטערן וואַלד־ראַנד האָט אַרויסגעשלייכט אַ דייטשער גרענעץ־פּאַטרול אין שוצקאָלירענע, גרין־ברוין־געפלעקטע מאַנטלען. צי האָט אויך דער פּאַטרול שוין ז יי דער־זען? ס'איז געוואָרן אַ בהלה. אויגן האָבן משוגענערווייז אַרומגעטאַנצט, זוכנדיק אַ רעטונג. מענטשן האָבן אין געאייל, מיט צוקנדיקע באַוועגונגען אין צוקנדיקע פינגער פאַרשטעקט אין די קוסטעס אַריין, אין די בגדים־באַהעלטענישן און אין דעם שוכוואַרג, וואָס האָט שוין אין וועג פאַרלוירן צוזאַמען מיט די זוילן דאָס גאַנצע געשטאַלט— ווער געלט, ווער אַ ווערטפול שטיקל צירונג, און ווער אַ דאָקומענט, וואָס קאָן שלעכט צודינען זיין באַלע־באָס, אויב אַ פאַשיסטישער בליק זאָל אין אים אַ נישטער טאָן. מענטשן פון אינטעליגענטע פּראָפעסיעס האָבן אַפילו זייערע פּאַספּאָרטן צעפליקט און אָוועקגעוואָרפן:

— זיי האָבן נישט ליב קיין אינטעליגענטן, די נאַציס...

— זיי האָבן זיי שוין גראָד ליב... צו צעשיסן, — האָט נאָך ביי עמעצן פאַרט געקלעקט צו זאָגן אַ ווערטל מיט צוקנדיקע ליפּן, און מיטן פּטור ווערן פון זיין פּאַספּאָרט.

אין גרויס פּחד און פּלאָנטעריניש האָט אויך שמואל קאָוועגסקי דעמלט קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט, ווי צו צעפליקן צוזאַמען מיטן פּאַספּאָרט,

וואָס וואָלט פאַראַטן זיין לערער־פּראָפעסיע, אויך דעם העפט און אַוועקלאָזן זיינע צעפליקטע בלעטלעך מיטן ווינט. ס'איז אים דערביי הייס געוואָרן אין די אויגן... ניין, נישט קיין הייסע טרערן קוועלן אין זיי אָן. ער האָט אַ שפּי־רונג, ווי זיי וואָלטן גאָר אָנגעפילט געוואָרן, די אויגן, מיט הייסן זאַמד. נאָר שעמען שעמט ער זיך, ווי ער וואָלט געוויינט, און כּדי די שעמעוודיקייט אויסצובאַהאַלטן פאַר די אַרומיקע, בייגט ער זיך אַראָפּ און הייבט אויף פון דער ערד דאָס העלצל, אַרום וועלכן ס'איז געווען אַרומגעוויקלט, ווי אַ מגילה, דער העפט, און באַטראַכט עס נאָך מער פאַרשעמט און פאַרטמט...

ערשט וואָלט ער אין „דער מגילה פון זיין לעבן" פאַרשריבן: „איך, אַ יידי־שער אינטעליגענט, בין די פאַשיסטן צו פאַרדאַנקען געבליבן, ווי אַ באַלע־גאָלע ביי זיין בלויזן בייטשל"...

אַ באַשערטע זאַך! דער דייטשער פאַטרול האָט זיי דווקא אויסגעמיטן... צוזאַמען מיט דער גרופּע איז שמואל קאָווענסקי אַריבער בשלום די גרע־נעץ און ענדלעך אָנגעקומען מיטן שמוציקן רוקזאַק, אַליין נישט ווייניקער פאַרשמוצט, קיין ביאַליסטאָק, וואָס האָט דערפרייט דאָס פאַרחלשטע האַרץ מיט רויטס און פרייהייט.

8.

אין ביאַליסטאָק איז שמואל קאָוועגסקי אָנגעקומען פאַר אַ לערער אין אַ סאָוויעטיש־יידישער צענקלאַסיקער שול. דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן האָט ער זיך דערפילט ווי אַ פרייער בירגער, ווי אַ גלייכוועדטיקער מיט יעדן מענטשן פון יעדן אַנדערן פאָלק. ער איז דאָ נישט קיין יידישער לע־רער, נאָר אַ סאָוויעטישער לערער, וואָס לערנט יידיש — אַ לערער מיט לערער גלייך.

מיט חשק איז ער אריין איבערן קאָפּ אין דער פּעדאַגאָגישער ארבעט, און זיך געפילט יום־טובדיק־אויפגעלייגט אין סאַמע איבעדרוואַכן. די צייט איז שנעל געגאַנגען.

די זאָרג פון פּרנסה איז אַראָפּ פון קאָפּ. ער איז זיכער מיטן פּאָסטן, און דער לוין איז אַ זיכערער, גענוגנדיקער און פּינקטלעך־אויסגעצאָלטער. הוראַ! — האָט עס געווישט אין זיין ברוסט, ווייל דאָס האַרץ האָט זיך איבערגעגאָסן מיט פרייד.

יאָ, — פלעגט ער אַ טראַכט טאָן אין רגעס פון אָפּרו: ערשט איז גע־קומען די צייט פון אויפבויען זיך אַן אייגן היימווינקל. מיין פרוי וועט אויך אַרבעטן — אין ראַטנפאַרבאַנד אַרבעטן דאָך אַלע.

אַ בחור ביי די פערציק, האָט ער וועגן חתונה דורך ליבע שוין נישט געקאָנט טראַכטן. אויב וואַרטן אויף ליבע — קאָן ווערן צו שפּעט. מע דאַרף חתונה האָבן מיטן ערשטן בעסטן — טאַקע בעסטן! — פּאַסיקן מיידל, ווער און וואָס זי זאָל נישט זיין... אַ שניידערין בת שניידער? זאָל זיין אַזעלכע: אויס מיטן יחוס אין אונדזער נייעם לאַנד.

אָבער אַרבעט אין שול איז פֿאַראַן איבערן קאָפּ, און צייט אויף צו זוכן אַ ווייב — איינגאַנצן נישט. האָט ער זיך גענומען אַרומקוקן אין דער נאָענטסטער סביבה. און דעמלט האָט ער איבעראַשט אַנטדעקט, אַז ע ר איז גאָר דער אָביעקט פֿאַר אַ פּאָר מיידלשע אויגן — ברוינע אויגן מיט אַ שאַרפֿן שניט, וואָס זיינען אויף אים אָנגעשטעלט ווי פֿרעגצייכנס: ווער ביסטו? וואָס שטעלסטו מיט זיך פֿאָר?... דאָס איז געווען די לערערין פֿון מאַטעמאַטיק אין די העכערע קלאַסן, ראָזאַליע קאָרנבלום. די ציוניסטישע לערער האָבן זי הינטער די אויגן גערופֿן מיט פֿיינדלעכער איראָניע — די גאַליציאַנער ח ב ר ט ע, ווייל זי איז געווען פֿון גאַליציע און אַ פּאַרטייערין.

...איז וואָס מיינען זיי, אירע אויגן? האַלט זי א י ם, דעם אומפּאַרטייישן, אויפֿן אויג? טוט זי אַכטונג אויף זיין פּאָליטישער כשרות? די ציוניסטישע לערער היטן זיך פֿאַר איר... ניין. נישט אַזוי וואָלט זי אין אַזאַ פֿאַל אויף אים געקוקט. ס'איז נישט דאָס. נישט קאַלטער חשד לייכט זיך אין אירע אויגן, נאָר — ווען ער וואָלט נישט מורא האָבן, וואָלט ער געזאָגט: גיכער וואַרעמע סימפּאַטיע. המם... ער איז דאָ, אין דעם לערער־פּערסאָנאַל, דער איינציקער בחור, און זי — אַ פֿריילין נאָך... זאָל זיין, אַז? אפשר?...

קאָוועַנסקי האָט אָנגעהויבן אויסצונוצן יעדע געלעגנהייט צו פּאַרטוישן כאָטש עטלעכע ווערטער מיט דער חברטע קאָרנבלום און זוכן אַ באַשייד אין אירע אויגן. איר שאַרף־געשטריכט פּנים גלעט זיך אויס דערביי, און די אויגן ווערן וואַרעם. דאָס איז גאַנץ אָנגענעם. עס פֿאַרגעסט זיך דערביי, אַז זי איז אַ שטרענגע פּאַרטייערין, און ס'וואָלט זיך געלוסטן אָננעמען זי פֿאַר דער האַנט. ער האָט זיך נישט געכאַפּט, דער מלמד, אַז דאָס רוקט ז י אים אונטער די גוטע געלעגנהייטן.

וואָס ווייטער פֿלעגן זיך די געלעגנהייטן שאַפֿן אָפּטערער, און דאָס פּאַרטוישן אַ וואָרט — פֿאַרטוישן זיך אויף אַ שמועס. אַזוי זיינען זיי געוואָרן היימישער און פֿריינדלעכער. ער האָט איר שוין איינמאָל זייער לעבעדיק און מיט היץ דערציילט אַפֿילו וועגן זיין „וועג" פֿון וואַרשע קיין ביאַליסטאָק און איר פֿאַרטרויעט זיין ווייטיקלעך באַדויערן צוליב אַ העפֿט, אין וועלכן „זיין לעבן איז געווען פֿאַרשריבן", און ער האָט אים געמוזט אין אַ מינוט פֿון טויט־געפֿאַר מיט די אייגענע הענט פֿאַרניכטן.

— אַך, ווען איך האָב איצט יענעם העפט! — האָט ער פאַרענדיקט כמעט פייערלעך.

— איז וואָס וואָלט איר געטאָן, חבר קאָוועןסקי? — האָט זי אים אַריינגעקוקט פאַראינטערעסירט אין די אויגן.

— וואָלט איך פאַרגעזעצט... איך האָב וואָס צו שרייבן...

— וועגן וואָס אַ שטייגער? — האָט אַ פלאַטער געטאָן אַ קליין שמייכעלע איבער אַלע שאַרפקייטן פון איר פנים, און דאָס שמייכעלע אַליין איז אויך געווען אַ שאַרפס און אַ כיטרע, וואָס האָט באַדייט, אַז זי שטויסט זיך עפּעס אָן.

ער איז דערפון אַ ביסל צעמישט געוואָרן, קאָוועןסקי, און געענטפערט נישט־אויפריכטיק און שטאַמלענדיק:

— וואָס הייסט וואָס?... חברטע קאַרנבלום... וועגן מיין נייעם לעבן דאָ אין ראַטנפאַרבאַנד.

— כאַ־כאַ־כאַ! — האָט זי זיך גינציק צעלאַכט, און אירע ברוינע אויגן האָבן אים אויסגעזען ווי פון צעלאָזטן האָניק; אויף אַזאַ צוועק בין איך גרייט צו שענקען אייך אַ נייעם העפט....

דערנאָך — ס'איז געווען ווינטער, גרויסע פרעסט — פלעגט זיך שוין אַזוי מאַכן, אַז ווען זייערע לעקציעס אין שול זיינען אויסגעפאַלן אין דער אַזונטיקער שיכט, און אַהיימגעגאַנגען איז מען שוין שפּעטלעך, ווען די באַוועגונג אין די גאַסן ווערט רויקער און געמיטלעכער, — זאָל שמואל קאָוועןסקי אונטערפירן די חברטע ראָזאַליע קאַרנבלום צו איר מיידלשער וווינונג ערגעץ אויף די כאַנייקעס. צוליבן פראָסט, הייסט עס, זיינען זיי געגאַנגען אייגער האַרט לעם צוזייטן און זיך ווי צו איינאַנדער געטוליעט. זייערע שמועסן, באַגלייט מיט אַ פּאָרע פון די מיילער, זיינען געוואָרן וואַרעמער און אינטימער.

פון די שמועסן האָט ער זיך דערוווּסט:

אַז זי שטאַמט פון אַ באַלמעלאָכישער היים, וועגן וועלכן ס'האָבן אויך עדות געזאָגט אירע הענט — קנאַכיקע, מיט ברייטע דלאָניעס, מיט נעגל, וואָס ענדיקן זיך נישט פאַרקיילעכיקט און זיינען אַריבערגעוואַקסן מיט הויט;

אַז דאָס ענדיקן אַ גימנאַזיע מיט אַ העכערן לערער־סעמינאַר איז איר אָנגעקומען מיט „קריעת־ים־סוף” (...יאָ, זי האָט העברעיש אויך געלערנט...) נאָר... אַז אַ מענטש נעמט זיך עפּעס אונטער, טאָר אים קיין שום שטערונג אין וועג נישט אָפּהאַלטן פון צו דערגרייכן דעם ציל, און ווער קאָן עס זיין אַ קאָמוניסט, נישט זייענדיק אַזאַ מענטש?

אַז זי איז אין אַ סך געביטן פיל געבילדעטער פון אים;

אַז זי איז יינגער פון אים מיט גאַנצע צען יאָר (...כאָטש ער זעט גאָר־נישט אויס אַזוי אַלט, ווי ער גייט אָן זיין עלטער);

אַז זי האָט קיינמאָל קיין צייט נישט געהאַט, נישט פאַר קיין לייכטן פלירט און אוודאי נישט פאַר קיין ערנסטער ליבע, פריער צוליב איר שטודיום און שפּעטער צוליב איר פּאַרטיי־שער אַרבעט.

ראָזאַליע — אַזוי האָט ער זי שוין גערופן ביי זיך אין געדאַנק און אין האַרצן, אָן דעם פאַמיליע־נאָמען און דעם טיטול חברטע — איז אים אַלץ סימפּאַטישער געוואָרן. עס האָבן אים אין איר נאָענטקייט געוואַרעמט אירע שימערנדיקע שאַטענע האָר און די העל־ברוינע אויגן. די שאַרפקייט פון אירע פּנים־שטריכן און דער שאַרפער שניט פון אירע אויגן, וואָס האָבן אים אין אָנהייב פון זייער באַקאַנטשאַפט אָפּגעפרעמדט פון זיך, האָט ער מחמת געוווינהייט אויפגעהערט אָפּצופילן. עס האָט אים אָנגעהויבן צו אימפּאָנירן איר פעסטגעבויט געשטאַלט מיטן פעסטן גאַנג און זעלבסזיכערן אַרט ריידן, און נאָכמער — איר איבערלעבטע ווערט: פאַר איר יונג־לעבן האָט זי היפּש אָפּגעשפּאָרט און אָנגעזאַמלט; אדאַנק איר כאַראַקטער און בילדונג שטייט זי פעסט אויף די אייגענע פיס. מיט אַזעלכער איז מען זיכער דורכצומאַכן די לעצטע שטיק וועג אין לעבן; אויף אַזעלכער קאָן מען זיך אָנשפּאַרן אַפילו אין דער שווערסטער צייט. און דאָס, וואָס זי איז אַ פּאַרטייערין?... דראָט דאָך היינט מיט גאָרנישט. פאַרקערט...

איינגיכן האָבן די קאָלעגן, געוועזענע לערער פון אַ "תרבות"־גימנאַזיע, אָנגעהויבן צו באַמערקן די "חברשאַפט", וואָס פּיקט זיך אויס ביים "וואָלינער יידישיסט" מיט דער "גאַליציאַנער חברטע", און געווען דערפון זייער נישט קאָנטענט — "ס'וועט צוקומען נאָך אַן אויפקוקער אויף כשרות...!" נאָר דווקא צוליב דעם האָבן זיי אַרויפגעצויגן גוטמוטיקע מאַסקעס אויף זייערע זויערע פּנימער. זיי האָבן זיך אָפט געוויצלט אין זייער בייזיין; וועגן דעם "פּאַסיקן שידוך מחמת פעלקער־פריינדשאַפט", וועגן דעם שידוך "צווישן האַרץ און מוח" — דאָס "האַרץ" האָט אין דעם פאַל געמיינט דעם וואָלינער שמואל קאָווענסקי, און דער "מוח" — די גאַליציאַנערין, ראָזאַליע קאַרנבלום. קאָווענסקיס פּנים פלעגט זיך דערביי רויטלען און פאַרראַטן, אַז זיין האַרץ האָט אַרויסגעשטויסן אַ בלוטשטראָמל. קאַרנבלום דאַקעגן פלעגט קאַלט און באַדעכקט צושמייכלען, ווי ס'פּאַסט זיך פאַר אַ מענטשן מיט אַ מוח, וואָס וועגט אַלץ אויף דער וואָג פון שכל, ווי עס שטייט אָן אַ פּאַרטייערין, וואָס האָט אויפן קאָפּ וויכטיקערע זאַכן.

שמואל קאָווענסקי האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז די קאָלעגן האָבן זיך אָפּגעלייגט אויף זיין בחורשאַפט, וואָס ער וויל עס כלומרשט נישט ביליק פאַרקויפן; זיי שטופּן אים אונטער, ער זאָל וואָס גיכער אַריבערגיין צו

מעשים בנוגע ראָזאַליע קאָרנבלום. אין תוך זיינען זיי גאַנץ גערעכט. נאָר ווי מאַכט מען עס?! אָנהייבן מיט ראָזאַליען שפּילן אַ ליבע און דערנאָך זיך איר דערקלערן? דאָס שיקט זיך עפּעס נישט. וואָס איז זי — עפּעס אַ ליאַדע מיידעלע?... ווען ער וואָלט ביי איר אַליין קאָנען פרעגן, ווי מע מאַכט עס, — האָט ער זיך צעשמייכלט אין זיך אַריין. המם... ביי דער ערשטער געלעגנהייט וועט ער איר אָן הקדמות, פּראָסט און פּשוט אַ זאָג טאָן... המם, פּאַרטיישע האָבן פיינט, אַז מע צערעמאָניעט זיך: יאָ — יאָ, נישט — נישט. נאָר אויב אַזוי... המם... פאַרוואָס זאָגט ז י א י ם נישט?... המם... זי פּרוּווט נאָך אַלץ אויס זיין כאַראַקטער?... אויב אַזוי — דערשרעקט ער זיך — קאָן דערפון ווערן גאָרנישט!

ביז ער האָט זיך אויף דער ערשטער געלעגנהייט דערוואַרט: זי האָט אים נאָך אַ „שפּאַציר" צון איר אַהיים אַריינגעבעטן צו זיך אין צימער:

— אַ ביסל זיך צו דערוואַרעמען... איר קאָנט נאָך דערפרירן ווערן, גייענדיק גלייך צוריק אין אַזאַ ברענענדיקן פראָסט.

ער האָט נישט געפּרוווט אַפילו זיך אָפּצוזאָגן. ער איז איר נאָכגעגאַנגען, ווי אַ שילער נאָכן דירעקטאָר אין זיין קאַבינעט אַריין.

ראָזאַליע האָט אים פאַרבעטן מיטצועסן מיט איר „וואָכעדיקן" אָנטבײַט, נישט ווי קיין ספּעציעל פאַרבעטענער גאַסט, נאָר חבריש, „כשעם כאַטאַ באַגאַטאַ". ער האָט זיך גלייך געזעצט צום טיש, אַזויווי דאָס איינלאַדן וואָלט גאָר געווען אינגאַנצן איבעריק... מיט פּאַרטייער דאַרף מען זיך נישט צערעמאָניען.

— אַזוי געפעלט עס מיר! — איז זי געווען פון אים אַנטציקט: דערפאַר קריגט איר ביי מיר אַ גלעזעלע ווײַן אויך — וואָס ביי אַ קבצן פאַרוואַלגערט זיך, וועט איר ביי אַ גביר נישט געפינען, פלעגט זאָגן מיין טאַטע.

ס'איז געווען אַ היימיש צוזאַמענעסן און אַן אויפגעלייגט, פריינדלעך שמועסן. די צייט איז אַוועקגעשוווּמען אומבאַמערקט. אין אַ צימער פון דער צווייטער זייט וואַנט האָט געשלאָגן אַ וואַנטזייגער, נאָר קיינער פון זיי האָט נישט נאָכגעציילט די קלאַנגען — צו וואָס? אַז מע וויל, קאָן מען דאָך אַ קוק טאָן אויפן זייגער ביי זיך אויף דער האַנט.

קאָוועַנסקי האָט זיך צום סוף פון דעם עסן דערפילט אַזוי היימיש, אַז ער האָט זיך פאַראַמאָל געמאַכט האַרץ און אַ זאָג געטאָן מיט אַ טאָן, וואָס אַז מע וויל, קאָן מען די רייד אָננעמען פאַר ערנסט פונקט אַזוי גוט ווי פאַר שפּאַס:

— אויב איר קאָנט אַזויפיל אויפטאָן, חברטע ראָזאַליע, איז אפשר וואָלט איר זיך געווענדט אין וווינונגס־אַמט זיי זאָלן אונדז אויסטוישן אונדזערע צוויי „קאַוואַלייערקעס" אויף אַ צוויי־צימערדיקע וווינונג מיט אַ בשותפות־

דיק קיכל? — און אַז ער האָט באַמערקט ווי ראָזאַליע גיסט נאָכאַמאָל אָן זייערע קעלישאָקלעך, האָט ער פאַרענדיקט שוין דורכויס ערנסט: בכלל איז מיין צימערל זייער אַ קאַלטס, און ס'איז נישט צו דערהייצן...

די חברטע ראָזאַליע האָט זייַנע ווערטער נישט גענומען ווי אַ שפּאַס.

— לאָמיר אויסטרינקען ברודערשאַפט, — האָט זי אָנגעשלאָגן אַ גלעזל אין אַ גלעזל, און ווען זיי האָבן מיט צעלאַכטע אויגן אויסגעטרונקען, איז זי געוואָרן ערנסט און אים אָנגעקוקט מיט וואַרעמע, האָניקדיקע אויגן: ס'איז אַ גאַנץ גוטער איינפאַל, שמואל. עס קאָן אָבער זיין, אַז מער ווי איין גרויס צימער מיט אַ קיכל וועלן זיי אונדז נישט געבן. ס'איז אַ גרויסער מאַנגל אין דירות. ס'האַלטן אין איין אָנקומען מענטשן פון יענער זייט.

זי האָט זיך פאַרקלערט. ער האָט געשוויגן. ווי די ציין וואָלטן אים צו־זאַמענגעוואָקסן געוואָרן. זי האָט זיך אויפגעשטעלט פון טיש און פאַר־ענדיקט:

—כ'וועל זיך די טעג ווענדן אין אונדזער בירדנס נאָמען אין דעם וווינונגס־אַמט. איך האָף, אַז די אויפגאַבע, וואָס דו האָסט פאַר מיר געשטעלט, וועט פּאָזיטיוו געלייזט ווערן.

אויך שמואל האָט זיך אויפגעהויבן. זי האָט אַראָפּגענומען פון טיש. אין נאָך אַ פּאָר מינוט שטילשווייגן האָט זי צוגעגעבן:

— אויב ביי דיר אין צימער איז אַזוי קאַלט, זיינען מיר דאָך פּרייע מענטשן — קאָנסטו, שמואל, בלייבן דאָ נעכטיקן.

שמואל האָט נישט געהאַט קיין סך זיך אַרומצוקוקן איבערן קליינעם צימערל, כדי צו זעען, אַז מער ווי איין בעט שטייט נישט דערין.

—המם... גוט, — האָט ער ווי קענן זיין ווילן איינגעוויליקט און זיך צוריק געזעצט אויפן אָרט.

ראָזאַליע האָט זיך גענומען פאַרען ביי דער הרובע. זי האָט אַריינגע־לייגט קוילן, עטלעכע צוויגלעך פון טרוקענער סאָסנע און אונטערגעהייצט. ס'האָט א שמעק געטאָן סאָסנע און אַרויסגערופן אין דער פאַרשטעלונג אַ הייסן זומער־טאָג אין וואַלד אין אָטוואָצק. ראָזאַליע האָט זיך אויפגעשטעלט און גענומען אויסבעטן דאָס געלעגער, זיי האָבן ערשט ביידע געשוויגן און זיך געהיט צו באַגעגענען מיט די בליקן. זי האָט געשטעלט לעם בעט אַ שטול פאַרן אָנטועכץ, און זיך געזעצט אויף אַ פוסבענקעלע פאַר דעם אָפענעם ליכטיקן קוואַדראַט פון דער הרובע מיטן רוקן אין צימער אַריין.

— שמואל, — האָט זי געזאָגט אין פלאַם אַריין: זיי אַזוי גוט און שליס דאָרט אויס לעבן זיך די עלעקטרע.

זיין האַנט האָט אויטאָמאַטיש דערפילט איר ביטע. ס'איז געוואָרן פינצטער. נאָר באַלד האָט זיך דער ענגער רוים פון צימער דורכגעזאַפּט

מיט א שוואכער ראָזלעכקייט פון דעם פלאָם אין דער הרובע. איצט האָט ער געקאָנט, שמואל, הארטנעקיק באַטראַכטן אירע שימערירנדיקע שאטענע האָר, וואָס האָבן קעגן דער רויטלעכער שיין באקומען א גאָלדיקן אַרעאָל. ס׳האָט אים א צי געטאָן, גיין שטעלן זיך הינטער איר אויף די קני און אָנלענען דעם קאָפּ אויף איר אַקסל קעגן דער שיין פון „קאַמין“. אָבער... ווי וועט זי, א פארטייערין, אויפנעמען אזא ראָמאַנטיזם? ער וועט זיך נאָר מאַכן לעכערלעך... וסיוּוי — אַזאַ מיידל איז ריין גאָלד! וואַליוטע!

— שמואל, טראַכט נישט אַזויפיל. ס׳איז שפּעט. גיי לייג זיך.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט, ווי א דרימלענדיקע קאַץ, גויף די שפּיץ פינגער צוגעגאַנגען צום געלעגער און גענומען זיך אויסטאָן זייער באַהיט, אז קיין שאָרך זאָל נישט דערגרייכן צו ראָזאַליעס אויער הינטער די שאטענע האָר מיטן גאָלדיקן אַרעאָל.

ער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט, כדי ראָזאַליע זאָל זיך פילן פרייער. ער האָט צוגעמאַכט די אויגן און עפּעס אָפּגעזיפצט, אליין נישט וויסנדיק פאַרוואָס. ס׳איז אים מיטאַמאָל באַפאַלן א דרימל, נאָר ער האָט פון דרימל ארויס געוואַרט. ער האָט געהערט, ווי ראָזאַליע פארמאכט דאָס טירל פון דער הרובע, און דערפילט הינטער די פארמאכטע וויעס, אז די ראָזלעכקייט אין צימער האָט זיך איינגעזאַפּט אין דער פינצטערניש, ווי... רויטער וויין.

מעגלעך, אז נאָך דעם האָט עס געדויערט בלויז א סעקונדע, אָבער אים האָט זיך געדאַכט — ווי לאַנג עס ציט זיך די נאַכט!... ער הערט ראָזאַליעס אָטעמען ביים טיש, אויף דעם אָרט, וווּ ער איז פריער געזעסן. זי זיצט דאָרט. קלערט זי איבערצושלאָפן אזוי די גאַנצע נאַכט, און ער וועט אזוי ליגן אין איר ווייכן בעט, ווי... „אַן עקספּלאָאַטאַטאָר“? סארא געמיינער מענטש ער איז! וואָס וועט זי טראַכטן וועגן אים? און ער האָט ווי פון שלאָף ארויס א ברום געטאָן:

— ראָזאַליע... גיי לייג זיך שלאָפן... הממ... קום...

איצט האָט זיין אָנגעשטרענגט אויער געהערט, ווי ראָזאַליע גייט צו אין די זאָקן צום בעט, טוט זיך אויס, ווי פריער ער, באַהיטעוודיק, נישט קיין שאָרך צו טאָן, ווי אים נישט אויפצוּוועקן. זי הייבט אונטער דעם זוים פון דער קאָלדרע און — ער האָט זיך צוגעדרוקט מיט א געפיל פון ליבע און דרך־ארץ האַרט צו דער וואַנט, כדי צומאַכן פאַר ראָזאַליען א באַקוועמערן פּלאַץ.

9.

שמואל קאָוועגסקי האָט שוין מער נישט געהאַט זיך צו באַקלאָגן אויף איינזאַמקייט. ער וואָלט סיידן קענען זיך באַקלאָגן אויף צווייזאַמקייט, וואָס אַדאַנק זיין פרידלעך צוזאַמענלעבן מיט ראָזאַליען אין חברשאַפט און אין ליבע איז עס אויך צייטנווייז געוואָרן א מין איינזאַמקייט זאַלבעצווייט.

אָבער אויך די צווייזאַמקייט האָט נישט לאַנג געדויערט: ראָזאַליע קאָרנבלום־קאָווענסקי האָט מאַטעמאַטיש אויסגערעכנט, אז ס'איז געוויג־טשענער, איר חבר, איר מאַן, שמואל, זאָל וואָס פריער א טאַטע ווערן — וואָס יינגער א טאַטע איז, אַלץ בעסער פאַרן קינד... די אַנדערע אומשטענדן וועלן זיי קיין מאַטעריעלע זאָרגן נישט פאַרשאַפן. זיי האָבן א גוטן פאַר־זאָרגער — די סאָוויעטישע מלוכה. די שילער ארום איר האָבן געוועקט אין איר אַ שטאַרקע בענקשאַפט צו ווערן א מאַמע. און איינמאָל האָט זי שמואלן מיטגעטיילט מיט פרייד אין דער שטים און מיט צעלויכטנקייט אין די ברוינע אויגן, אַז זי איז פאַרגאַנגען אין טראָגן. גייסטיק זיינען זיי שוין געווען זאַלבעדריט.

...אפשר זאָל איך זיך ווענדן וועגן אריינטרעטן אין דער פאַרטיי, — איז לעצטנס שמואל קאָוועגסקין אַלץ אָפטערער געקומען אויפן געדאַנק: איך וואָלט דערמיט ראָזאַליען א סך נחת־רוח פאַרשאַפט... ווער ס'איז גע־גאַנגען צו די קאָמוניסטן, ווייל ער האָט געלעבט אין נויט, און איך — ווייל די נייע אָרדענונג, וואָס זיי האָבן געשאַפן, באַזאָרגט מיך מיט אַלץ. — ער האָט זיך פונדעסטוועגן, געטריי זיינע קליינבירגערלעכע שטענדיקע קווענקלענישן, אויף דעם נישט באַשלאָסן: צי פאַרדינט ער זיך גאָר דער־רויף, אָנגענומען ווערן אין דער פאַרטיי? פאַר וועלכע זיינע מעשים־טובים? המם... פאַרטייישקייט איז צו גאָר א סך מחייב, טיילמאָל צו אלץ — צי איז ער, א שרעקעוודיקער בטבע, מסוגל אויסצופירן די אלע אויפגאַבן, וואָס די פאַרטיי וועט פאַר אים שטעלן? און ער האָט יוצא געווען דערמיט, וואָס ער איז געוואָרן א מיטגליד אין מאָפּר. נישט מער, אזוי גלייך ווי ביז היינט האָט ער זיך באַטראַכט פאַר אַן אומפאַרטייישן סאָציאַליסט, אזוי האָט ער זיך ערשט געהאַלטן פאַר אַן אומפאַרטייישן באָלשעוויק. אין פרייער צייט מיט חשק געלערנט דעם קורצן קורס פון דער פאַרטיי־געשיכטע און גע־האַט... עגמת־נפש, וואָס ער קאָן קיינמאָל נישט אָנּיאָגן אין דעם פּרט ראָ־זאַליען מיט איר מאַטעמאַטישן קאָפּ.

דאָס יונגע לערער־פּאָרפּאָלק האָט אויסער דער שטוב געלעבט פאַר דער שול, פאַר דער געזעלשאַפט, אין שטוב — געוואָרט מיט געשפּאַנטקייט

אויף זייער „ערלעכן דרייעק” און זיך געפילט גליקלעך אין קעגנזייטיקער ליבע, אכטונג און פארשטענדעניש.

נאר היטלער — דער טייוול, וואס האט זיי פון זייערע פריערדיקע נעסטן ארויסגעשליידערט — הצט זיי דאס מענטשלעכע גליק נישט פארגונען. ס׳האט אויסגעבראכן די מלחמה צווישן דייטשלאנד מיטן ראטנפארבאנד. דעם טייוולס פליגל האבן געפלאטערט איבער דער שטאט.

די קאוועגסקיס זיינען אין אומגליק געווען צווישן די גליקלעכסטע: ס׳האט זיך זיי איינגעגעבן זיך צו עוואקוירן. היטלערס אעראפלאנען האבן, ווי שווארציארן, נאכגעיאגט זייער צוג און אים באשפיגן מיט פייער. ס׳זיינען געווען: אימה, גוואלדן, יאמער און פארוונדעטע — בלוט. נאר זיי, די קאוועגסקיס, זיינען דורכגעפלויגן דעם „טייוולס פייער-קאסטרוי” בשלום. נישט מער, די טויט-פחדים האבן אזוי איבערגעדרייט און איבערגעוועלגערט אין ראזאליען דאס איינגעווייד, אז ווען זיי זיינען נאך לאנגע טעג פארן איבער דעם ענדלאזן ראטנפארבאנד ענדלעך אנגעקומען אין דער שטאט אקמאלינסק, אין צפון-קאזאכסטאן, האט ראזאליע פריצייטיק געקריגן ווייען און געבוירן א קינד, א יינגעלע, וואס האט קוים-קוים געלאזט הערן זיין ערשטן געשריי אין דער וועלט אריין. נסים, וואס מ׳האט די מאמע מיטן עופהלע דערפירט לעבעדיק אין א שפיטאל אריין. דארט איז עס ביים לעבן דערהאלטן געווארן אדאנק דעם מסירת-נפש פון דער קאזאכישער דאקטארין, חברטע זולפוגארא אבדולאיעווא, וואס האט נישט געזשאלעוועט פארן זשיפענדיקן קינד קיין היפשע בלוט-פארציעס פון אירע אייגענע אדערן, דאס בלוט, וואס זי האט געהייליקט פאר די רויטארמייער, וואס ווילן זייער אייגן בלוט פארלירן אויפן פראנט.

— דאס עופהלע, — האט זי געלאכט מיטן גאנצן טונקעלן פנים: איז דאך דער יינגסטער רויטארמייער, וואס איז פון פראנט געקומען...

דאס קינד האבן טאטע-מאמע א נאמען געגעבן אהרעלע: ס׳האט זיך „צום גליק” ארויסגעוויזן, אז זייערעביידנס טאטעס, שמואלס און ראזאליעס, האבן אזוי געהייסן, און „מע פארשפארט זיך צו אמפערן” צוליבן קינדס נאמען. דאס אמתע גליק אבער איז געווען אהרעלע אליין, ווייל וואס בלייערנער און שווערער די מלחמה האט געמאכט דאס לעבן, אלץ זיסער און שטארקער איז געווען די טרייסט און דער נחת, וואס דאס קינד האט פארשאפן. דאס, וואס ס׳האט געמוזט אין די פרימארגן-שעהן, ווען זיי ביידע גייען אוועק צו דער ארבעט, זיין אויף „פרעמדע הענט” אין דעם זויגלינגהויז, האט זיי קיין עגמת-נפש נישט פארשאפט: לעבט דאך עס בכלל אין זכות פון דעם ״פרעמדן״ בלוט פון דער קאזאכישער דאקטארין, חברטע זולפוגארא אבדולאיעווא!

— דאָס קינד איז גאָלד — האָט די מוטער געשעפּט נחת: גאָלדן בלוט האָט די דאָקטאָרין אין אים אַריינגעשפּריצט.

— טאַקע גאָלד! — איז דער טאַטע אַריין אין התפּעלות, וואָס האָט אַרויפגעבראַכט שליים פון זייַנע טיפענישן: אונדזער בעסטע וואַליוטע!

— אַן איינפאַל פון אַ טאַטן, אַ קליינבירגער — האָט זיך די מאַמע צע־לאַכט: וואַליוטע גאָר, ווי ס'וואָלט שוין גאָר אויף דער וועלט קיין חשובערס נישט געווען.

— נו, וואָס? — האָט זיך שמואל ווי פאַרשעמט און געשטאַמלט, זיך כשרנדיק פאַרן ווייב, די פאַרטייערין: אַזאַ וואַליוטע איז דאָך כשר אַפילו בײַ אונדז אין ראַטנפאַרבאַנד.

מיט דער צייט איז עס בײַ שמואלן געוואָרן אַ געוווינהייט צו רופן דאָס קינד „וואַליוטע", הגם ראָזאַליע האָט עס תמיד ממש אויפגערעגט:

— אַזאַ פּאַסקודנע געוווינהייט! ווי דו וואָלסט אַלע דייַנע יאָרן דער־מיט געהאַנדלט! אַ לערער, דערצו נאָך אַ סאָוויעטישער און — וואַליוטע!

פלעגט ער זיך שוין היטן דערמיט, „זיך אָפּבייסן די צונג", און הנאה האָבן „פון דער וואַליוטע", ווען ער איז פאַרבליבן מיט איר אַליין.

פאַקטיש איז שוין שמואל קאָווענסקי דעמלט קיין לערער נישט גע־ווען: אַקמאָלינסק האָט פאַר אים, דעם לערער פון ייִדיש און ייִדישע ליטע־ראַטור, קיין ייִדישע שול נישט צוגעגרייט, און ער איז געגאַנגען אַרבעטן אויף אַ פאַבריק. אין אָנהייב איז דאָס אים זייער שווער געווען און ער האָט זיך עס פאַרלייכטערט מיטן געדאַנק: אויפן פראָנט איז דאָך נאָך שווערער, און מיטן לעבן ריזיקירט מען נישט. דערנאָך האָט ער זיך צוגעוווינט און אַפילו אָנגעהויבן צו שטאָלצירן דערמיט קעגן ראָזאַליען, וואָס ער איז אַ פאַבריק־אַרבעטער און פאַרדינט נאָך דערצו מער פון איר, דער לערערין.

פאַר יענער צייט האָט עס אים גאַנץ שטאַרק געמאָנט זיך איינצושליסן אין דער פאַרטיי — ער האָט זיך דאָך שוין אײַנגעשלאָסן בפועל־ממש אין דעם אַרבעטער־קלאַס, און נאָך אין וועלכן! אין סאָוויעטישן! אָבער אויך דעמלט האָט אים אַרויסגעפּעלט אַ שטויס דערצו פון דרויסן. ער האָט אים דער־וואַרט פון ראָזאַליען, פאַר וועלכער ער האָט זיך וועגן דעם איינמאָל נישט אָן אַ כוונה אַרויסגערעדט. אָבער זי איז עס פאַרבײַגעגאַנגען מיט שטיל־שווײַגן: עס זײַנען איר קלאָר געשטאַנען פאַר די אויגן די שורות — „ס'איז נישטאָ קיין העכערס, ווי דער כבוד צו געהערן צו דער דאָזיקער אַרמיי. ס'איז נישטאָ קיין העכערס, ווי דער נאָמען מיטגליד פון דער פאַרטיי, וואָס איר גרינדער און אָנפירער איז דער חבר לענין. נישט יעדערער איז ווערט צו זײַן אַ מיטגליד פון אַזאַ פאַרטיי". און שמואל — בײַ אים איז נאָך דאָס

קינד „וואַליוטע"!... האָט ער זיך געקווענקלט, שמואל, געקווענקלט, און דערביי געבליבן... ס'וועט נאָך קומען די צייט דערויף אויך.

אַרום און אַרום האָבן זיי פאַרדינט אויף א לעבן אין דחקות, ווי אין מלחמה־צייט. נאָר... — אַבי מע זאָל נאָר דערלעבן מיטן קינד דעם נצחון!

און זיי האָבן אים דערלעבט, דעם געגאַרטן און אויסגעחלומטן נצחון, און נישט נאָר מיט אהרעלען, „דעם טאַטנס וואַליוטע", נאָר מיט נאָך איינס, וואָס איז שוין געווען ביי דער מאַמען אין בויך, אין וועג צו דער נאָכ־מלחמהדיקער נייער, שיינער און גליקלעכער וועלט, אויף וועלכער מע וועט שוין מער פון קיין מלחמות נישט וויסן.

10.

דער צוג, וואָס האָט געפירט די קאָוועַנסקיס אין אַן עשעלאָן מיט יידן פון קאַזאַכסטאַן קיין פוילן, האָט איינמאָל אין א נעפלדיקן באַגין איבער־געכאַפּט דעם אָטעם לעם אַן אָרעם, פינצטער וואָקזאַלעכל אויף פּראַגע לעבן וואַרשע. דאָס וואָקזאַלעכל איז אָנגעשטאָפּט געווען מיט מענטשן, שמאַטעס, טאַבאַק־רויך און פאַרלעגערטע שלעכטע רוחות. ס'איז אוממעגלעך געווען אין דעם וואָקזאַלעכל זיך אַריינצובאַקומען, כדי צו קריגן עפּעס ביים בופעט. און אפשר איז דאָרט קיין בופעט בכלל נישטאָ... אָט וואָס די היט־לעריסטן האָבן איבערגעלאָזן פאַר א זכר פון די גרויסע וואַרשעווער וואָק־זאַלן! ווי־זשע זעט אויס דאָס אַמאָליקע שיינע וואַרשע אַליין! ווי־זשע זעט שוין אויס דער יידישער געטאָ אין וואַרשע!...

עטלעכע וואַרשעווער יידישע פאַמיליעס אין דעם עשעלאָן האָבן גענו־מען אַראָפּשלעפּן פון צוג זייערע בעבעכעס: זיי וועלן זיך נישט שלעפּן ווייטער! וואָס?... ס'וואַרטן דאָרט, אין נידערשלעזיע, רחבותדיקע דירות מיט באַלעבאַטישקייט, און אַרבעט און ווילשטאַנד? ניין, זיי מוזן קודם אַדורכקוקן זיך אין וואַרשע, אין זייער היים — אפשר?... פּראַגע דאָ דערלעבן איז דאָך גאַנץ געבליבן, איז אפשר?...

האָט אויך שמואל קאָוועַנסקי דערקלערט דעם ווייב מיט אומדער־וואַרטעטער עקשנות, וואָס איז געקומען פון האַרץ, נישט פון מוח:

— ראָזאַליע, דאָ מוזן מיר אַראָפּגיין. די לעצטע יאָרן איז וואַרשע גע־ווען מיין היים. דאָ האָב איך געלערנט און דערצויגן הונדערטער קינדער... טו מיר צוליב, ראָזאַליע.

צו דער גרופּע וואַרשעווער יידן, וואָס זיינען געשטאַנען אַרום זייער גע־פּעק פאַרן וואָקזאַלעכל, זיינען באַלד צוגעקומען צוויי יונגעלייט, מיטאַר־בעטער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן. זיי האָבן די אַרויס־

געשטיגענע רעעוואקוירטע, צווישן וועלכע ס'זיינען שוין אויך געשטאַנען די קאָוועסקיס מיט די קינדער און דעם געפּעק, אויפגעלאַדעוועט אויף א מאַשין, אוועקגעפירט אויף פּראַגע אין א שטוב, וו מ'האָט זיי אויפגענומען מיט אַ וואַרעמען פרישטיק. אַ דאַנק גאָט — מע טרעסלט זיך שוין נישט, און מ'איז שוין אויף אַן אָרט צווישן יידן.

דער טאָג איז די קאָוועסקיס אַוועק אין איינאָרדענען זיך צייטווייליק אויף אַ דירה. נאָכן לאַנגן פאָרן אין טרעסלענדיקן און רוישנדיקן וואַגדן, זיינען זיי איבערגעשלאָפן די ערשטע נאַכט אין פּראַגע אויף האַרטע געלעגערס, ווי אונטערגעבעט מיט ווייכע מאַטראַצן. אַפילו די קליינע חנהלע האָט די נאַכט געלאָזט זיך אַ ביסל אויסרוען און קומען אַ ביסל צו זיך.

שמואל האָט זיך גאַנצפרי אויפגעהויבן פון געלעגער אין אַ געהויבענער שטימונג.

— ווי שווער ס'איז נישט געווען דאָס לעבן מלחמה־צייט, האָבן מיר פונדעסטוועגן אָפּגעשפּאָרט א מאַיאָנטעק, — האָט ער א שפּאַס געטאָן: אויב אהרעלע איז גאָלד, איז דאָך די קליינע חנהלע גינגאָלד! באַטראַכט נאָר, ראָזאַליע, איר געלאָקט קעפּעלע. איך פאַרגין נישט קיין פרעמד אויג, וואָס קוקט דערויף. מע זאָל גאָר דעם קינד קיין גוט־אויג נישט אָפּגעבן... זעסט, ראָזאַליע, כ'האָב שוין אָנגעהויבן רעדן, ווי א יידענע, ווי אונדזערע מאַמעס פלעגן רעדן...

ראָזאַליע האָט אָפּגעזיפצט, דערמאָנענדיק זיך אין דעם, וואָס גייט איז כסדר פון זינען נישט אַרויס — דעם „אומענדלעכן יידישן בית־עולם" אין פּוילן, אויף וועלכן זי וועט איר מאַמעס געביין שוין קיינמאָל נישט אָפּגעפינען, סיידן... ווער ווייסט?...

שמואל האָט פאַרשטאַנען דעם פּירוש פון איר זיפץ, און געוואָלט איר פאַררעדן.

— איך זאָג דיר, — האָט ער כמעט ווי אויסגעשריגן: אונדזערע קינדערלעך זיינען... די בעסטע וואַליוטע!

— און דו ביסט ווידער מיט דיין וואַליוטע! — האָט זי א זאָג געטאָן מיט א טיפן פאַרדראָס: אייביק מיט דער וואַליוטע! איך זיפץ וועגן טויטע, און דו קלאַפּסט אין אַ בלעכערנער פּושקע „צדקה תציל ממות" מיט גאָלדענע פינפערלעך...

נאָכן העלפן ראָזאַליען ברענגען א ביסל אין אָרדנונג די קינדער, דאָס צימער, האָט זיך שמואל נאָכן מיטיק אַוועקגעלאָזט צופוס קיין וואַרשע צום געטאָ. דערשיטערט שוין אין גאַנג פון די חרובע גאַסן, נאָך וועלכע ס'איז אַפילו „דער נאָמען נישט געבליבן", איז ער אריבערטרעטנדיק אין געטאָ, שטיינגעבליבן מיט וואַקלעניש, ווי ער וואָלט וועלן אין פּחד־שטוינונג זיך

צוריקציען. די אויגן זיינען זיך אים צעגאַנגען איבער אַ ים פאַרגליווערטע כוואַליעס פון היגלען און בערגלעך ציגל, טינק און זאַמדשטויב... אַ מדבר? ניין, מאוימדיקער פון אַ מדבר! דער בליק ווערט פון גאָרנישט פאַרהאַלטן אַזש ביזן קילן האָריזאָנט דאָרט פון יענער זייט ווייסל. ער ווערט דאָרט צערונען און פאַרגליווערט מיט דיין נפש צוזאַמען.

ער איז געשטאַנען אַזוי מבולבל פאַר דער דאָזיקער אימהדיקער פאַרוויסטונג און חורבן־פּאַנאָראַמע, ניין, פאַר דעם דאָזיקן בראשיתדיקן תוהו־ובוהו — אָן געפילן, דאַכט זיך, און אָן געדאַנקען. דער איינציקער בלאַסער געדאַנק אונטער זיין שאַרבן איז אפשר געווען דער פאַרתמטער חידוש אויף זיך אַליין: זע נאָר! און איך ברעך אפילו נישט אויס מיט קיין געוויין!?...

ער האָט זיך גערירט פון אָרט, ווי איין גאַנג צו זוכן אַ תשובה אויף זיין פאַרוואָס. ער איז ווייטער געקראָכן פאַמעלעך איבער גרוז און שטויב, ווייל אויך דער ברוק, דער איינציקער „לעבעדיקער" זכר פון די פריערדיקע גאַסן, איז פאַרוואַליעט געווען מיט צעשטיקלטן ציגל, טינק און זאַמדשטויב. ער האָט זיך געשלעפּט, און אויך אַזוי האָט זיך געשלעפּט זיין טראַכטן אונטערן שאַרבן: עס לאָזט זיך נישט צוזאַמענבינדן די דערמאָנונג וועגן דעם לעבעדיקן, קאָכעדיקן, קוועקזילבערדיקן יידישן לעבן אויף די דאָזיקע גאַסן — עס שטייט איצט אַזוי רעליעף אין זיין פאָרשטעלונג! — מיט דער וויסטעניש אין דער ווירקלעכקייט דאָ פאַר זיינע אויגן. דו ווייסט, אַז די דאָזיקע ווירקלעכקייט איז דער „המשך" פון דעם וואָס דו זעסט אין דיין פאָרשטעלונג, אָבער דיין ווען, דיין האַרץ באַנעמט עס נישט, ווייל עס נישט און קאָן עס נישט באַנעמען — אַזוי אכזריותדיק אומפאַרשטענדלעך־אימגלייבלעך איז עס!

דער געדאַנק שעפּטשעט דיר אין אויער — יאָ, דו נעמסט אויף ווי אַ געשעפּטש: דאָ אונטער דעם אָנגעוואַלגער פון ציגל, אייזנוואַרג, טינק, זאַמד און שטויב ליגט דאָס טייערע געביין פון טויזנטער ברידער... די ביינער פון דיינע שילער און שילערינס. און — ווי קאָן גאָר דאָס אַלץ איבער זיי רויק איינליגן?! און אַז קיין ברעקל ציגל, קיין זעמדל אפילו טוט זיך פון אָרט נישט קיין ריר, איז... איז דאָך עס עפּעס גאָרנישט אַזוי געשען. אָ?... דערפאַר קוועלן נישט אָן די אויגן מיט קיין טרערן. דיין האַרץ איז אויך בלויז אַ צעבראָכן, פאַרשטויבט שטיקל ציגל, דיין שאַרבן — דאָס שטיקל שערבל פון אַן ערדענעם טאָפּ, אויף וועלכן ס'האָט נאַר־וואָס אָנגעטראָטן דיין שוך און, פּלאַצנדיק, האָט עס אַ גרילץ געטאָן אין דיין טויבן אויער... צוליב דער שטומקייט אַרום קומט דיר אויס, אַז דער אויער איז טויב... וואָס טוען אַזוי ווי די שלייפן? די זון, כאָטש אַ בייטאָגעדיקע שוין, אָבער פון גאָרנישט נישט פאַרשאָטנט, ברענט דעם מיט קאָפּ.

ער איז אַרויפגעקומען אויף נאַוואַליפּקי־גאַס. אַט דאָ ערגעץ האָט ער געוווינט אין זיין קליי בחוריש צימערל אין דעם הויז קעגנאיבער דער קאַמעניצע, וווּ ס'איז געווען די צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע. נישטאָ קיין זכר פון זיי ביידע. נישטאָ, און ס'איז אַפילו אוממעגלעך זיך צו אָריענטירן זייערע פּלעצער. ביי וואָס זאָל זיך דער בליק אָנכאַפּן און פון וואָס זאָל ער מעסטן? אָך, יאָ, מע קאָן מעסטן פון דעם קלויסטער, וואָס איז דאָ שטיינגעבליבן, ווי אַן איינזאַמער נזיר, איבערן יידישן חורבן, און זיין באַצלמטער שפּיציקער מיץ איז שטאָלץ־פאַרריסן און פאַרשטאָכן אין בלוי פון הימל...

פון דאַנען האָט זיך שמואל קאָוועגסקי אָוועקגעשלעפּט צו דער שמאָלער־מילע־גאַס. ער איז צוגעקומען צום אָרט, וווּ ס'האָט געזאָלט שטיין זיין שול — די יידיש־וועלטלעכע שול, וווּ ער איז געווען לערער און דערציער. נישטאָ. וואָלטן כאָטש די ווענט מיט די פענצטער־לעכער, די אויוונס מיט די קוימענהעלדזער שטיינגעבליבן — וואָלט דער מבולבלער רעיון געהאַט ביי וואָס זיך אָנצוקלאַמערן, פאַרטשעפּען... ווי פאַר אַ שטומער מצבה. ניין, גאָרנישט, גאָרנישט איז נישט געבליבן. בלויז — אַ נול. אַ קאָלאָסאַלער נול פון לופט און זונליכט איבער גרוז...

זיין בליק בלאָנדזשעט אַרום, ווי אַ פלעק, איבערן ים גרוז. די וויסטקייט שפּרייט זיך, ווי ווייט דער בליק דערגרייכט. בלויז דאָ און דאָרט שלייכן איבער די שטיין־כוואַליעס, אין דער זונליכט, אויפן הינטערגרונט פונעם בלוי־אָפּגעבליאַקעוועטן הימל, סילועטן פון מענטשן. וואָס זוכן זיי דאָרט? דאָס אייגענע, וואָס ער דאָ, מסתם — שאָטנס פון אוועקגעגאַנגענע אין דער אייביקייט אַריין. און ווידער שווימט שוין דער בליק איבערן האָריזאָנט. דאָרט ליגט אַן אומגעזעענע די גרויע ווייסל. ער פלעגט זיך דאָרט באָדן און טיילמאָל זיך לאָזן שיפלען אויף אַ קאַיאַק פון זיינע עלטערע שילער...

זיין בליק האָט זיך מיטאַמאָל אַראָפּגעגליטשט אויפן שאָטן פון זיינע אייגענע פיס... עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד האָט ער ערגעץ־דאָ געלערנט און דערציגן צענדליקער שילער און שילערינס... געשטאַלטן און פּנימער גייען שנעל פאַרביי זיינע אויגן... אַ סך, אַ סך ליבע האָט זיך דאָ אָנגעזאַמלט פון אים צו די קינדער און פון די קינדער צו אים... אַזאַ טייער, וואַרעם געפיל, ווי... פליסיק גאָלד... אמתע וואַליו...

ער האָט מיט געוואַלט איבערגעריסן די מחשבה אין מיטן וואָרט. ער האָט זיך שרעקלעך פאַרשעמט צוליבן לעצטן נישט־פאַרענדיקטן פאַרגלייך. דאָס בלוט האָט אים אַ זעץ געטאָן מיט היץ אין קאָפּ אַריין. מיט אַ האַסמיקער באַוועגונג האָבן זיינע הענט אַ פלי געטאָן צו די אָנגעצונדענע באַקן

און פארשטעלט מיט די דלאָניעס פאר דער היליקער וויסטעניש דעם שפּיי, וואָס האָט ווי אויסגעשאָסן פון זיין מויל... ער האָט דאָס געשפּיגן אויף זיך אליין פאר דער נבזהדיקט פון זיין מחשבה — וואליוטע גאָר!... ווי ער קאָן זיך עס נישט באַפרייען פון דעם דאָזיקן גאָלדענעם שמוץ מיט די „אשר־יצר־פּאַפּירלעך" אַפילו אין אַנגעזיכט פון דעם, וואָס זיינע אויגן זעען ערשט, וואָס זיין מוח טראַכט און זיין הארץ הייבט אָן אויפצונעמען... אין אַנגעזיכט פון די שאָטנס פון זיינע שילער־קדושים, וואָס שוועבן ערשט כּאַרביי זיינע אויגן... פארשאָלטן!

שמואל קאָוועסקי האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט אזוי אָפּגעשוואַכט פון די אַלע איבערלעבענישן, אַז די קני האָבן אים אָנגעהויבן צו טאָנען אונטער דער שווערקייט פון דעם מידן גוף, זיינע אויגן האָבן א זוך געטאָן פאר אים אַן אָרט זיך צו זעצן. דערלעבן איז געליגן א בלאָקל פון ציגל, וואָס האָבן זיך געמיינזאַם געראַטעוועט, פעסט צוזאַמענגעהאַלטענע פון צעמענט. האָט ער זיך אויף דעם אנידערגעזעצט און באַהאַלטן זיין פארשפּיגן פּנים אין די הענט.

איבער אים איז געהאָנגען די וואַרעמקייט פון דער זון, וואָס האָט זיך שוין גענומען בייגן צום מערבדיקן הימל־ראַנד. פון מידקייט און צעבראָכנקייט האָט ער גענומען איינדרימלען. פאַרביי אים האָט אוועקגעפלאָסן די צייט מיט דער שיינענדיקער לופט, און אונטער אים — דער געטאָ־מדבר. ער האָט געדרימלט.

פּלוצעם האָט ער דערפילט פון דרימל ארויס: א שאָטן האָט זיך געלייגט אויף זיין אראָפּגעבויגענעם קאָפּ... איז די זון אונטערגעגאַנגען? ער האָט אראָפּגענומען די הענט פון פּנים, און זיינע צעעפנטע אויגן זיינען געבליבן הענגען אויף אַ גרינגבלעכן וואָלקן... ניין, ס'איז גאָר אַ פּאָלע פון אַ זעלנערישן שינעל. עס חלומט זיך אים?.. ער האָט אויפגעהויבן דעם בליק: פאר אים איז געשטאַנען א זעלנער, נאָר ער האָט נישט איבערגעשראָקן — ער איז אָן געוועזן. א ?! א ייד. זיין פּנים איז ווי באַקאַנט. אויך יענער קוקט אים פארשנדיק אין פּנים אריין. גרויסע, שווארצע, פייכטע און צעשטראַלטע אויגן. ער, שמואל, האָט זיי שוין זיכער אַמאָל ערגעץ געזען, די דאָזיקע אויגן. ווען? ווו?... די אומבאַקענטע־באַקענטע אויגן האָבן אָנגעהויבן גרעסער, פייכטער און שטראַלנדיקער ווערן, ווי זיי וואָלטן זיך צעגיסן איבערן גאַנצן פּנים. עס האָט זיך צעשמירט איבער דעם א צעשמייכלטער גלאַנץ, און דאָס מויל האָט זיך אָן עפן געטאָן אויף א פריידיקן אויסגעשריי, נאָר אין דעם זעלבן אויגנבליק איז דאָס פּנים ווי געליימט געוואָרן, און דאָס מויל האָט איינגעהאַלטן, שטיל און ווי הייזעריק א זאָג געטאָן:

— איך לעבט? לערער קאוועצקי! און איך בין געווען זיכער, אז...

עס האט דעם לערער א הייב געטאן פון ארט. ער האט ארומגעכאפט דעם נאכנישט־דערקאנטן שילער, זיך צעקושט מיט אים און געמורמלט:

— דיינע אויגן זיינען מיר אזוי היימיש... נאר... איך דערקען נישט... מיינער א שילער?... ווער ביסטו?

— און איך האב דעם לערער לייכט דערקאנט. אחוץ וואס דאס ביסל גרויקייט פון די האר... איך בין באליעק גאלדהאר.

— גאלד... האר? — האט דער לערער געקנייטשט דעם שטערן און געשלונגען דעם שילערס פנים מיט די אויגן.

— באליעק גאלדהאר, וואס... — האט דער שילער זיך געררויטלט און געשמייכלט פארשעמט: וואס האט זיך ביי איך שלעכט געלערנט... באליעק, נו... מיטן פארשטאפטן קאפ. אז דער לערער פלעגט ברוגז ווערן אויף מיר, האט ער מיר אויף א געלעכטער גערופן — האר גאלד.

— אך, — האט זיך דער לערער געכאפט מיט א באהערשטער פרייד: באליעק האר גאלד פון זיבעטן קלאס!

— דאס איז ער, לערער, נאר אין א קאפאטע פון א פוילישן סאלדאט. בעתן ענדיקן אונדזער שול אין אכטאונדרייסיקסטן יאר בין איך אלט געווען זעכצן, היינט — פיר און צוואנציק.. כ'בין געקומען אהיים פון ראטנפאר־באנד מיט פוילישן מיליטער.

דער לערער האט ווי פארגעסן, ווי זיי געפינען זיך איצט, האט געקוקט אויף אים מיט נחת און געשמייכלט.

— אין מיליטער בין איך געווען א בעסערער שילער ווי ביי אייך, לערער, — האט זיך דער שילער ווידער צעשמייכלט, נאר דאס מאל מיט שטאלץ: אין מיין פארשטאפטן קאפ שטעקן גוטע אויגן, וואס פארפעלן קיינמאל נישט דעם ציל... נישט איין פריץ וואלט עס קאנען באשטעטיקן, ווען טויטע פאשיסטן וואלטן קאנען רעדן.

ערשט האט דער שילער געשמייכלט צו זיינע העלדישקייטן בעת זיין לעצטן מארש אויף בערלין, דער לערער — פון צופרידנקייט מיט זיין שי־לערס העלדישקייטן, און זייערע שמייכלען האבן זיך צוזאמענגעגאסן. נאר באלד איז דעם שילערס שמייכל ווי איינגעזאפט געווארן אין זיין פנים. ער איז געווארן ערנסט־אומעטיק, זיינע אויגן האבן זיך ווי באהאלטן טיפער אונטערן שטערן:

— פון אונדזערע שילער, לערער, האב איך דא קיינעם נישט געטראפן. המם...

אין דעם מאמענט האבן זיך אין לערערס זין צונויפבאהעפט דאס אמאליקע לעבן אין דער שול מיטן חורבן איצט דא ארום. ער שטייט דא —

אפשר מיט זיין איינציק לעבעדיק געבליבענעם שילער — אין שיין פון שקיעה. א זיפץ האָט אויפגעריסן פון זיין ברוסט. ס'האָבן אָנגעהויבן שווי־מען קאָלירטע פלעקן פאַר זיינע אויגן, און זיין קעל האָט קאָנוולסירט מיט אַ ספּאַזמאַטיש כליפּעריי. זיין קאָפּ האָט אַ פאַל געטאָן דעם שילער אויפן אַקסל. די הוט איז אים אַראָפּגעפאַלן אויפן גרוז. ער האָט געוויינט מיט טרערן אין א וואַרעמער פּינצטערניש אַריין.

—לערער... לערער... — האָבן ביים שילער געצוקט די ליפּן, און זיין זעלנערישע שאַרסטקע האַנט האָט געגלעט דעם לערערס באַזילבערטע שלייפן.

ווען די טרערן האָבן אים ווייך געמאַכט די קעל, און די קאָנוולסיע האָט נאָכגעלאָזן, האָט דער לערער אויפגעהויבן דעם קאָפּ. די רויטע שקיעה־שיין איז־אים געפאַלן אויף די נאַסע ברעמען. דעמלט האָט באַליעק גאָלדהאַר, דער מיטן פאַרשטאָפּטן קאָפּ און די גוטע אויגן, וואָס פאַרפעלן קיינמאָל נישט דעם ציל, אַ טראַכט געטאָן, קוקנדיק זיין אַמאָליקן לערער אין די אויגן אַריין:

„...צייט איך וועל לעבן וועל איך נישט פאַרגעסן, ווי דער לערער קאָ־וועניסקי האָט געוויינט אויפן גרוז פון אונדזער שול מיט בלוטיקע טרערן״ און אזוי טאַקע איז עס אים אַראָפּגעפאַלן פון די ליפּן:

— לערער,ווישט אָפּ דאָס בלוט פון די אויגן...

.11

די קאָוועניסקיס האָבן באַקומען צוגעטיילט פון דעם וואַרשעווער יידישן קאָמיטעט אַ וווינונג אויף פּראַגע — צוויי צימערן מיט אַ קיך, אויסגע־שטאַט אפילו מיט מעבל „נאָכן דייטש“. מ'האָט פאַר זיי געטאָן אַלץ, ווייל זיי זיינען ערשט אין גרויס חשיבות: אַזעלכע לערער, לערער אין די גע־וועזענע יידישע שולן, דאַרף מען האָבן אין לעבן אַריין, און אַזעלכע זיינען גאָרנישט בנמצא.

שמואַל קאָוועניסקי טרעט גלייך צו צו דער אַרבעט אין דער היגער יידישער שול, און זיין ווייב, ראָזאַליע קאָרנבלום־קאָוועניסקי — ווי נאָר זייער עלטער קינד וועט אָנהייבן גיין אין שול, און זיי וועלן זיך איינשאַפן אַ „מענטשן״ אַכטונג צו געבן אויפן טעכטערל.

די צאָל פון יידישע איינוווינער אין וואַרשע איז אַ קליינע — נישטאָ דאָ קיין וווינונגען פאַר די רעפּאַטרירטע פון ראַטנפאַרבאַנד, און דערפאַר פאַר־מאָגט דערווייל די שול נישט מער ווי פיר צונויפגעשטופּעוועטע קלאַסן מיט

אַ קליינטשאַליקן קינדער־באַשטאַנד. יידן אין וואַרשע לעבן דערוויל ווי אויף
אַ בית־עולם, און יעדעס קינד אין שול דערמאָנט אַפילו מיט זיין לעבעדיקייט
און פרייד: אונדזערע ברידערלעך און שוועסטערלעך — די הונדערטער און
טויזנטער — זיינען נישטאָ! אַוועק אין הימל אַריין מיט די רויכן פון די קרע־
מאַטאָריעס... אין אַזאַ שול איז די אַרבעט אַ פיינלעכע. די אַרבעט גופא איז
באַזונדערס באַשווערט געווען צוליבן פעלן פון יידישע שול־ביכלעך. אויך
זיי זיינען אוועק אין די געטאָס מיטן פייער און מיטן ווינט, זיינען אויפגע־
פרעסן געוואָרן פון רעגנס, שנייען און פויליעניש, און דער לערער מוז לער־
נען מיט די קינדער „תורה־שבעל־פה”. אָבער אַלץ האָט שמואל קאָווענסקי
אָנגענומען פאַר ליב. ערשטנס, איז ער פאַרזאָרגט מיט אַרבעט און ברויט
און געפינט זיך אויף זיין געהעריקן פלאַץ, צווייטנס, אפילו ביי איר איצטיקן
נעבעכדיקן פעדאַגאָגישן מצב ליינדערט די שול כאָטש עטוואָס דעם ווײ־
טיק פאַר דעם אַלץ, וואָס איז אוועק אין דער אייביקייט אַריין, גיט צום
ווינציקסטן אַ בלאַסע טרייסט אין דער אבלות, וואָס יעדער ייד, דאַכט
זיך, פילט דאָ אָפּ. און ס׳גרינט זיך אויס אַ האָפענונג: מיט דער צייט וועט
זיך דאָס שולעכל צעוואַקסן, זיך איינפעסטיקן, און מע וועט נאָך אין יידישע
קינדער נחת דערלעבן.

ראַזאַליע, כאָטש די קינדער האָבן ביי איר צוגענומען די גאַנצע צייט,
האָט גערן יעדן אָונט אויסגעהערט שמואלס דערציילן וועגן דער שול, זי
האָט אים מקנא געווען, שמואלן, וואָס איז נישט איינגעשפאַנט, ווי זי, אין
דעם יאָך פון פערזענלעכן לעבן — און די פאַרטייערין איז ז י דאָך! און
האָט שוין אויסגעקוקט די צייט, ווען זי וועט צוזאַמען מיט אהרעלען גיין
דעם ערשטן טאָג אין שול אַריין: ער — ווי אַ שילער אין ערשטן קלאַס, און
זי — ווי אַ לערערין. זי ווייסט, אַז אויך די שול קוקט זי אויס מיט די אויגן
פון די שילער; זי האָט טאַקע די שול, גאָר קנאַפּ קינדער, אָבער אויך פאַר
זיי קלעקן נישט קיין לערער, וואָס קאָנען פירן די לימודים אויף אַ ריינעם,
גוטן יידיש: צוזאַמען מיט די יידן האָבן די היטלעריסטן פאַרטיליקט דאָ
אין פוילן, אויך זייער לשון — יידיש. דאָס לשון דאַרף ערשט תחית־המתים
אויפשטיין.

מיט זייער מאַטעריעלן מעמד האָבן די קאָווענסקיס געקאָנט זיין אין
פלוג צופרידן. כאָטש די הויפּטשטאָט האָט אינגאַנצן אויסגעזען ווי איין
גרויסע וווּנד, און דאָס רויִנירטע לאַנד האָט עקאָנאָמיש ערשט קוים אָנ־
געהויבן צו די כוחות צו קומען און זיך שטעלן שוואַך אויף די פיס, — האָט
זיי פונדעסטוועגן גאָרנישט געפעלט. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן
אין פוילן האָט איינגעשטעלט דאָס נעבעכדיקע ביסל יידיש לעבן, און די
יידישע לערער האָבן געקריגן פון אים אויסגעצאָלט אַ געהעריקן לוין.

ראָזאַליע האָט ביסלעכווייז זיך אויסגעשאָפן אַלץ, וואָס נייטיק פאַר זיי מיט די קינדער און איינגעפונדעוועט דאָס באַלעבאַטישקייט. אַפילו אַ ראַ־דיאָ האָט זי אַריינגעשטעלט אין שלאָף־צימער.

אָבער מיט דער צייט האָט שמואל אָנגעהויבן אויסצודריקן זיין זאָרג:

— דער יידישער קאָמיטעט איז דאָך נישט קיין אייביקע זאַך — איז וואָס וועט דעמלט זיין?

נאָר ראָזאַליע האָט אים באַרויקט:

— דעמלט וועל איך דאָך אויך שוין אַרבעטן. צי זעסטו נישט, ווי דאָס לאַנד גייט מיט שנעלע טריט צום סאָציאַליזם... אין ראַטנפאַרבאַנד, פאַרן אויסבראָך פון דער מלחמה, האָט אונדז עפּעס געפעלט?

— אָבער... — האָט זיך שמואל נישט געלאָזט באַרויקן און אַראָפּפירן פון וועג: איצט האָבן מיר דאָך שוין צוויי קינדער, וואָס וואַקסן אונטער און דאַרפן וואָס ווייטער אַלץ מער. און דער „מענטש" קאָסט אויך היפּש...

איז טאַקע שמואל קאָוועצקי איינמאָל געשטעלט געוואָרן פאַר אַ נסיון אין אים נישט אויסגעהאַלטן:

אַ גאַסט פון אַמעריקע האָט באַזוכט זייער שול. דערהערנדיק דעם פאַ־מיליע־נאָמען קאָוועצקי, האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן צו זיין נאָטיץ־ביכל. אַ נישטער געטאָן דערין דורך זיינע ערגסטע דיקע ברילן און געפּאַקט עפּעס, ווי אַן אַנטדעקונג:

— שמואל קאָוועצקי! פון אַ שטעטעלע לעבן ראָוונע — דאָס זענט איר?... האָב איך פאַר אייך אַ גרוס פון אייער פעטער משה קאָוועצקי... אַט דאָ האָט איר זיין אַדרעס און צען דאָלאַר. שרייבט מיר אונטער אַ קבלה. אָלרייט, אַ דאַנק.

— וואַרטס נאָר... המם... נאָך אַ לערער זון איך אַרום. אפשר איז ער אייך צופעליק באַקענט. דאָ ביי אייך טרעפט מען אַלץ בלויז צופעליק... המם. נישט קיין לערער אייגנטלעך, נאָר אַ לערערין. ראָזאַליע...

— קאַרנבלום אפשר?! — האָט שמואל קאָוועצקי אַזש אַרויסגעשריגן איבערראַשט.

— ווירקלעך. קאַרנבלום. אין גאַליציע האָט זי געוואָלט וווינען.

— דאָס איז מיין ווייב! איצט הייסט זי ראָזאַליע קאַרנבלום־קאָוועצ־סקי... זי האָט אויך אַ פעטער אין אַמעריקע?

— יעס. אַט האָט איר נאָך צען דאָלאַר פון אירער אַ מומע אין סאַנט־לויס. דאָ איז איר אַדרעס. ביטע — אַ קבלה.

— אָלרייט! — איז קאָוועצקי געווען צעקאָכט און, מיט אַ געפיל ווי די פרייד צוליב די דאָלאַרן וואָלט אים אַזש געביסן, האָט ער אַריינגעלייגט די צוויי צענער־באַנקנאָטן אין בוזעם־קעשענע.

גייענדיק אַהיים אויף מיטיק, האָט ער זיך פאַרגעשטעלט, ווי ראָזאַליע וועט זיך עס דערפרייען מיט דער מומען, מיט איר גרוס, מיט אירע דאָלאַרן, ווי אויך מיט די דאָלאַרן פון זיין פעטער. המם... דאָלאַרן פון אייגענעם פעטער אין מומע מאַכט דאָך נישט אויס. נאָר אין דער היים איז אים פונדעסטוועגן די מיטטיילונג וועגן די דאָלאַרן שטעקנגעבליבן אין האַלדז. ער האָט איר דערציילט בלויז וועגן די גרוסן מיט די אַדרעסן. מיט די דאָלאַרן וועט ער איר מאַכן אַ סיורפּריז אַ צווייט מאָל ביי עפּעס אַ פּאַסיק געלעגנהייט, נישט גלאַט איבמיטן אַ מיטוואָך.

דעם זעלבן טאָג אין אָוונט האָט קאָוועַנסקי אָנגעשריבן זייער אַ האַרציקן און דאַנקבאַרן בריוו צו זיין פעטער משה קאָוועַנסקי אין ניו־יאָרק. ער האָט זיך פאַר אים, אמת, נישט מתנצל געווען, נישט געקלאָגט זיך, אַז ער איז אין אַ נידעריקן מעמד, האָט אים אָבער אויך נישט געשריבן קלאָר, אַז ער נייטיקט זיך נישט אין קיין אונטערשטיצונג; בעט׳ז ביי אים וועט ער נישט, — האָט ער געטראַכט: נאָר אַז ביים פעטער זיינען די פּאָר דאָלאַר אַ קלייניקייט, און דאָ וועט פון זיי „אַ מאַטניא" — איז פאַרוואָס נישט? זאָל ער שיקן.

דעם אַדרעס אויף צוריק האָט ער אָנגעגעבן נישט אַהיים (...טאָמער טרעפט אַמאָל נישט דער בריווטרעגער קיינעם אין שטוב), נאָר אויף דער פּאָטשט אָפּצונעמען.

— און דו, ראָזאַליע, קלייבסט זיך גאָרנישט ענטפערן דער מומען? — האָט ער זי איינגיכן אַ מינטער געטאָן.

— כ׳וועל דיר זאָגן דעם אמת, שמואל. איך געדענק זי קוים, די מומע. כ׳האָב אַפילו נישט געוווּסט, אַז איך האָב נאָך ערגעץ אַזעלכע. ווייסט דאָך, אַז איך בין נישט קיין סענטימענטאַלע. סיווי וועט זיך אַזאַ בריוו־אויסטויש לאַנג נישט ציען... חוץ דעם — אויב נישט צו שרייבן ציפערן, בין איך פויל אויף דער פּען.

— ווייסטו וואָס, ראָזאַליע?! — איז שמואל געוואָרן געטריי: אַז דו ווילסט, וועל א י ך ענטפערן דיין מומען. איך ווייס?... אַן עלטערע פרוי, זאָל זי האָבן פון דיר נחת.

קעגן דעם האָט ראָזאַליע גאָרנישט געקאָנט האָבן. פונדעסטוועגן האָט זי אים געענטפערט מיט אַ לייכטער איראָניע, וואָס ער האָט אין זיין ברען פון געטריישאַפט נישט אַרויסגעפילט:

— כ׳האָב גאָר קיינמאָל נישט חושד געווען, שמואל, אַז דו האָסט אַזאַ שוואַכקייט צו קרובים, אַזש צום ווייבס. מילא, אויב ס׳וועט דיר פאַרשאַפן הנאה — שרייב.

אויפן צווייטן טאָג האָט שמואל, שוין נישט אין דער היים, נאָר אין

שיל בעת אַ פּויזע, אָנגעשריבן אַ בריוו אויך צו ראַזאַליעס מומע אין דעם אייגענעם נוסח, וואָס צו זייך פעטער, און מיט דעם אייגענעם צוריק־אַדרעס.

...די קינדער, זאָלן אונדז געזונט זיין, — פלעגט ער טראַכטן אין פּרייע מינוטן: וואַקסן אונטער. אַלץ מער וועט אויסקומען אויף זיי זיך אויסצוברענגען. איז געוווּנטשן אָפּצושפּאָרן און צוגרייטן אויף אַ שלעכטן טאָג... ראַזאַליע, הגם ער קאָן איר נישט פירהאַלטן, אַז זי איז אַן אויסברענגערין — אָבער די שטוב האָט זי ליב צו פירן ברייטלעך, און אַ מלבוש, סיי פאַר זיך, סיי פאַר אים, און נאָכמער פאַר די קינדער, איז זי געוון, עס זאָל זיין „אייגנס", פון אויסלענדישן שטאָף און געניי, און נישט פון די אַמעריקאַנער „שמאַטעס"... אַזוי איז געווען דער שטייגער ביי באַלמעלאָכעס — האָט מען נישט פאַרדינט, האָט מען געפּעכנעט פאַר הונגער, אָבער קוים יאָ — איז „צאָ זאַראַביאַם, טאָ פּשעפּיען". פון אָפּשפּאָרן האָט מען ביי זיי נישט געוווּסט. ראַזאַליע האָט די תורה מסתם בירושה פון דער היים. לויט איר „מאַטעמאַטיקע", ראַזאַליעס, לעבן מיר אין אַזאַ צייט, וואָס אָפּשפּאָרן אויף מאָרגן איז אָדער ענגהאַרציקייט, אָדער טפּשות. המם. ער פילט אַנדערש... ער קומט פון אַן אַנדער היים. ווער ווייסט, צו וואָס די צייט קאָן דערפירן?

...המם. איז וואָס זאָל ער טאָן? צוליב דעם מאַכן אַ שלעכט לעבן צווישן זיך מיטן ווייב? ס'ליגט אים נאָך אין טעם דאָס גריזשעניש פון זיין טאַטע־מאַמע, עליהם־השלום, צוליב דער זעלבער זאַך. עס האָט אים אין זיינע קינדעריאָרן נישט וויניק געערגערט און געקרענקט — זאָל ער איצט דעם זעלבן „פאַרגעניגן" צושטעלן זיין אהרעלען און חנהלען? איז שוין גלייכער צו האָבן פאַר איר אַ סוד... און אַזוי גוט ווי ער האָט פאַר ראַזאַליען פאַרלייקנט די ערשטע צוויי צענער־דאָלאַר, אַזוי האָט ער פון היינט אָן און ווייטער אויסבאַהאַלטן פאַר איר די אַלע דאָלאַרן, וואָס זיין פעטער און איר מומע פלעגן ביילייגן אין זייערע ווייטערע בריוו. אַזאַ בריוו, וואָס ס'האָט זיך געלוינט צו געבן איר איבערצוליינען, האָט ער געגעבן, און אַזאַ וואָס נישט — נישט. איבעריקנס, ראַזאַליע האָט געהאַט אַ שוואַכן אינטערעס פאַר די אַמעריקאַנער בריוו. זי איז פאַרנומען געווען מיט די קינדער, מיט דער באַלעבאַטישקייט און געלעבט מיט דער דערוואַרטונג ענדלעך צו ווערן „אַ נוצלעכער מיטגליד פון דער געזעלשאַפט".

שמואל קאַווענסקי האָט געזאַמלט די דאָלאַרן און זיי באַהאַלטן אין אַ טישקעסטל, וואָס איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט העפטן און פּאַפּירן און אין וועלכן ראַזאַליע האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין נייטיקייט אַ נישטער צו טאָן. המם... און טאָמער? טאָמער וועט עס אַמאָל צופעליק געשען? — כ'האָט אים אַ זעץ געטאָן דאָס האַרץ — דאַרף מען זיך טאַקע גוט היטן, דאָס שליסעלע פון טישקעסטל זאָל זיך תמיד געפינען ביי אים. אין דעם

פרט איז שוין זיין טאַטן געווען בעסער פון אים: ער האָט זיך נישט באַדאַרפט אויסבאַהאַלטן מיטן באַהעלטעניש פאַר דער מאַמען. ער, שמואל, קאָן אויך נישט, ווי זיין טאַטע, הנאה האָבן פונעם איינלייגן און איבערציילן דאָס געלט — טאָמער טוט עס אַ טראָג אַן ראָזאַליען. אוי, וואָלט עס אים פאַרשאַפט פאַרגעניגן! דו ציילסט דאָס פאַרמעגן, און פילסט, ווי דו וואַקסט צוזאַמען מיט דעם. (ווער ווייסט, צי וואָלט דערמלט נישט שמואל קאָוועגסקי געטאָן, פונקט ווי זיין טאַטע, אַ טרוקענעם שפיי אויף די באַנקנאָטן צוליב אַן עין־הרע. נאָר דערצו איז עס נישט געקומען. ער האָט יעדעס מאָל שנעל געטאָן אַ שטופ אַריין דעם דאָלאַר־באַנקנאָט אין אַ דיקן קאָנווערט, פאַרשטעקט אים צווישן די העפטן און פאַפירן אויפן סאַמע דנאָ פון טישקעסטל, און עס מיט אַ שנעלן וואַרעמען אָטעמען פאַרשלאָסן). ער האָט זיך געמוזט פאַרשאַפן דעם דאָזיקן פאַרגעניגן בלויז אין דער פאַנטאַזיע. דערפאַר אָבער האָט ער דאָס געקאָנט טאָן אומעטום און צו יעדער צייט. אַפילו אין די אינטימסטע מינוטן מיט ראָזאַליען.

ראָזאַליען האָט אַוודאי אויפן געדאַנק נישט געקאָנט קומען, אַז איר שמואל, „איר קליינבירגער“, באַהאַלט אויס פאַר איר אַזאַ געמיינקייט. איר שמואל, — און אויסבאַהאַלטענע דאָלאַרן! וואַליוטע!... פאַרקערט, זי האָט אים שוין אַפילו אינגאַנצן אָפּגעוווינט פון זיין מיאוסער געוווינהייט צו רופן די קינדער „וואַליוטע“.

דאָ אַנומלט האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט חנהלען אויף די הענט און זי פאַרוויילט. ווען ער איז שטיינגעבליבן מיטן קינד פאַרן גרויסן שפיגל, און זי האָט צוגעלעגט דאָס בלאָנדע, געלאָקטע קעפּל מיטן שמייכלענדיקן פנימל צו זיין קאָפּ, וואָס ווערט אַלץ זילבערדיקער, האָט ער זיך צעשמייכלט, שמואל, צו איר, צו ראָזאַליען, אין שפּיגל אַריין:

— דו זעסט, ראָזאַליע, אונדזערע קעפּעלעך? גאָלד מיט זילבער!...

זי האָט גלייך אָנגעצויגן אַ ברוגז־מאַסקע אויפן פנים אין דערוואַרטונג, אַז ער וועט ענדיקן אויף זיין אַמאָליקן שטייגער: אמתע וואַליוטע!

ער האָט עס אָבער קענטיק גאָר נישט בדעה געהאַט צו זאָגן. איז זי אויך צוגעגאַנגען צום שפיגל, געקושט זיי ביידן אין קאָפּ און זיך צעלאַכט מיט נחת־רוח, קוקנדיק אויף זיי אין שפיגל:

— טאַקע גאָלד מיט זילבער!... זילבער... דו ווערסט אַלט, שמואל.

ווי האָט איר גאָר געקאָנט איינפאַלן, ראָזאַליען, אַז שמואל רופט שוין מער נישט די קינדער וואַליוטע גראָד דערפאַר, ווייל אַנשטאָט זיי, דעם וואַליוטע־ערזאַץ, האָט ער זיך דערוואָרבן וואַליוטע ממש.

12.

אין פליסיקער לערערישער און דערציערישער טעטיקייט איז גיך אריבער א חודש נאך א חודש, און פאמעלעך אויך א יאר נאך א יאר. ראזאליע קארנבלום־קאוועגסקי האט שוין געארבעט צוזאמען מיטן מאן אין דער יידישער שול. זייער אהרעלע האט געלערנט אין צווייטן קלאס, און חנהלע אין קינדערהיים ביי דער שול. ס'איז געווען פון וואס צופרידן צו זיין: מ'איז צוזאמען מיט די קינדער גאנצע פיר און צוואנציק שעה אין מעת־לעת.

דאס צוזאמענלעבן פון דעם לערער־פארפאלק, פון די קאוועגסקיס, האט כסדר געשטראמט פרידלעך, אנגעזעטיקט מיט לערערישער מי און מיט דער נחת־פרייד צוליב די שול־קינדער און די אייגענע.

ראזאליע, וועלכע איז לעצטנס אויך פארטייש טעטיקער געווארן, האט מיט געדולד און האפנונג אפגעווארט דעם טאג, ווען שמואל וועט איר ענדלעך אנזאגן מיט א שמייכל די בשורה, אז ער האט געמאכט א ווענדונג אין דער פארטיי. זי שטויסט זיך עס עפעס אן פון זיינע שמועסן. א, ווי זי וואלט עס גערן געוועןן! אפילו זייער פערזענלעך צוזאמענלעבן וואלט דערויף געווונען. אבער ווירקן אויף אים אוממיטלבאר צוצואיילן זיין באשלוס, וויל זי נישט פונדעסטוועגן. ס'קלעקט איר דערויף דער קאלטער שכל אפצוקילן די אייפעריקייט פון איר הארץ. זי ווייסט, אז פרוכטן, וואס פאלן פריצייטיק אראפ פון צווייג — האבן זיכער ווערעם אין זייערע יאדערדיקע הערצלעך גורם געווען זייער „צייטיק" ווערן פאר דער צייט...

סוף־כל־סוף, באווירקט זי זיך, וועט שמואל אליין קומען דערצו. דאס גאנצע לאנד איז אנגעגליט מיט דער היץ פון אנגעשטרענגטן אויפבוי אין גאנג צום סאציאליזם; זיין אטמאספער איז אנגעזעטיקט מיט יוגנטלעכן ענטוזיאזם און אידעאליזם; עס אטעמען דערמיט די צייטונגען, דער ראדיא און — זיי ווינען דאך אין ווארשע, דאס הארץ און די געהירן פונעם לאנד! שמואל גייט טאג־טעגלעך פארביי דער בוינג און זעט ביי דער ארבעט די יוגנט, די עס־פע; די בעסערע מענטשן פון אונדזער געזעלשאפט מוזן איז אזא צייט צייטיק ווערן צו פארטיישקייט, צום קאמוניזם; און צו די דאזיקע מנטשן געהער זיכער אויך שמואל, וואס ארבעט אזוי מסירת־נפשדיק פאר דער שול און דערציט אירע שילער אין פולשטענדיקן הסכם מיט די דערציונגס־פאסטולאטן פון אונדזער מלוכה.

קאוועגסקי האט זיך ווירקלעך ארומגעטראגן מיטן געדאנק אריינצוטרעטן אין דער פארטיי. איבערהויפט פון דער צייט, ווען די יידישע שול איז פארמלוכהשט געווארן, און ער האט זיך קלאר געמאכט, אז ער איז אן אנגעשטעלטער ביי דער רעגירונג פון א סאציאליסטישער מלוכה. זי איז

פאַר אים, די סאָציאַליסטישע מלוכה, דאָס, וואָס... המם... ער וואָלט אַן אַנדערער, אַ גאַנצערער מענטש געוואָרן, ווען ער גייט אַריין אין דער פּאַרטיי. גאַנצער מיט זיך און גאַנצער מיט ראָזאַליען. אָבער... אים מיט ראָזאַליען טיילט פונאַנדער נאָך עפּעס: דער סוד פון דער אויסבאַהאַלטענער וואַליוטע ביי אים אין טישקעסטל. דער סוד דריקט אויף אים ווי אַ משא, וואָס... ווי ווערט מען שוין פון אים פּטור? ווען בישט דער סוד, וואָלט ער זיך שוין ענדלעך געוואָנדן צו דער פּאַרטיי. אָבער אַזוי.. אויב מע קאָן נאָך אַפילו האָבן אַ סוד פאַר אַ ווייב אַ פּאַרטייערין, ווי קאָן מען גאָר האָבן אַ סוד פאַר דער אייגענער פּאַרטיי?! ניין, ער מוז נאָך אָפּוואַרטן. ביז ווען? ער ווייסט אַליין נישט. זי, ראָזאַליע, זאָל נאָר אַמאָל נישט אָנהייבן צוצושטיין צון אים וועגן דעם טאַקע, וועגן דער פּאַרטיי... עפּעס פילט ער אַמאָל אַרויס פון אירע רייד...

ס׳איז געקומען די פעריען־צייט. די קאָוועַנסקיס זיינען אַרויסגעפאָרן מיט די קינדער אויף זומער־וווינונג הינטער וואַרשע. די קינדער האָבן גאַנצע טעג פאַרבראַכט אין וואַלד, אויפן פעלד, געשפּאַצירט, אַרומגעשטיפט, אַרומגעטאַנצט, געבאָדן זיך אין זונשיין און אין וואַסער, געגעסן און געטרונקען מיט אַפּעטיט און אויסגעצייכנט געשלאָפן. זייער הויט האָט זיך אָפּגעברענט, די בעקלעך האָבן באַקומען קאָלירן, ווי זיי וואָלטן גאָרנישט געווען קיין קינדער פון דער גרויסער שטאָט. טאַטע־מאַמע האָבן געהאַט פון וואָס נחת צו שעפּן. ראָזאַליע האָט געזאָגט, אַז קוקנדיק אויף דעם קליינוואַרג, פילט זי, ווי זי אַליין גיסט זיך אָן מיט פרישער בלוט, ווי זי ווערט יינגער. זי וואָלט דאָ קאָנען לעבן פון דער בלויזער לופט פליוס דעם פאַרגעניגן פון די קינדער.

— נאָר אַז מע קאָן נאָך דערצו אַליין אויך געניסן פון עסן און טרינקען און זיך לאָזן ווילגיין, איז פאַרוואָס נישט! אַ, ווי מיינסטו, שמואל? — האָט זי אים געפרעגט פון איר ליג־שטול אַרויס, אָפּרייסנדיק די אויגן פונעם געלייענטן ביכל.

שמואל האָט בלויז צוגעשמייכלט מיט הסכמה. ער האָט געשוויגן, כלומרשט איז אים אַ שאָד מפסיק צו זיי אינמיטן לייענען.

איינדערהאמתן האָט ער זיך די גאַנצע צייט פון זייער זיין דאָ אויף קיין איין ביכל נישט קאָנצענטרירט. און ווי קאָן ער זיך יאָ קאָנצענטרירן? אַז זיין גאַנץ פאַרמעגן דאָרט אין דער היים איז אויף הפקר! אמת, זיי האָבן פאַרן אַרויספאָרן אַסעקורירט זייער וווינונג, אָבער — פאַר די דאָלאַרן, וועגן וועלכע ראָזאַליע טאָר די מינדסטע אָנונג נישט האָבן, איז דאָך קיינער נישט פאַראַנטוואָרטלעך, די בייזע שעה זאָל נישט זיין! און דערצו קאָן ער

זיך וועגן דעם אַפילו פון האַרץ פאַר קיינעם נישט אַראָפּריידן, סיידן פאַר די שטומע ביימער אַרום. טויב־שטומע ביימער — די נאָדל־ביימער...

...וויפל האָט ער דאָרט ליגן אין טישקעסטל? המם... ער ווייסט עס אַליין נישט. ווי אַ בעטלער, אַ גייער איבער די הייזער (...מע זעט זיי היינט נישט אין וואַרשע. אַפילו דאָס איז אַרויס פון דער „מאָדע") ווייסט נישט וויפל דאָרע רעפּטלעך ברויט ס'האָבן זיך אין משך פון דער וואָך אָנגע־קליבן אין זיין לייוונטענער, שמוציקער טאָרבע.

ער האָט עס טאַקע נישט געוווּסט אַפילו בערך, קאָוועינסקי, וויפל דאָ־לאַרן ער האָט אין משך פון די עטלעכע יאָר אין גרויס איילעניש פאַר־שטופּט צווישן די פּאַפּירן. ערשטנס, דערפאַר, וואָס ער האָט עס געטאָן אין איילעניש און אין מורא, אַז ראָזאַליע זאָל אים נישט אומדערוואַרט „פּאַקן ביי דער „גנבה"", און צווייטנס, איז ער מיטן גאַנצן לייב־און־לעבן געווען אַריינגעטאָן אין זיין לערערישער טעטיקייט, אַז ציטנווייז — צווישן איין אַמעריקאַנער דאָלאַרדיקן בריוו און אַ צווייטן — איז אים (צו זיין שבח געזאָגט!) זיין „פּיירערקאַסע", דאָס טישקעסטל מיט די דאָלאַרן, אינ־גאַנצן אַרויס פון זינען. דאָס געדעכעניש פון די דאָלאַרן איז דעמלט געלעגן הינטער אַ נעפּל אויפן האָריזאָנט פון זיין באַוווּסטזיין.

באַזונדערס האָבן זיך די דאָלאַרן געכומען אויסבלייכן אויפן ראַנד פון זיין זכרון פאַר דער צייט, ווען פרישע האָבן וואָס ווייטער אַלץ זעלטענער אָנגעהויבן אָנצוקומען. צי די סיבה דערפון איז געווען, וואָס ער, קאָוועינסקי, איז צוליב צייט־מאַנגל און מאַנגל אין געדולד אַלץ אומפּינקטלעכער גע־וואָרן אין זיין קאָרעספּאָנדענץ צו זיין פעטער און ראָזאַליעס מומע אין אַמע־ריקע; צי ד אָ ס, וואָס אויף יענער זייט האָט מען אַלץ קרימער אָנגעהויבן צו קוקן אויפן נייעם, זיך אויפבויענדיקן פוילן, און דער פעטער מיט דער מומען זיינען געווען אין דער מיינונג און געגעבן וועגן דעם אָנצוהערעניש, אַז דער פּלימעניק מיט דער פּלימעניצע דאַרפן פאַרטווישן פוילן אויף ישראל, וווהין זיי וואָלטן געגרנער שיקן די דאָלאַרן, — סיי־ווי, פאַרן לעצטן יאָר האָבן זיי זיך אינגאַנצן אָפּגעשטעלט, די דאָלאַרן.

פאַר די לעצטע חדשים האָבן זיך בלויז צוויי „ליידיקע" בריוו באַוויזן אין געסט צו קומען, און שמואל האָט פאַרגעסן אויף זיי צו ענטפערן, ווי מע פאַרגעסט אַמאָל זיך אָפּצוגריסן אַן אַרעמען קרוב, בעת מ'איז שטאַרק פאַרנומען.

האָט זיך טאַקע פאַרן לעצטן יאָר געטראָפן, אַז קאָוועינסקי זאָל אויף לאַנגע וואָכן פאַרגעסן, "ווי אין אַ טויטן", זיין סוד פאַר דער וועלט מיט זיין ווייב אַריינגערעכנט. נאָר איצט, דאָ אויף דער זומער־וואַקאַנץ, פריי פון פאַרפליכטנדיקער אַרבעט און פרייער אין צייט, האָט אים רעכט באַהערשט

זיין סוד, און די זאָרג פאַר די אויף הפקר געלאָזענע דאָלאַרן האָט אים צוגענומען די רו. נישט אומזיסט איז ראָזאַליע באַזאָרגט געווען וועגן זיין שוואַכן אַפּעטיט און פאַרעוועטער שטימונג.

— אויף וועלכן ים זיינען דיינע שיפן אונטערגעגאַנגען? — האָט זי נישט איינמאָל געפּרוווט ביי אים דערגייך, און איז, פאַרשטייט זיך, גאָרנישט דערגאַנגען.

שמואל האָט זיך דעריבער איינמאָל גערן אָנגעכאַפּט פאַר ראָזאַליעס פאָרשלאָג, ער זאָל זיך אַריינכאַפּן אין שטאָט אַריין צו באַזאָרגן עטלעכע קלייניקייטן פאַר דערווירטשאַפט און:

— אפשר וועסטו פון שטאָט קומען אַ ביסל אַ פריילעכערער.

...ענדלעך וועט ער נאָך אַ לאַנגער צייט זיין איינער אַליין ביי זיך אין שטוב און קאָנען... לאָזן זיך ווילגיין. ער וועט צונויפלייגן אין אַ געהעריקן סדר די אָנגעזאַמלטע דאָלאַר־באַנקנאָטן. ער וועט זיי איבערציילן איין מאָל און צוויי מאָל, און זיך אַריינגעמען אין שוואַכן זכרון וויפל וואַליוטע ער פאַרמאָגט. ער וועט פאַרשרייבן די צאָל אויפן קאָנווערט. המם... פאַראיינוועגס וועט ער זיך שוין אויך אַרומקוקן וווּ זיי צו פאַרשטעקן אויף אַ זיכערער אָרט. סוף־כל־סוף קאָן זיך דאָך טרעפן, אַז צו ראָזאַליען אין האַנט זאָל צופעליק אַריינפאַלן דאָס שליסעלע, און זי זאָל צופעליק אַ נישטער טאָן אין זיין טישקעסטל, און... די טיר אין דער פאַרטיי אַריין איז פאַר אים פאַרמאַכט אויף אייביק!

די גאַנצע צייט, וואָס ס'האָט פאַרנומען דאָס פאָרן און דאָס דערליידיקן די קלייניקייטן אין שטאָט, איז ער מיט דער נשמה געווען אין שטוב, ממש, אין טישקעסטל... מאָדנע, ווי דעם מענטשנס ברייטע נשמה קאָן זיך טיילמאָל איינשרימפּן און פאַרנעמען נאָך ווייניקער פּלאַץ, ווי זיין גוף נאָכן טויט... ער זאָל נאָר דאַרטן, אין שטוב, נישט טרעפן שוין נאָך אַלעמען! — האָט אים דאָס האַרץ אַ שטויס געטאָן דאָס בלוט אין די שלייפן אַריין. אין זיין געדעכעניש איז אויפגעקומען די האַרבסטיקע נאַכט מיט אַ סך יאָרן צוריק אין זיין געבוירן־שטעטל, ערב דעם טאָג פון זיין תפילין לייגן, ווען גנבים האָבן אויסגעליידיקט זייער פולע קלייט; ער האָט דערזען און דערהערט זיין יאָמערנדיקע מאַמע, ווי זי רייסט זיך דעם פאַרוק פון קאָפּ; אין זיין פאַרשטעלונג האָט זיך געמאָלט אַ הייסע נאַכט אין זייער איצטיקן שלאָפצימער אויף פּראַגע, ווו אַ גנב באַלייכט מיט אַן עלעקטריש לעמפל דאָס שליסל־לעכעלע פון זיין טישקעסטל... די „פייערקאַסע" ברענט! אַנגסטן זיינען אים אַרויס אויפן שטערן. ער איז שטיינגעבליבן אינמיטן גאַנג, געטאָן אַ וויש דעם שטערן מיט דער דלאָניע און געהערט, ווי „ס'באָבעט אים אין האַרץ".

ווי נאָר אַלץ איז שוין אין איילעניש באַזאָרגט געווען, איז ער אַוועק אַ היים אויף פּראַגע. מיט אַ שווער אָטעמען איז ער אַריין אין שטוב... אַ דאַנק גאָט! אַלץ אין אָרדענונג. ער איז אַ לענגערע רגע געשטאַנען פאַרן נישט־געריירטן טישקעסטל, מיטן שליסעלע אין האַנט, און עס שטום באַטראַכט, ווי ער וואָלט זיך נישט פאַרגונען עס אויפצועפענען: אַזוי באַטראַכט אַמאָל אַ פאַרפאַלענער שיכור דאָס פאַרקאָרקעוועטע פלעשל בראָנפן אין האַנט, כדי דערווייל צו געניסן דערפון מיטן בלויזן קוקן אַליין.

קאַוועצנסקי האָט מיט אַ זשעדנע פאַרגעניגן געזען דורכן האַלץ פון טיש, ווי ס'לייכטן זיך די דאָלאַרן מיט אַ בלוי־גרינלעכער שיין פון פלעמלדיקן ספּירט.

ער האָט אויפגעשלאָסן דאָס טישקעסטל, אַרויסגענומען פון צווישן די פּאַפּירן דעם קאָנווערט מיט די דאָלאַרן און גענומען זיי ציילן און צוזאַמענרעכענען. ניין, ס'איז אים נישט לייכט אָנגעקומען אונטערצוציען דעם סך־הכל. אין זיין פריידיקער זשעדנעקייט און צעטומלטקייט, האָט ער אַלע וויַיל פאַרלוירן די זיכערקייט, צי ער האָט ריכטיק פאַרהאַלטן אין קאָפּ די צאָלן. האָט ער גענומען אויסלייגן די באַנקנאָטן אין באַזונדערע טיילן, צו הונדערט אין אַ טייל, און ענדלעך האָט ער עס קלאָר: ז י ב ן ה ו נ ד ע ר ט ד אָ־ ל אַ ר!

...וויפל־זשע מאַכט עס אויס אין אונדזערע זלאָטעס?

קאַוועצנסקי האָט געוווּסט פון דער צייטונג, אַז אָפיציעל שטייט דער דאָלאַר פיר הונדערט זלאָטעס. מילא, ווי פאַר אָפּגעשפּאָרט געלט איז דאָס אויך אַ היפּשער סכום. אָבער וויפל איז אַ דאָלאַר אין דער ווירקלעכ־קייט? די ווירקלעכקייט האָט אין דעם פאַל געמיינט: וויפל איז ער אויף דער שוואַרצער בערזע? וואָס אמת, דער לערער קאַוועצנסקי האָט מיט דער שוואַר־צער בער־זע און מיט אירע שוואַרצע רוחות, די וואַליוטע־שפּעקולאַנטן, קיין שום מגע־ומשא נישט געהאַט — נישט מיט די פּוילישע און נישט מיט די יידישע — אָבער אַזוי, דורך דער לופט, זיינען צו אים דערגאַנגען צופעליקע קלאַנגען, אַז דער דאָלאַר, דער זשוליק, האָט שוין געשטיגן ביז העכער ד ר יי ט ו י ז נ ט! איז וויפל פאַרמאָגט ער אין דעם פאַל?

ס'האָט אים א מיש געטאָן אין קאָפּ, און פאַר זיינע אויגן זיינען זיך צעפלויגן דאָלאַר־באַנקנאָטן און געבלעטערט און געשווינדלט מיט זייערע קאָלירן, ווי רעדער פון רעגנבויגנס... אוי־אוי! וואַרט נאָר. לאָמיר נעמען אַפילו שוין נישט ה ע כ ע ר, נאָר די קיילעכיקע ציפער — ד ר יי ט ו י ז נ ט... המם... ס'איז נישט פאַר זיין נישט־מאַטעמאַטישן קאָפּ דאָס צו באַרעכענען... דאָזאַליע וואָלט עס באַרעכנט איינס־צוויי, און פאַרטיק. המם...

אין דעם מאָמענט האָט ער דערפילט ראָזאַליעס העכערקייט איבער זיך

אויף אַן אַנדער אופן, און זי מקנא געווען: ער מוז נעבעך אָנקומען צו דער הילף פון פּאַפּיר מיט בלייפעדער. נישטאָ קיין עצה.

...יאָ, איצט האָט ער עס שוואַרץ אויף ווייס, אָן קיין מינדסטן ספק. ווי מיט אַ האַמער האָט עס אים אַ זעץ געטאָן אין האַרץ און אין קאָפּ. ס'האָט זיך אים געדאַכט — מאַדנע! — אַז אַ שווייס איז אים אַרויס אויף די אויגן:

...כ'בין אַ מיליאָנער! אַ מיליאָנער! שמואל אהרון סראַל־הערשס — אַ זון פון אַ טאַטן, וואָס איז געשטאָרבן כמעט פון הונגער, איז אַ מיליאָנער! ס'אַ פאַקט, נישט צום פאַרלייקענען. אַ זיסער דראָזש איז אים פאַרביי־געלאָפן איבערן לייב, און ער האָט געהאַט די שפּירונג, אַז — אויך איבער זיין נשמה... ס'בייסט מיר די נשמה, — האָט ער געטראַכט, קוקנדיק אויף די ציפערן פון זיין פאַרמעגן. ער האָט זיך געריבן אַ האַנט אויף אַ האַנט, און אַ חשק האָט אים געצויגן פאַר די פינגער, מיט וועלכע ער האָט גע־ציילט די באַנקנאָטן, צו נעמען קראַצן מיט די נעגל עפּעס אַן אומגעזען זיס־בייסנדיקע צרעת, וואָס האָט זיך אים אויסגעשאָטן, וואָלט ער זאָגן, אויפן „אונטערשלאַק פון זיין נשמהס הויט"...

...זיינע קינדערלעך, אהרעלע און חנהלע, האָבן אַ טאַטן אַ מיליאָנער! זיין ווייב... וואָס וואָלט זי געזאָגט, ראַזאַליע, די פּאַרטייערין, ווען זי דער־וויסט זיך דעם סוד, אַז ער... אַז זי... אַז זיי זיינען מיליאָנערן? המם... וויפל מאָל וואָלט זי אויסגעשפּיגן?... ניין, נישט ווי זיין טאַטע אַמאָל אויפן איבער־געציילטן געלט צוליב אַן עין־הרע, נאָר טאַקע בפועל־ממש, מיט עקל, מיט כעס. המם... וואָס איז ער אייגנטלעך שולדיק? ער האָט, חלילה, עמעצן עקספּלאָאַטירט? ער איז אַן אַרבעטער, ווי אַלע אַנדערע. ער האָט דאָך אַפילו אַזוי אָפּט געטראַכט צו גיין אין דער פּאַרטיי... אויב ער האָט דאָס נישט געטאָן, איז עס אויך בלויז צוליב זיין ערלעכקייט: ער פאַרדינט זיך נאָך נישט דערויף. ער מוז יוצא זיין מיט ראַזאַליעס פּאַרטיישקייט. אָבער זאָגן, אַז ער האָט אַ ז ו י געזיבדיקט.קאָן מען אויך נישט. ער האָט אויפן גלייכן וועג געפונען אַ מציאה, אַן אוצר — איז ער מחויב אים עמעצן אָוועקצוגעבן?

— עלהיי כ'האָב אויסגענומען אויף דער מלוכה־לאָטעריע, — האָט ער אַ שעפּטשע געטאָן אויפן קול אין די ליידיקע צימערן אַריין, כדי זיך אַליין איבערצוצייגן.

..ווען ס'וואָלט מעגלעך זיין איינצושמועסן ראַזאַליען „אַזאַ קינד אין בויך", אַז ער האָט היינטער איר וויסן געקויפט אַ לאָטעריע־צעטל, כדי איר צו מאַכן, אויב עס וועט אויסנעמען, אַ סיורפּריז. ניין. זי וואָלט אים דיי־ריין געגלייבט. ווי ווען ער וואָלט איר דערציילט, אַז „ער האָט אַ קלויסטער באַגנבעט". המם... און אפשר פאַרט אויסזאָגן איר דעם אמת? אַז זי וועט אים נישט וועלן גלייבן, וועט ער אויפשליסן דאָס טישקעסטל — נאַ, קוק!

— כאַ־כאַ־כאַ! — האָט ער זיך צעלאַכט און מיטאַמאָל איבערגעריסן, דערשראָקן פאַר זיין אייגענעם געדאַנק:

ניין! דאָס טאָר זיך ראַזאַליע בשום־אופן נישט הערווייסן! איר, דער פּאַרטייערין, וועט אוודאי איינפאַלן צו פאָדערן פון אים, ער זאָל שוין גיין אַריינטראָגן די דאָלאַרן אין דער נאַציאָנאַלער באַנק און עס אויסטוישן אויף פיר הונדערט זלאָטעס אַ דאָלאַר! אומגליקלעך וואָלט זי אים דאָך געמאַכט! אים, זיך אַליין און, דער עיקר, די קינדער. ניין, צוליב די קינדער ט אָ ר ער עס נישט טאָן!

אין צימער האָט אָנגעהויבן טונקלער ווערן. די זון האָט זיך גענומען זעצן ערגעץ הינטער מויערן אויף דער ווייסל. באַלד וועט זי זיך אונטער־טוקן אין אירע קילע וואַסערן, וואָס וועלן זיך פון ראָז איבערמאָלן אין פּערלמוטער... שוין די העכסטע צייט לויפן צום באַן. ראַזאַליע וועט דאָרט איבערטראַכטן. זי איז אַליין מיט די קינדער. אָבער... מע טאָר דאָ נישט לענגער איבערלאָזן די מיליאָנען אויפן הפקרס באַראָט פאַר... ראַזאַליען, ווען מע וועט אַהיימקומען פון דער דאַטשע, און, גאָט באַהיט, פאַר אַ גנב איצ־טער, ווען די שטוב איז אַליין... אין דעם אַמאַליקן וואַרשע פלעגט דאָך קיין וואָך נישט אַריבער, אין דעם דאַטשע־סעזאָן, מע זאָל נישט לייענען אין די צייַ־טונגען וועגן גנבֿות און הייזער, וואָס זייַערע באַלעבאַטים זייַנען אויף זיך מער־וווינונג. אמת, היינט איז שטילער דערמיט. די צייטונגען האָבן וועגן וויכטיקערע ענינים צו שרייבן. הממ... אין דעם נייעם פּוילן איז קיין אַר־בעטסלאָזיקייט נישטאָ, זייַנען אויך נישטאָ קיין גנבים. פונדעסטוועגן שלאָפן זיך רויק אין וואַלד, בעת אין דער היים ליגט דיינע קינדערס אַ מיליאָניק פאַרמעגן נאַקעט פאַר דער וועלט — טאָר מען אויך נישט. אַ פאַרמעגן — נאַקעט!... ער האָט ממש דערשפּירט אַ מין שעמען זיך צוליב דער נאַקעט־קייט פון דער וואַליוטע. מע טאָר נישט! מע מוז די דאָלאַרן באַשטאַטן אויף אַזאַן אָרט, וווהין קיין הינטישער ביוך זאָל נישט דערגרייכן. הממ... ער האָט חלילה, נישט געמיינט צו פאַרגלייכן יראַזאַליען צו קיין הונט. חס־וחלילה! דאָס האָט ער געמיינט אַ פרעמדן גנבֿ.

קאָוועגסקי האָט אָנגעהויבן אַרומנישטערן מיט די אויגן און מיטן גע־דאַנק אין אַלע ווינקעלעך, אַלע שפּעלטעלעך דאָ אין שטוב, ווו ס׳וואָלט מעגלעך זיין צו מאַכן דאָס געגאַרטע באַהעלטעניש... אין שטעטל האָט מען אין ערגסטן פאַל געקאָנט אויפרייסן אַ ברעט אין דער פּאָדלאָגע און באַ־גראָבן — פאַרבאַהאַלטן אין דרערד. אָבער דאָ אין דער גרויסער שטאָט — ווער ס׳וווינט נישט אין פּאַרטער — וואָס קאָן ער טאָן?... דער גרויסשטאָ־טישער מענטש איז אָפּגעריסן פון דער ערד... פון דער נאַטור... פאַרשיידע־נע איינפאַלן מכוח אַ באַהעלטעניש האָבן איצט אויפגעבליצט אין זיין ז־־

נען. ביי יעדן אַזאַ איינפאַל האָט אים דורכגענומען אַ פרייד, און ס'איז אָפּילו אויפגעגאַנגען אין אים אַ געפיל פון שטאָלץ: ווי שעפעריש ער איז! נאָר באַלד האָט אים אַ צווייטער געדאַנק, אַ צווייפלער — המם? אונטערגעזאָגט: נײן ס'טויג נישט! ראָזאַליע ווי ראָזאַליע, אָבער אַ פּראָפעסיאָנעלער גנב איז דיר אויך נישט קיין שוטה — ער ווייסט, ווו אַ זוך צו טאָן און האָט אויך איינפאַל. אין דעם מאָמענט דערזעט ער, קאָווענסקי, דאָס שמייכלענדיקע פּנים פונעם גנב, בעת ער דעקט אויף זיין, קאָווענסקיס, קלוג באַהעלטעניש. ער שטעלט אים אַרויס אַ צונג, דער גנב, און ער, קאָווענסקי, בלייבט ערשט אַ רגע שטיין פאַרשעמט.

ער איז אויסגעלאָשן און פאַרצווייפלט: איז ווו־זשע פאַרבאַהאַלט מען אים, ווו פאַרשטעקט מען אים פאַרט דעם אוצר? און דאָ ווערט שפּעט. ראָזאַליע וועט איבערקלערן, אַז מיט אים איז, חלילה אַן אומגליק געשען — אינטערן באַן, צי אונטער אַ טראַמוויי אַרונטערגעפאַלן. המם... ס'ווערט נאַכט. מע דאַרף מאַכן ליכטיק.

אויפהייבנדיק די אויגן צום זשיראַנדאָל אינמיטן סופיט, איז ער צוגעגאַנגען צו דער טיר, צום קאָנטאַקט, און אים אַ דריי געטאָן. דאָס עלעקטרישע ליכט האָט אויפגעבליצט אין די לעמפּלעך צוזאַמען מיט אַ געדאַנק ביי אים אונטערן שאַרבן.

— דאָס אי' דאָס! — האָט ער אַ שעפּטש געטאָן מיט התפעלות, און זיין פּנים האָט אויפגעלויכטן.

זיינע באַוועגונגען זיינען געוואָרן דענערווירט־איילִיק. ער האָט אַריינגעבראַכט פון קיך אַ לייכטער מיט אַ שטיקל אָנגעצונדן ליכט און אַרויסגעדרייט די עלעקטרע. שאָטנס האָבן אָנגעהויבן אַרומצוטאַנצן אויפן סופיט און די ווענט. זיי האָבן ווי לצים נאָכגעשפּעט זיינע באַוועגונגען. נאָר ער האָט עס אין זיין הייסער באַשעפטיקונג נישט באַמערקט. ער האָט אַרויפגעשטעלט אַ שטול אויפן טיש אונטערן זשיראַנדאָל. ער האָט אים באַהיטעוודיק אָפּגעטשעפּעט פון קרוק און גענומען באַטראַכטן זיין געניקלט שטעקעלע... אויב ס'איז אַן אויסגעהוילטס, קאָן אין דעם זיין דאָס בעסטע באַהעלטעניש. יאָ. אַזוי איז עס! פוןביידע זייטן בלויז פאַרבויגן. מיטן צוועגגל וועט ער עס גרינג אויפבייגן, און דאַן קאָן ער דערין אַריינלאָזן וואָס ער וויל, און צוריק עס פאַרבייגן. ער האָט זיך אַ נעם געטאָן צו די באַנקנאָטן.

אין דעם מאָמענט האָט אין פאָדערהייזל אַ שפּריץ געטאָן דאָס עלעקטרישע גלעקל ביי דער דרויסנטיר. קאָוועָנסקי איז פאַרגליווערט געוואָרן. אין דער שטילקייט נאָכן גלעקל־קלאַנג האָט ער געהערט קלאַפּן דאָס אייגענע האַרץ. ווי מע וואָלט ביי אים שטוב געכאַפּט אַ גנב אינמיטן דער נאַכט, און דער גנב איז — ער אַליין!

מיט אַ פיבערנדיקער קאָנוולסיווער באַוועגונג האָט ער געטאָן אַ שאַר אָפּ פון זיך די דאָלאַרן. אויף די שפּיץ פינגער איז ער שנעל אַרויס פון צימער, פאַרמאַכט הינטער זיך שטיל די טיר, איבערגעדרייט דעם שליסל און אים פאַרשטעקט אין דער הויזנקעשענע. ער שטייט אין דער פינצטערניש פונעם פאָדערהייזל, אָטעמט שווער און האָרכט זיך צו צו דער דרויסן־טיר, וווּ עמעץ שטייט און וואַרט, ער זאָל עפענען. עס דאַכט זיך אים צו הערן פון דאָרט אַ שווער אָטעמען, ווי אַ כראָפּען פון אַ חזיר.

דאָס גלעקל האָט זיך ווידער עטלעכע מאָל אָפּגערופן, פריער מיט אומגעדולד, דערנאָך מיט עקשנות און פאָדערונג: עפענען! ווען נישט...!

...פאַרפאַלן, — טוט קאָווענסקי אַ טראַכט: איך בין טאַקע באַלעבאָס... אָבער וואָס וועט זיין אויב... מ'עט קומען מיט פּאָליציי?... און דאָ די דאָלאַרן...

— ווער איז? — האָט ער אַ פרעג געטאָן הייזעריקלעך, אָנשטרענגענדיק זיך צו באַהערשן דאָס קול און דעם אָטעם (...ס'איז דאָך ערשט נאַכט געוואָרן. עס שטייען נישט קיין גזלנים הינטער דער טיר, — האָט ער אַ טראַכט געטאָן).

— איך בין עס. דער סטרוזש. כ'בעט עפענען, — האָט ער דערהערט אַן ענטפער.

— גוטן אָוונט, פאַן קאָווענסקי! — האָט זיך יענער באַגריסט, אריבערטרעטנדיק די שוועל און בלייבנדיק שטיין לעם דער נישט־פאַרמאַכטער טיר מיט דרך־ארץ. די היטל האָט ער געהאַלטן אין דער האַנט. באַלויכטן פון דער עלעקטרישער שיין אויף די שטיגן, האָט זיך געגרויט זיין גרוילעכער צעקאָשמעטערטער קאָפּ האָר, און ס'האָט געשימערט אַ שווייס אויף זיין תמיד רויטער און גלאַנציקער נאָז — אַ וווּרשטל.

— גוטן אָוונט, פאַן סטרוזש! — האָט אים קאָוועסקי צוריקגעגריסט כמעט ווי אַ זייַנסגלייכן, צופרידן פון דעם, וואָס ער, קאָוועסקי, שטייט אין דער טונקל, און פון דעם אַלקאָהאָל־ריח, מיט וועלכן יענער אָטעמט אויף אים — ער וועט אויף אים גאָרנישט דערקאָנען, דער סטרוזש...

— וואָס וועט איר זאָגן? — האָט ער אַ פרעג געטאָן.

דער סטרוזש האָט אים שיכורלעך־פאַרשלאָפן גענומען דערקלערן די סיבה פון זיין אומדערוואַרטן וויזיט:

— איך ווייס, אַז די הערשאַפט איז אויף זומערוווינונג. איז מיין פליכט — אָפּהיטן די שטוב דאָ. כאָטש מ'האָט מיך נישט געבעטן דערוועגן. טאָגטעגלעך גיב איך אַכטונג צי גייט נישט אַרויף אויף די שטיגן קיין פאַרדעכטיקער מענטש. המם... קוק אין די פענצטער, אויף דער טיר, פאַרבייגייענדיק. המם... און דאָ באַמערק איך פריער — אַ טונקעלע שיין אין

א פענצטער. ווי פון א ליכט. שווינדלט. המם... און קיין פענצטער איז נישט געעפנט. אין אזא הייסן אָוונט? אפשר אַמאָל א גנב?! — טו איך א טראַכט. האָב איך גענומען קלונגען און קלונגען — אויב א גנב, וועט אים די כאַ־ליערע נעמען! המם... זענט איר עס גאָר אליין, פּאַן קאָווענסקי! זייער גוט. א באַלעבאָס דאַרף זיך אַראָפּכאַפּן א קוק טאָן, וואָס הערט זיך ביי אים אין שטוב. המם... נישט אויף יעדן סטרוזש קאָן מען זיך פאַרלאָזן. און יידן האָבן נישט אַלע ליב אַזוי... המם. פאַרשיידענע סטרוזשעס זיינען פאַראַן אין וואַר־שע. יאָ. איך... נו, האָט זיך ערשט דער פּאַן באַשיימפערלעך איבערציגט. נישט אמת?

— אמת, אמת, — באַשטעטיקט קאָוועגסקי מיט פאַרבאַהאַלטענער אומגעדולדיקייט: א דאַנק!

— המם, יאָ, צי האָט איר נישט, באַלעבאָס, מיר... אויסצובאָרגן אויף אַ קופּל ביר דעם גאָרגל צו באַנעצן? אַ דושנער אָוונט היינט, נישט אמת? — האָט דער טסרוזש נאָך נידעריקער אַראָפּגעבויגן דעם גרויען קאָפּ און גע־בעטלט...

— אויף א קופּל ביר? — איז קאָוועגסקי געקומען אין פאַרלעגנהייט, ווייל ער האָט גראָד ביי זיך קיין קליינגעלט נישט געהאַט. ער האָט ביי זיך א טראַכט געטאָן וועגן סטרוזש: „אַ קנעכטיש איבערבלייבעכץ פון די קאַ־פּיטאַליסטישע צייטן!”, און אריינגעשטעקט די האַנט אין הויזן־קעשענע. די פינגער האָבן דאָרט אויסגעמיטן דעם שליסל פון דער טיר אין צימער אריין, וווּ ס׳ליגן די דאָלאַרן, און ארויסגעצויגן אַ באַנקנאָט פון פינף הונדערט זלאָטעס... קיין רעשט איז נישט שייך ביי דעם שיכור צו בעטן, — האָט ער מיט באַדויער א טראַכט געטאָן: און זאָל ער שוין וואָס שנעלער אויסרינען!

— א דאַנק פּאַ...! — האָט דער סטרוזש א פאַרשטעק געטאָן דעם באַנקנאָט אין דער פּאַזעכע, פאַרגעסן זיך צו פאַרנייגן, ווי אין די פריער־דיקע צייטן, קיין גוטע נאַכט נישט געזאָגט און ווי מיט ניכטערע טריט שוין געלאָפן טרעפּ־אַראָפּ.

עמעץ איז אַנגעקומען מיט די טרעפּ־ארויף. קאָוועגסקי האָט מיט פּאַ־ריבל שנעל א פאַרקלאַפּ געטאָן פאַר יענעמס פאַרביישווינדלענדיקן פּראָפיל די טיר... „פינף הונדערט זלאָטעס! וואָרן... ווי פּאַסט עס דען אנדערש אַ לאַמעדוואָווניק — אַ מיליאָנער!....”

נאָר באַלד האָט ער דערין פאַרגעסן. ער איז צוריק אריין אין צימער און זיך גענומען ענערגיש פאַר דער ארבעט. פון די זיבן פּעקעלעך דאָלאַרן, צו הונדערט אין א פּעקעלע, האָט ער געמאַכט זיבן טרייבעלעך, ארומגע־וויקלט זיי מיט פּאַפּיר און פאַרקלעפּט מיט ביוראָ־קליי. דורך די זיבן

טרייבעלעך האָט ער דורכגעצויגן אַ דין שפּאַגאַטל, וואָס האָט יעדעס פֿון זיי פֿאַרבונדן און זיי אַלע צוזאַמען באַהעפֿט לענגויס איינס צום צווייטן, אַזוי ס'האָט זיך באַקומען: „אַ וווּנדערבאַר ווורשטל"!... דאָס איז שוין נישט דעם סטרוזשס נאָז־ווורשטל. כאַ־כאַ... „דאָס ווורשטל", וואָס באַטרעפֿט מיליאַנען, האָט ער אַריינגעלאָזן אין דעם אָפּגעניקלטן רערל פֿון זשיראַנדאָל, פֿאַרבויגן עס, ווי געווען, און צוריק אויפֿגעהאַנגען דעם זשיראַנדאָל.

ער האָט אַלץ געבראַכט אין אָרדענונג, אַרויסגעטראָגן דעם לייכטער מיטן שטיקל ליכט אין קיך אַריין, אַריינגעקומען צוריק און אין דער טונקל אַ דריי געטאָן דעם קאָנטאַקט:

— „יהי אור!"

ווידער האָבן אויפֿגעבליצט די עלעקטרישע לעמפּלעך. נאָר קאָוועני־סקין האָט זיך אין דעם אויגנבליק געדאַכט: דאָס האָבן דורכן ווענטל פּונקט רערל אויפֿגעשיינט פֿאַר אים די דאָלאַרן! און ער האָט מיט אַ צעשטראַלט פּנים אַ זאָג געטאָן מיט די „טעמי הגניבה":

— „ויהי אור!"

...נו, אין דעם דאָזיקן קאָרבּ אַריין וועט שוין קיין שום שכל נישט אַריינטרעפֿן. נישט אפֿילו ראָזאַליעס, דער מאַטעמאַטישער און קאַלטער, ווען זי וועט אַמאָל אַרומווישן דעם זשיראַנדאָל פֿון שטויב... כי־כי... זי וועט האַלטן דעם אוצר אין האַנט, אים אָנטאַפּן, און פֿאָרט נישט דער־מאַפֿן, נישט האָבן די מינדסטע אַנונג וועגן אים, די חכמה. המם. און קיין פֿרעמדער גנבֿ וועט עס אוודאי אויפֿן זינען נישט קומען. סיידן... אַ שערלאָק כאָלמעס! די וואַליוטע איז זיכער, ווי? ביים רבונו־של־עולם אין פּאַזעכע.

קאָוועניסקי האָט זיך אומגערן, שטאָלץ און זייער צופֿרידן מיט זיך, צעלאַכט אויף אַ קול. נאָר ראַפּטעם איבערגעריסן און זיך אַרומגעקוקט נאָכן אייגענעם געלעכטער.

„ווענט האָבן אויערן" — האָט אים דאָס ווערטל, וואָס איז ווי אַ וואָ־רעם אָפּגעגעקראָכן פֿון זיין געדעכעניש, געמאַכט גליווערן זיין בליק: און אפֿשר האָבן זיי אויך אויגן?... אָט קוקן זיי טאַקע אויף אים, די ווענט, מיט מיליאָנען פֿינטעלעך־אייגעלעך... המם. אָבער קיין מויל האָבן זיי זיכער נישט, די ווענט. זיי זיינען שטום, ווי די וואַנט. זיי וועלן זיין סוד פֿאַר קיינעם נישט אַנטפּלעקן. — האָט ער זיך ווידער באַרויקט.

ערשט איז ער שוין אייליק אַרויס פֿון שטוב און זיך געלאָזט צום מזרח־וואָקזאַל.

...ווי הונגעריק ער איז! די פֿרייד פֿון האָבן אַזאַ גרויס פֿאַרמעגן מאַכט פֿונדעסטוועגן נישט זאַט. פֿאַרקערט... פֿון מאָרגן אָן וועט זיך שוין ראָ־

זאַליע נישט קלאָגן מער אויף זיין שוואַכן אַפּעטיט, און אויך נישט אויף זיין שלעכטער שטימונג.

.13

די פּעריען האָבן די קאָוועניסקיס פּאַרענדיקט שוין אין אַ גוטער, האַרמאָנישער שטימונג. אומגעקערט זיך אין שטאָט, האָבן זיי ווידער אַרויפגעצויגן אויפן קאַרק דעם שווערן אָבער טייערן יאָך פון דער שול־אַרבעט.

אין שמואלן האָט דער סוד וועגן „דעם גריניעם ליכט אין רערל" אָוועקגעשלייכט ערגעץ אין אַ ווינקעלע פון זיין געדעכעניש און דאָרט ליגנגעבליבן שטיל־שאַ, אָן דער מינדסטער באַוועגונג און שאָרך. ער האָט זיך פאַרטייעט. דער זינדיקער סוד האָט ערשט געלויערט אויף זיין ערלעכקייט, ווי אַ שפּין אויף די פּעריפעריעס פון זיין געוועב־נעץ אויף לעבעדיקן רויב... אָבער קאָוועניסקי, אַבסאָרבירט פון זיין טעטיקייט, האָט עס ווי גאָרנישט חושד געווען.

שוין אָפּגערעדט אין שול, אין ברען פון דער אַרבעט, אָדער אינמיטן געריוויש פון די אַרומשטיפּנדיקע שילער, נאָר אפילו אין דער היים, אין געזעלשאַפט פון ווייב און קינדער האָט ער כמעט פאַרגעסן דאָס גרויסע פאַרמעגן, וואָס ער באַהאַלט אויס „איבער זייערע קעפּ" טאַקע פאַר זיקערטוועגן. און אויב ס'איז אַמאָל יאָ אַרויף אויפן זינען, איז ווי אַ לייכט, פאַרביישוועבנדיק וואָלקנדל אין אַ ליכטיקן זומער־פרימאָרגן אויפן הויכן, בלויען הימל.

ס'איז געווען מיט זיי, מיט די דאָלאַרן, ווי פאַרענדיקט, ווי אויס. קיין פרישע זיינען שוין מער נישט צוגעקומען. אפילו דער בריוו־אויסטויש צווישן אים מיטן זיין פעטער און איר מומע האָט זיך באַגרענעצט אויף בלויז איינמאָל־צווימאָל אַ יאָר. און די פאַראַנענע ליגן אין אַזאַ זיכער באַהעלטעניש, אַז וואָס איז גאָר פאַראַנען צו טראַכטן וועגן זיי! ביז... ביז די צייט פאַר זיי וועט קומען. נישט פאַר זיך באַהאַלט ער זי דאָך אויס, די וואַליוטע, נאָר פאַר חנהלען, פאַר אהרעלען, פאַר ראָזאַליעס וועגן. ער איז דאָך שוין אַריבער אַ האַלב יאָר הונדערט — דערגרייכט דעם שפּיץ באַרג, איבער וועלכן ס'האָט זיך געשלענגלט זיין לעבנסוועג... ס'איז קאַלט און שנייק אויף בערגשפּיצן... דער ווייסער שניי ליגט אים אויפן קאָפּ... ער לאָזט זיך שוין באַרג־אַראָפּ. באַרג־אַראָפּ גייט מען שנעלער, געאיילט, אונטערגעשטופּט פון דער משא, וואָס דאָס דורכגעגאַנגענע לעבן האָט אַרויפגעוואָליעט אויפן רוקן, און צוגעצויגן צו דער ערד. דאָ קאָן מען זיך אומגעריכט

טאָן אַ קייקל אַראָפּ... ראַזאַליע, וואָס איז ייִנגער פֿון אים מיט העכער צען יאָר און אויך פֿעסטער אין געזונט, וועט אים איבערלעבן. ס'איז זיין פּליכט צו זאָרגן פֿאַר איר אויף שפּעטער אויך, ווען זי וועט פֿאַרבלייבן אַליין מיט די קינדער, און דער עיקר — טאַקע פֿאַר די קינדער. אַז די צייט וועט קומען, וועט ער איר זאָגן, ראַזאַליען: „אַט האָסטו, ראַזאַליע... כ'האָב עס ווי אַ געטרייער מאַן און טאַטע, פֿאַר אייך אויסגעהיט". און דעמלט וועט זי...

אַזעלכע רעיונות זיינען, כאָטש זעלטן, פֿון צייט צו צייט פֿאַרבייגע־שווומען אונטערן געוועלב פֿון זיין שאַרבן, נאָר ער האָט זיי נישט „דערזען", ווי מע דערזעט נישט אין שיינענדיקע האַרבסטיקע טעג די שפּינוועבס־פֿעדעם, וואָס בלאָנדזשען אַרום און שימערן־אויף אין דער מיט זון דורכ־געוועבטער לופֿט. דער מוח האָט געדעיונט, נאָר צו זיין באַוווּסטזיין איז עס נישט דערגאַנגען.

גראָד ראַזאַליעס אויגן האָבן אים איינמאָל „געכאַפּט פֿאַר דער האַנט, ווי מע כאַפּט אַ גנבֿ", זי האָט זיך אָבער נישט געכאַפּט ביי וואָס פֿאַר אַ גנבֿה זי האָט אים געכאַפּט:

— שמואל, האָט זי געזאָגט, וואָס פֿאַר אַ שפּאָגל־נייע געווינהייט האָסטו זיך לעצטנס איינגעשאַפֿן צו פֿאַרגאַפֿיען זיך, ווי אַ קינד, אויפֿן זשיראַנדאָל? ס'פֿעלט דיר בלויז אַריינצושטעקן אַ פֿינגערל אין מויל און אָנהייבן צו סלינען... זיי מיר מוחל.

ער האָט, ווי אַן אָפּגעבריטער אָפּגעקאַפּט דעם בליק. ער האָט גאָר־נישט געוווּסט, אַז ער קוקט אויפֿן זשיראַנדאָל. המם... טאַקע, וואָס האָט ער צו קוקן אויף אים? ער האָט פֿאַר זיין לעבן קיין זשיראַנדאָל נישט געזען?!

ער איז געזיצן קעגן ראַזאַליען צעחושט. ווי אַ מענטש, וואָס מע האָט אים נאָר וואָס אַרויסגעריסן פֿון דער סאַמע געדיכטעניש פֿון זיינע מחשבֿות, נאָר ווען מע הייסט אים זיי אויסלייגן, וואָלט ער עס נישט אימשטאַנד געווען. ער האָט אויסגעזען קאַמיש. אַזש ראַזאַליע האָט זיך צעלאַכט אויף אַ קול:

— כאַ־כאַ־כאַ! האָסט אַזוי צעשיינט געקוקט אויפֿן זשיראַנדאָל, שמואל, המם... ווי אין אים וואָלט שלום־עליכמס אוצר געוואָרט אויף אונדז, און ווי אין דיר... וואָלט אַ דיבוק געזיצן! ווען אַ שוואַנגערע פֿרוי וואָלט זיך אַזוי אויף אַ לאָמפּ פֿאַרקוקט, ווייס איך נישט, וואָס פֿאַר אַ „גלאָמפּ" זי וואָלט געבוירן. כאַ־כאַ־כאַ!

— המם, ניין... — האָט שמואל געשטאַמלט, פֿאַרשעמט און מיט אַ כוונה אונטערגעשמייכלט, און געטראַכט: „ווי האָט זי דאָס געזאָגט? — ווי אַ דיבוק וואָלט אין דיר אַריין"... אַ דיבוק...

— א מענטש זאָל לייענען זייַנע מחשבות אויפֿן סופּיט! — האָט ראָ־זאַליע פֿאַרענדיקט ערנסט שוין און מיט פֿירהאַלט: וועגן וואָס אַשטייגער האָסטו געטראַכט?

— המם... פֿרעג מיך בחרם. כ'ווייס אַליין נישט, — האָט ער גע־קנייטשט מיט די אַקסל, באמת נישט געדענקענדיק וואָס. ערשט זי האָט אים, אויב נישט, דערמאָנט אין דעם „אוצר", וואָס „וואַרט דאָרט אויף זיי" — אינעם רערל פֿונעם זשיראַנדאָל.

ער האָט די גענומען פֿאַררײדן מיט ענינים פֿון דער שול, און דערבײַ פֿעסט גענומען זיך אין זינען: פֿונעם קוקן אויפֿן זשיראַנדאָל קאָן כאָך אַמאָל א צרה אַרויסקומען! מער קוק איך נישט אויף אים!

און ער האָט מקיים געווען, וואָס ער האָט זיך אין האַרצן פֿאַרזאָגט — ווען ער איז נישט געווען אַליין אין שטוב, האָט ער טאַקע אויף אים נישט געקוקט.

14.

ווי יעדן זונטיק אין דערפֿרי, ווען מע קאָן זיך פֿאַרגינען אָפּצורוען א ביסל לענגער אין בעט, האָט שמואלן אויך הײַנט אויפֿגעוועקט דער ראַדיאָ. ראָזאַליע שטעלט אים אָן דעם ראַדיאָ, ווי נאָר זי כאַפּט זיך אויף פֿון שלאָף. דעם ספּיקערס דיטלעכע און לויטערע שטים האָט זיך דער־נענטערט צו זײַן קאָפּ, וואָס איז געווען אײַנגעגראָבן אין קישן. זי האָט זיך דערנענטערט, און ווערטער זײַנען געוואָרן אַלץ בולטער. ביז איין וואָרט, א קלינגעוודיקס, ווי א מטבע, איז אים אַרײַנגעפֿאַלן, שמואלן, אין אויער:

— וואַליוטע...

שמואל האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ מיטן פֿאַרשלאָפֿענעם פּנים און געעפֿנט די אויגן. ראָזאַליע האָט שוין אָנגעטאָן חלוק. נאָר ער איז מיטן גאַנצן ווײַזן געווען אין ראַדיאָ־קעסטל, וווּ דעם ספּיקערס שטים האָט לוי־טער אָנגעפֿלאָסן, ווי פֿון אַן אונטערערדישן אַרויסשלאָגנדיקן קוואַל:

— לויטן באַשלוס פֿון דער רעגירונג וועט דורכגעפֿירט ווערן אַן אויס־בײַט פֿון דער וואַליוטע...

...מאַ טוישן — איז טוישן, — האָט שמואלס אויפֿמערקזאַמקייט גע־נומען לויז ווערן: וואָס קאָן דאָס אונדז באַזונדערס אָנגיין?

— ווער ס'האָט ליגן געלט בײַ זיך, האָט דאָס מיגלעכקייט אויסצו־טוישן עס אין משך... צו... כאָטש טיילווײַז וועלן די בירגער האָבן א היזק...

— מ'יר האָבן עפּעס ליגן געלט ביי זיך, ראַזאַליע? — האָט ער זי געפרעגט פּין יוצא וועגן און גענומען זיך אָנטאָן.

— נו, זעסטו, — האָט זי אים געענטפערט מיט א שמייכל, אוועקמאַכנדיק: פון אונזער פאַרמעגן וועט די מלוכה־קאַסע קנאַפּ וואָס רייך ווערן.

ער האָט שוין געהאַלטן ביים אַרויפציען דעם צווייטן שוך, ווי פּלוצעם איז ער געבליבן זיצן מיט א נישט פאַרבונדן שוכשנירל אין די פינגער. דעם ספּיקערס מעטאַלענע, וואָרעמע, כמעט פייערלעכע שטים איז ערשט געגאַנגען אויף זיין לעבן, ווי א שונאס בלאַז־אָרקעסטער מיט א זיגרייכן מאַרש:

— קיין פּוילישער בירגער טאָר נישט באַזיצן קיין אויסלענדישע וואַליוטע אין זילבער, גאָלד און ווערטפּאַפּירן... ביי וועמען מע וועט געפינען... תּפיסה. פאַר האַנדלען מיט איר... ביז טויט־שטראָף! ביזן... קאָן מען טוישן די אויסלענדישע וואַליוטע אין דער נאַציאָנאַלער באַנק... א דאָלאַר — פיר זלאָטעס אין דער נייער וואַליוטע...

די אומגעריכטקייט פון דעם קלאַפּ האָט אים ווי פאַרטויבט, שמואלן — אַן אומגליק! זיינע מיליאָנען האָט אַרומגעכאַפּט א שׂרפה! עס בריגט דער זשיראַנדאַל אונטער זיין סופיט!... כאָטש די אומגלייבלעכקייט פון דעם געשעעניש איז נישט קלענער פון דער אומגעריכטקייט: איז עס ווירקלעך אַזוי?... איז עס נישט קיין בייזער חלום בלויז?... מע דאַרף זיך נאָך איבערצייגן דעריך, צי האָט טאַקע דער ספּיקער גערעדט דאָס, וואָס אים האָט זיך געדאַכט צו הערן.

ראַזאַליע איז אַריינגעקומען פון קיך מיט אַן אויפגעלייגטן אַנבליק; מסתּם האָט איר דאָרט אהרעלע, צי אפשר גאָר חנהלע געזאָגט עפּעס א חכמה... זי האָט געפרעגט אַן פּאַריבל אין טאָן:

— וואָס דויערט עס היינט ביי דיר אַזוי דאָס אָנטאָן זיך, שמואל, טעאָפּילע וועט זיכער באַלד אַריינקומען, און מיר וועלן קענען אַרויסגיין אויפן שפּאַציר.

נעמענדיק שנעלער פאַרענדיקן דאָס אָנטאָן זיך, האָט ער זי, אַנשטאָט צו ענטפערן, געפרעגט:

— ווי געפעלט דיר עפּעס, ראַזאַליע, דאָס נייעס מיט דער פרעמדער וואַליוטע? האָסט געהערט?

— ס'געפעלט מיר ביז גאָר, — האָט זיך איר פּנים צעשיינט מיט אַ שמייכל דורכן פענצטער צום ליכטיקן דרויסן: ענדלעך האָבן די שפּעקוליאַנטן און וואַליוטניקעס געקריגן דעם געהעריקן פּאַטש איבער די אָנגעשטאָפּטע טייסטערס.

...דאָס אייגענע ווייב רעדט, ווי א שונא מיינער, — איז א שטעכיקער געדאַנק געבליבן שטעקן, ווי א דאָרן, אין זיין מוח.

זי האָט זיך געלאָזט גיין צוריק אין קיך. נאָר אין דער טיר איז זי שטיינגעבליבן, א קוק געטאָן אויף אים, באַמערקט א באַזאָרגטקייט און קאָנצענטרירטקייט אויף זיין פּנים, און זיך ווידער צעשמייכלט:

— האָסט זיך אוודאי דערמאָנט אין דייַן אייגענער „וואַליוטע"...

שמואל האָט זיך געטאָן אַ בייג אַראָפּ, כלומרשט אָפּצווישן עפּעס אַ שטויב־פלעק פון די הויזן און אויסבאַהאַלטן זיין בלאַס געוואָרן פּנים: מ יי ן אי י ג ע נ ע וו אַ ל י ו ט ע!... ז י וו יי ס ט ? !...

נאָר פון אירע ווייטערע רייד האָט ער פרייער אָפּגעאָטעמט:

— די קינדער דיינע, ווי דו פלעגסט זיי אַמאָל רופן — וואַליוטע, זיי וועט מען דיר, קליינבירגער, נישט הייסן אויסטוישן, חלילה... איך גיי, איך גיי, חנהלע, — איז זי פאַרשוונדן אין קיך אריין, און פון דאָרט שוין פאַרענדיקט: געדענקסט, ווי דו פלעגסט זאָגן — אהרעלע איז די זיכערסטע וואַליוטע... שטעל זיך פאָר, אז דער גאָלד איז שוין באַצייטנס אוועק צו זיינע פּיאָנערן.

שמואלס בלאָנדזשענדיקער בליק האָט זיך געטרונקן אין חלל פון דער אָפענער טיר, וווּ ראָזאַליע איז שוין נישט געשטאַנען. כאָטש נישט ווייניקער מבולבל איידער פריער, אָבער איצט איז אים שוין קלאָר געווען: דער ספּיקער האָט ווירקלעך געזאָגט דאָס, וואָס ער האָט געהערט... אויב מע וועט ביי אים, ביים לערער שמואל קאָווענסקי, געפינען די וואַליוטע, וועט ער מוחל זיין גיין בכבוד זיצן... פאַר ראָזאַליען מיט די קינדער (ער האָט זיי געוואָלט באַזאָרגן!) וועט בלייבן בלויז חרפּה און בזיון... ער וועט זיי האָבן געמאַכט אומגליקלעך!... זי — א פּאַרטייערין, אַהרעלע — א פּיאָנער...

א פינצטערניש האָט זיך אים אריינגעגאָסן אין צעדרודערטן געמיט. עס האָט אים געטרייבערט די נערוון דאָס העלע, מוטיקע געזאַנג פון א יוגנטלעכן הימן, וואָס האָט זיך געכוואַליעט פון ראַדיאָ איבערן צימער און עס פול געמאַכט. מיט א מטורפן אימפּעט האָט ער געטאָן אַ שליס אויס דעם ראַדיאָ. די פּלוצלינגדיקע שטילקייט האָט אים ווי אַ פּאַטש געטאָן, און ער האָט זיך תּמעוואַטע אַרומגעקוקט איבערן צימער. ווי ס'וואָלט זיך מיטאַמאָל אויסגעליידיקט פון אלץ, וואָס איז אין דעם געווען. דערפאַר האָט ער ווי ערשט דערזען, אז ס'איז פול ביזן ראַנד מיט פרימאָרגנדיקער זונשיין, וואָס פלייצט דורכן פענצטער פון דרויסן, בעת עס וואָלט דאָך געקאָנט זיין איצט — אום האַרבסט — אַ טריב, רעגנדיק וועטער. נאָר דערפון איז אים אויף דער נשמה נישט

פריילעכער, נישט לויטערער געוואָרן. אין איר האָט זיך די זונשיין נישט אַריינגעגאָסן.

ער האָט זיך געלאָזט צום וואַנעצימער. נאָר אויף דער שוועל איז ער שטיינגעבליבן, ווי פריער ראַזאַליע, האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אויפגעהאָנגען אַ פרעגנדיקן בליק אויפן זשיראַנדאָל... זיין אָפּגעניקלט רערל האָט מיט איין אויסגעקיילעכיקט זייטל זיינעם געשימערט קעגן דעם פענצטער... „אַ שאַרף פון אַ שווערד... אַ שאַרף פון אַ שווערד איבער אונדזער קאָפּ!... דאַמאָקלס שווערד!" — האָט אים א מחשבה שאַרף איינגעשניטן די געהירן.

ער האָט זיך האַסטיק אָוועקגעריסן פון אָרט און אריין אין וואַנעצימער צו דער וואַש־שיסל. ער האָט זיך אַרומגעזייפט און אַרונטערגעבויגן דעם צעטומלטן קאָפּ אונטערן אויפגעשרויפטן קראַן. דער קילער שטראָם האָט מיטאָמאָל איינגעלאָשן זיין היציקן אומרו. ער האָט זיך גענומען אַרומווישן און, פאַרבאָרגן דאָס פּנים אין האַנטעך, איז ער אַריינגעגאַנגען אין קיך, זיך צווינגענדיק זיך צו באַהערשן: וועגן יענער זאַך וועל איך טראַכטן... המם... ווען כ'וועל זיין מיט זיך אַליין.

— נו, מאַך עס שוין שנעלער, שמואל, — האָט אים ראַזאַליע אונטערגעאיילט: די טיי שטייט שוין אויפן טיש און ווערט קאַלט. לאָמיר אָפּפרישטיקן און גיין.

פון פאָדערהייזל האָט האַסטיק און שאַרף אַ רוף געטאָן דאָס עלעקטרישע גלעקל. ס'איז עפּעס נישט טעאָפילעס געוויינלעך רויקער און שטילער קלונג. איז ווער זאָל עס זיין אויפן פרימאָרגן? אָבער די שפּירעוודיקע חנהלע האָט פאָרט דערקענט:

— די פאַני טעאָפילע איז געקומען!

דערפרייט האָט זי זיך פלינק אַראָפּגעלאָזט פון דער שטול און געלאָפן זי באַגעגענען:

— קום, טאַטעשי, עפענען די טיר!

— גוט מאָרגן! — האָט טעאָפילע באַגריסט די באַלעבאָסטע, אַריינקומענדיק אין קיך מיט חנהלען פאַרן הענטל. זי איז געווען, ווי תמיד, פריידיק אויפגעלייגט, נאָר עפּעס ווי אויפגערעגט־פייערלעך.

— וואָס איז געשען, פאַני טעאָפילע? — האָט די באַלעבאָסטע געפרעגט.

— וואָס איז געשען?— האָט זי איבערגעפרעגט, ווי צו באַדענקען זיך, וואָס צו ענטפערן: איי, וואָס סע טוט זיך ערשט אין גאַס! מע גייט דאָך טוישן די וואַליוטע.

איר פאַררויטלט פּנים האָט זיך אַזוי געשמאָלצן אונטער א צופרידענעם שמייכל, איר היפשע אויסגעפּאַשעטע פיגור, פון אַ מענטשן, וואָס אַרבעט זיך נישט איבער און האָט ליב אָפּצועסן, האָט זיך אַזוי אונטערגעוויגט, אַז ס'איז

קלאָר געווען — דאָס, „וואָס סע טוט זיך ערשט אין גאַס!", איז נישט עפּעס אַזוינס, וואָס דאַרף עמעצן פֿאַרשאַפֿן עגמת־נפש אָדער דענערווירן. פֿאַרוואָס־זשע מאַכט זי פֿאָרט דעם איינדרוק, אַז זי איז דערנערווירט?

די באַלעבאַטים האָבן זיך דערווייל געזעצט צום פֿרישטיק. דערלאַנגענדיק צום טיש, האָט טעאָפֿילע לאַכנדיק דערציילט, ווי מענטשן זייַנען געלאָפֿן אַפֿנאַרן, אַרייַנכאַפּן כאָטש פּאַפּיראָסן פֿאַר דעם אַלטן געלט. זיי האָבן אָבער קיין נאַראָנים נישט געטראָפֿן: די פּאַרקריפֿערס האָבן שוין באַצייַטנס, פֿון בייַנאַכט נאָך, געוווּסט דעם סוד, און געהייסן באַצאָלן דריי מאָל אַזוי פֿיל.

— זי פֿאַררעדט זיך, — האָט ראָזאַליע שטיל געזאָגט צום מאַן: זי איז עפּעס אויפֿגערעגט, און דעם עיקר דערציילט זי נישט.

נאָר די פּאַני טעאָפֿילע האָט זיך ערשט אויף אַ רעכטן אמת צערעדט:

— און דער ערגסטער אומגליק מיטן טוישן די וואַליוטע האָט זיך אָראָפּגעלאָזט נעבעך אויפֿן סטריזש פֿון דעם הויף: קיין בראָנפֿן ווערט נישט פֿאַרקויפֿט פֿאַרן אַלטן געלט, און קיין נייס האָט ער נאָכנישט. ער שטייט ערשט אין טויער אַ נעבעכדיקער און פֿאַרלוירענער. די אויגן לויפֿן אים אַרום דערשראָקן, ווי ביי אַ פֿאַרבלאָנדזשעטער שאָף אין פֿעלד. כאַ־כאַ־כאַ... ער קוקט שוין אויס באַצייַטנס דעם הייליקן מיקאָליי, ער זאָל אים ברענגען אַ פֿלעשעלע בראָנפֿן מיט אַ סמאָקערל... אָן אַלטער איז ווי אַ קינד... אָבער ביז די וויגיליען איז נאָך ווייט צו וואַרטן... און דאָ קומט אַרויס די סטרוזשעכע און שלעפּט אים, דעם אַלטן, ער זאָל גיין מיט איר אין קאָשציאָל אַרייַן. אַז ס'איז שוין אַזוי מיט גאָטס הילף געשען, און ער איז איינמאָל אין יאָר אום זונטיק נישט באַזויפֿן.

— זאָל ז י גיין! — ווייַזט ער מיטן שפּיצענעם קאָפּ און די שפּיצענע אויגן אויף מיר: זי גייט דאָך ערשט, ווען אַ קאַטאָליק דאַרף גיין אין קאָשציאָל, אַרבעטן ביי די זשידעס...

— מע ווייסט שוין, — האָב איך אים געענטפֿערט און געלאַכט: איך האָב זיך פֿון לאַגער אומגעקערט אַ שלעכטע קאַטאָליטשקע...

— און קיין בראָנפֿן וועל איך דאָרט, ביי די באַלעבאַטים, נישט טרינקען, נישט פֿאַרן אַלטן געלט און נישט פֿאַרן נייעם! — האָב איך אים אַ שטאָך געטאָן, דעם שיכור, וואָס נעמט זיך אָן די קריוודע פֿונעם קאָשציאָל.

— איז ער אַרייַן אין צאָרן: „ז יי האָבן אונדזער גאָט פֿאַרפֿייניקט!", און ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויף מיר מיטן קולאַק. אַ נס, דאָס ווייב האָט אים אָנגעכאַפּט פֿאַר אַרבל. און איך בין אַנטלאָפֿן און אַראָפּגעשריגן צוזן אים

פון די שטיגן אַראָפּ: — און איך האָב צוגעזען מיט די אייגענע אויגן, ווי קריסטן, קאַטאָליקן האָבן יעזוסן געפּייניקט...

די גאַנצע צייט, וואָס טעאָפּילע האָט געפּראַוועט וועגן דעם סטרוזש, וואָס איז איין מאָל אין יאָר אום זונטיק ניכטער געוואָרן, איז ער, דער סטרוזש, ווי געווייגלעך אַ באַזויפטער, געשטאַנען פאַרן בליק פון שמואלס פאָרשטעלונג פּנים־אל־פּנים צון אים, צו שמואלן, אין פאָדערציִמער, באַלויכטן פון דער עלעקטרישער שיין אויף די שטיגן, אין יענעם זומערדיקן פאַרנאַכט, ווען ער האָט אים, שמואלן, איבערגעשלאָגן אינמיטן פאָרען זיך צו באַשטאַטן די דאָלאַרן... און טעאָפּילעס רייד וועגן דעם סטרוזש איצט — ווען די דאָלאַרן מיט אים אינײַנעם שטייען אין אַ סכּנה — האָבן אים געטרייבערט די נערוון. ער האָט לסוף אַ ברי געטאָן מיט אַ צערייצטן בליק טעאָפּילעס באַרעדעוודיק מויל, און דאָס מויל האָט זיך איר פאַרמאַכט.

זי האָט גענומען פאַרפּוצן חנהלען צום שפּאַציר.

— און איר, פּאַני טעאָפּילע? — האָט די באַלעבאָסטע געפרעגט, קוקנדיק אויף איר מיט אַ גינציקן בליק און זי ווי באַרויקט: (פון דעם געלט, וואָס איך קומט פון אונדז, וועט איר, פאַרשטענדלעך, גאָרנישט אָנווערן.) ביי איך אַליין איז קיין געלט נישט געבליבן ליגן?

— געבליבן! — האָט זי געענטפערט, ווי באַרימענדיק זיך, כמעט ווי טריומפירנדיק, כאָטש דער באַלעבאָסטעס שאַרפער בליק האָט אַרויסגעלייענט פון אירע אויגן אַ פאַרבאָרגן באַדויערן.

— אַ גדולה אויף איר באָבען! — האָט שמואל אַ וואָרטשע געטאָן דורך די ציין און זיך אויפגעהויבן אויפגערעגט פון הינטערן טיש.

ראָזאַליע האָט אויף אים אַ קוק געטאָן פאַרחידושט און אַ מורמל געטאָן מיט פירהאַלט:

— פון ווען אָן רעדסטו דאָס אויף אַזאַ איידעלן אופן?

— איר נעמט זיך עס גאָרנישט צום האַרצן, פּאַני טעאָפּילע? — האָט ער זיך געוואָלט פאַרבעסערן אין ראָזאַליעס אויגן און זיך ממש געווונדערט, באַטראַכטנדיק טעאָפּילעס רויטלעכע באַקן, אירע פיבערדיק־צעגלאַנצטע אויגן מיטן שפּיזלדיקן בליק און די אויפגעקעמטע שוואַרצע האָר, וואָס גרויען דאָ און דאָרט, ווי אַ זכר פון איר לעבן אין אַ פּאַשיסטישן אַרבעטסלאַגער.

— צום האַרצן זיך עס נעמען? — האָט זי געקנייטשט מיט איר פּולן, כוואַליעדיקן און זיך אַריבערגיסנדיקן פּראָגנט: פאַר מיינע פופציק יאָר לעבן, אין דער עיקר פאַר די לעצטע מלחמה־יאָרן, האָב איך שוין וויכטיקערס אין טייערערס אָנגעווירן... נישט נאָר יידן האָבן אויף וואָס צו קלאָגן...

איצט איז דער שמייכל אַראָפּ פון איר פּנים, די אויגן זיינען פאַרטונקלט

און ווי טיפער פאַרשטעקט אונטערן שאַרבן, און זי האָט ווייטער געריידט שוין מיט אַ געדעמפּטער שטים:

— אַליין נאָך דער מלחמה אויף דער וועלט געבליבן... אַ פּניאַק... און דורכמאַכן אַזאַ לאַגער, ווי איך, איז אויך נישט אַבי וואָס...

אין דעם אויגנבליק האָט זיך טעאָפילע ווי אַראָפּגעזעצט אין זיך אַריין, נידעריקער געוואָרן, און דאָס דאַזיקע אויסדאַכטעניש האָט מיטגעצויגן די אויגן פון אירע באַלעבאַטים צו דער פּאַדלאָגע...

איר האָט זיך געדאַכט, אַז זיי קוקן אויף אירע פיס, האָט זי מוסיף געווען, טייטלענדיק אויף די פיס מיט אַ פאַרצטערטן זאַנדירנדיקן בליק:

— אָט די דאַזיקע גראָבע, געשוואָלענע פיס האָב איך מיר טאַקע דאָרט איינגעשאַפן.

די באַלעבאַטים האָבן זיך דערפילט אומהיימלעך, ווי יידן יעדעס מאָל, ווען עס ווערט אַ רייד וועגן „דעם געשעענעם" באַזונדערס אין דעם בייזיין פון נישט־יידן. אירע געשוואָלענע, אומגעלומפּערטע פיס אין שוואַרצע זאָקן האָבן געוועקט אַ פיזישן און גייסטיקן עקל. די באַלעבאַטים זיינען געגרן געווען אָפּצווווענדן איר שמועס אויף אַן אַנדערן וועג, זיי האָבן אָבער געהאַט דאָס געפיל, ווי זיי וואָלטן איר דערמיט באַליידיקט אָדער ווי געטאָן. נאָר טעאָפילע, ווי זי וואָלט דאָס אָפּפילן, האָט ווידער אָנגעהויבן שמייכלען, דאָס פּנים האָט אויפסניי באַקומען די קאָלירן, און אין די אויגן איז פריש אויפגעגאַן דער גלאַנץ איבערן שפּיזלדיקן בליק. דער בליק האָט געשפּיזלט, ווי ער וואָלט אויסגעשפּיזלט די ווערטער, וואָס קומען איר פון מויל אַרויס:

— באַ. מיטן געלט בין איך מיר אַליין שולדיק. געווען עס באַדאַרפט זאַמלען אין דער מלוכהשער שפּאָר־קאַסע. אַ מענטש פון דאָרף, האָב איך וועגן דעם נישט קיין טראַכט געטאָן. אין דאָרף זאַמלט מען אין זאַק אַריין און מע פאַרבאַהאַלט אויפן דנאָ פון קופערט... די רייכע, פאַרשטענדלעך. די אָרעמע האָבן נישט אַזעלכע זאָרגן...

שמואלן איז געווען פאַר עפּעס־וואָס אַ חרפּה.

— וויפל געלט איז ביי אייך געבליבן ליגן, פּאַני טעאָפילע? — האָט איר די באַלעבאָסטע מיטפילנדיק געפרעגט.

— פינף און דרייסיק טויזנט זלאָטעס.

— אַ שאָד, — האָט די באַלעבאָסטע אויפריכטיק באַדויערט: ערלעך פאַרדינט געלט. נאָר... המם... איר האָט עס פריער אַליין ריכטיק געזאָגט, פּאַני טעאָפילע, אַז מע שפּאָרט געלט און מע טרויעט עס נישט דער מלוכהשער שפּאָר־קאַסע, איז עס טאַקע אַ זינד. קומט דערפאַר אַ שטראָף.

—— שוין, האָסט זיך עס שוין צו רעכט געמאַכט?... אויף אַ פרעמדער קעשענע! — האָט שמואל ווידער פאַרלוירן דאָס גלייכגעוויכט, און ראַ־

זאַליע האָט ווידער אַ קוק געטאָן אויף אים פאַרוווּנדערט און ווי פרעגנדיק: פון ווען אָן זאָרגט ער זיך פאַר טעאָפילעס פאַרמעגן?

ענדלעך האָבן זיך די באַלעבאָטים אָנגעטאָן זונטיקדיק, און די באַלע־באָסטע האָט גענומען די אויסגעסטרויעטע חנהלע פאַרן הענטל:

— נו, געזעגן זיך חנהלע, מיט דער פּאַני אויף ווידערזעען, פּאַני טעאָפילע!

— פּאַ! — האָט די קליינע זיך געזעגנט און אויטאָמאַטיש אַ מאַך גע־טאָן מיט די פינגערלעך, ווייל אין איר פאַרשטעלונג איז זי שוין געווען אין פּאַרק אַ צעשטיפטע, און צעשפּילטע מיט פריילעכע קינדער.

פאַרן ארויסגיין פון שלאָפצימער האָט שמואל געהאַט דאָס געפיל, אַז עפּעס האָט ער פאַרגעסן צו נעמען מיט זיך. ער האָט זיך ארומגעקוקט איבערן צימער... וואָס? ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ צום סופיט, און זיין בליק האָט זיך אַ גליטש געטאָן איבער... „דער שווערד־שאַרף, וואָס הענגט איבער זיין קאָפּ״. זיינע אויגן האָבן אַ פינטל געטאָן. ראַזאַליע האָט עס אויפ־געכאַפּט און אַ מורמל געטאָן פאַרדריסלעך:

— האָסט זיך שוין לאַנג נישט פאַרגאַפּיעט אויפן נאַרישן „גלאָמפּ״. האָב נישט קיין זאָרג — אַ זשיראַנדאָל איז נישט קיין וואַליוטע, מע וועט דיר נישט הייסן אים אויסטוישן אויף אַ נייעם.

— מאַלע, וואָס אַ מענטש פאַרטראַכט זיך, — האָט ער אַ וואָרטשע גע־טאָן: און דו קוקסט מיר נאָך, ווי אַ שפּיאָן! — האָט ער אויסגעשאָסן.

ער האָט מיט אַ דענערווירטער האַנט אַ נעם געטאָן חנהלען פאַרן צווייטן הענטל, ווי אַ מענטש, וואָס טרינקט זיך, כאַפּט זיך אָן פאַר אַ שטרוי.

אין דרויסן האָט זיי באַגעגנט אַ זוניק־צעשיינט, זונטיקדיק־פאַרפּוצט און פריילעך־שפּאַצירנדיק וואַרשע. בלויז דאָ און דאָרט זיינען אויף די טראָטואַרן, אַרום די קיאָסקן, ווו מע פאַרקויפט צייטונגען און צייטשריפטן, געשטאַנען גרופּקעלעך אַרבעטס־מענטשן און עפּעס געפּראַוועט — מסתם וועגן וואַליוטע...

.15

די גאַנצע קומענדיקע וואָך האָט שמואל געטאָן זיין געוויינלעכע אַר־בעט אין שול. געהעריק אויסגעפילט זיינע לערערישע פליכטן. ער איז אַרומגעגאַנגען צווישן די קינדער און לערער, ווי איינער, וואָס באַהאַלט אויס זיינע אַ קראַנקהייט פאַר לייטן, איידער זי וועט אים וואַרפן פון די פיס אין בעט אַריין.

דער עיקר האָט ער אויסגעמיטן ראָזאַליען אין דער היים, געמאַכט זיך פאַר איר זייער באַשעפטיקט, שטאַרק פאַרטאָן אין לייענען און צוגרייטן זיך צו די לעקציעס, אויפן סאָוויעטישן שטייגער. זאָל זי זיך נישט כאַפּן, אַז „עפּעס איז ער נישט מיט אַלעמען", און אים אַ נעם טאָן אויף אַ קאַלטן, מאַטעמאַטישן פאַרהער — גיב איר אָפּ אַ גענויען און קלאָרן חשבון, וואָס דיר איז און וואָס דיר פעלט! גיי דערקלער איר, אַז ס'פעלט דיר גאָרנישט, פאַרקערט, דו האָסט צופיל איבריקס, אויב מע קאָן זיך אַזוי אויסדריקן וועגן וואַליוטע...

נאָך מער האָט ער זיך געהיט אַריינצוגיין אין שלאָפצימער — ה'יץ ביינאַכט, ווען ער מוז שוין צום לייגן זיך שלאָפן — עס זאָל אים נישט קיין צי טאָן אויפצוהייבן דעם בליק צום סופיט. ווי ס'האָט אים געשראָקן דער זשיראַנדאָל, וואָס העַנגט פון אים אַראָפּ, ווי אַ וואָלקן פול מיט דונער און מיט בליץ!

נאָר באַגינען, ווען די שיין פונעם אויפגייענדיקן טאָג פאַנגט אים אַרויס, ווי אַ גנעץ, פון זיין אומרויקן שלאָף, ראָזאַליע ליגט נאָך אין איר בעט מיטן פנים צו דער וואַנט, דער ראַדיאָ איז נאָך שטום, — האָט ער נישט אַלע טאָג געקאָנט ביישטיין דעם נסיון.

ס'איז אַן אימה צו קוקן אויף אים, דעם זשיראַנדאָל. אָבער גלייכצייטיק ציט ער ביי דער נשמה, ציט דעם בליק, ווי אַ כישופדיקער מאַגניט. אין דעמלט טרעפט, אַז ער קאָן נישט באַהערשן דעם ליידנשאַפטלעכן, אומהיימלעכן דשק, הייבט אויף דאָס פנים צום סופיט, און זיין בליק פאַלט צי צום רערל פונעם זשיראַנדאָל. ער הייבט עס אָן צו נאָגן, ווי אַ פיאַווקע קראַנק לייב.

...המם... אַזעלכעס האָט ער אַנומלטן, מיט יאָרן צוריק, איבערגעלעבט, ליגנדיק אין אַ שפּיטאָל:

— — — אין מיטן נאַכט האָט אים אויפגעוועקט פון היציקן שלאָף אַ צוקנדיק כריפּען פון אַ קראַנקן. ער האָט זיך גלייך, נאָך אין האַלב דערוואַכטן צושטאַנד, אָנגעשטויסן: ס'איז פונעם זעקסטן בעטל פאַר זייגעם אין דער ריי. דער האָפנונגסלאָזער חולה אויף שווינדזוכט... ערשט איז שוין דאָרט פולשטענדיק שטיל. דאָס איז געווען דאָס לעצטע כריפּען פון אַ גוסס. ער, שמואל, איז געלעגן מיטן פנים צו דער וואַנט, און אַן אימה־צוקעניש האָט אים אָנגעהויבן אַרומלויפן הינטער דער הויט. ער האָט זיך געשראָקן ברייט צעעפענען די אויגן. בלויז דורך דינע שפּעלטיקלעך האָט ער געזען: די גרויסע סאַליע איז דורכגעוועבט מיט דער שאָטנדיקער שיין, וואָס קומט פונעם קעגנאיבערדיקן ווינקל — פון דער נישע, וווּ עס קאַפּשעט אַ קליין קאַגיצל פאַר אַ שטיינערן יעזוסל.

ער האָט זיך אײנגעהערט, שמואל, װי מיט דער קראַנקער פּלײצע, אין דער סאַליע אַרײן. ס'האָט געשאַרכט דאָס אָטעמען פון די קראַנקע אויף די געלעגערס, װי זײ װאָלטן געפירט אַ שעפּטשנדיקן שמועס װעגן זײער טויטן מיטװױנער. ס'איז אַרױסגעגאַנגען דער װעכטער־סאַניטאַר, צוריק אַרײנגעקומען, און הינטער אים האָט אַרײנגעשלײכט אַ קראַנקן־שװעסטער. זי פּאַרעט זיך דאָרט לעבן בר־מינן, שטעלט אַפּנים פעסט זײן טויט און טוט אַ זאָג מיט אַ שלעפעריקער, פאַריבלדיקער שטים צום סאַניטאַר: — „נעם צו דאָס בעטגעװאַנט... אַלץ... פון אים אַלײן צי אויך אַלץ אַראָפּ... אַלץ!". דער סאַניטאַר נעמט זיך אויספירן דעם באַפעל. — „מיטן טאָג גלײך װעט מען אים אַריבערטראָגן אינעם קיל־שטיבל", — זאָגט די שװעסטער און שלײכט אַרויס.

...ליגט ער, הײסט עס, אַזוי, דער בר־מינן, אײן נאַקעטער צװישן צוגעדעקטע לעבעדיקע מענטשן. װער פון די חולאים עס שלאָפט, און װער עס װאַכט אפשר, אַזױװי ער, שמואל... װאָלט כאָטש עמעצער אַ װאָרט גערעדט!... אַ נאַקעטער בר־מינן — טויטע שאַנד... עס ציט אַ קוק צו טאָן אַהין, אָבער ס'איז אַן אימה אפילו בלויז דאָס פּנים אויסצודרײען — — —

...המם. דעמלט האָט ער זיך טאַקע נישט אויסגעדרײט צום בר־מינן און זיך געפּײניקט אַן אײביקײט. ביז ער איז, אויסגעשעפּט פון אימה און פּײן, ענדלעך פאַרזונקען געװאָרן אין פאַרגעסעניש פון שלאָף. װען ער האָט זיך באַגין אויפגעכאַפּט, איז שוין דער בר מינן געװען אַרויסגעטראָגן. זײן נאַקעט בעטל מיטן דראָטענעם פאַרזשאַװערטן מאַטראַץ האָט דערמאָנט אַן אָפענעם קבר, פון װעלכן מ'האָט דאָס מת אַרויסגעגנבעט...

דעמלט האָט די אימה אין אים גובר געװען דעם חשק; דער בר־מינן איז געװען אַ פרעמדער. הײנט... איז ער אַן אײגענער, דער בר־מינן, איז דער חשק אין אים גובר די אימה, און דער בליק קאָן זיך נישט אָפּרײסן פון דעם רערל... אַ? דאָס האָט זיך ראָזאַליע אַ באַװעג געטאָן, און ער טוט זיך האַסטיק אַ דרײ אויס צו דער װאַנט.

...װאָס־זשע שטײט אים, שמואלן, פאָר צו טאָן? דער רעגירונגס־באַפעל איז געװען — טױשן. אָבער... װען ער װעט קומען אין באַנק אַרײן צום פענצטערל, װעט שוין דאָרט עמעץ שטײן פון פריער אין אַ זײט און אים דורכלעכערן די קעשענעס מיטן גאַנצן אײנגעװײד... װען ער, שמואל, װעט אַרויסנעמען פון בוזעם־קעשענע דעם קאָנװערט מיט די דאָלאַרן און זײ אַנידערלײגן פאַרן באַאַמטן פון יענער זײט פענצטערל, װעט אים יענער, דער באַאַמטער, אַ זאָג טאָן מיט חידוש און שאָדנפרײד: — „אַהאַ!... װיאַזױ, פּאַניע שאַנאָװני, האָט איר זיך עס אָנגעלעבט אַזאַ פאַרמעגן אויסלענדישע װאַליוטע?". און אײדער נאָך ער, שמואל, װעט באַװײזן אויסצושטאַמלען

אַן ענטפער, וועט ער דערפילן אויפן אַקסל אַ האַנט, וואָס קלאַמערט זיך צוזאַמען — די האַנט פון דעם עמעצן מיט די שטעכעדיקע בליקן: — „זייט מוחל, קומט מיט מיר. מיט געמיינזאַמע כוחות וועלן מיר שוין די זאַך אויפקלערן...״

...זאָל ער זיי לאָזן, די דאָלאַרן, ווייטער ליגן, ווו זיי ליגן? אַ? איז טאָמער געשעט פאַרט אַ מכשול — זיי הענגען דאָך קעגן די אויגן פון דער גאַנצער וועלט! המם... אפשר צוטראַכטן פאַר זיי אַ נאָך זיכערער באַהעלטעניש, ערגעץ אין אַ פינצטערניש? למשל... אַריינשטופן דאָס „דאָלאַרן־וואַרשטל״ אין דער דיקער פלאַש, וואָס שטייט אין קיך־בופעט, פאַרקאָרקעווען זי, דאָס פּיסקל פאַרגיסן מיט טריוואַקס, און באַגראָבן זי אויפן הויף אינעם קוילן־קעלער.

...זע נאָר! פאַרוואָס איז דאָס אים ביז היינט גאָר נישט איינגעפאַלן?! דאָרט... ווען מע זאָל עס אַפילו מיט אַ כישוף אַנטדעקן, איז ער אויך נישט פאַראַנטוואָרטלעך דערפאַר: אויף דער טיר דאָרט הענגט טאַקע זיין שלאָס, און דער שליסל הענגט דאָ אין שטוב — אָבער... וואָס קאָן ער וויסן, וואָס אויפן הויף טוט זיך! נישט ער, נישט זיין ווייב, נישט זיינס אַ קינד גייען קיינמאָל נישט אַהין נאָך קיין קוילן. טעאָפילע גייט... המם? אויף איר קאָנען זיי עדות זאָגן, אַז זי איז אַ העכסט אָרנטלעכע פרוי, אַפילו אַ יידנפריינד...

...המם. אָבער ווען און וויאַזוי פירט מען עס דורך אַזאַ שווערע אונטערנעמונג? עס קאָן זיך אים דאָ גראָד אונטערדרוקן אונטער דער נאָז דער שיכורער סטרוזש, דער אַנטיסעמיט: — „אַזוי, אַזוי... דאָס ערשטע מאָל זע איך דעם פאַן אַראָפגיין אין קוילן־קעלער... אפשר וועט מיר דער פאַן אויסבאָרגן אויף אַ קופל ביר?...״

... ניין, דאָס טויג נישט! און וואָס וועט ער שוין האָבן דערפון, אַז ער וועט עס בעסער אויסבאַהאַלטן? וואָס? ער וועט עס דען קאָנען אַמאָל אַרויסנעמען פון דאָרט צו פאַרקויפן? טויט־שטראָף! טויט!... איז דאָך אַלצייגס. המם... אפשר גאָר נעמען און עס פאַרברענען? פטור ווערן איינמאָל פאַר אַלעמאָל אויף אַלע אייביקייטן פון דעם האָרב, וואָס איז אָנגעשטאָפט מיט דינאַמיט? ניין. ער ווייסט — דאָס וועט ער נישט טאָן בשום אופן! דערויף וועט ער קיין האַרץ נישט האָבן! פאַרוואָס? המם... דאָס וואָלט דאָך פשוט געווען אַ פאַרברעכן קעגן... דער מלוכה! אונדזער מלוכה נייטיקט זיך אין אויסלענדישער וואַליוטע...

...איז וואָס־זשע טוט מען פאָרט? וואָס וואָלט אין אַזאַ פאַל געטאָן... זיין טאַטע, עליו־השלום? וואָס וואָלט געעצהט די קלוגע מאַמע, עליה־השלום? המם... און דער טערמין דערנעענטערט זיך מיט יעדער שעה!

דאַנערשטיק האָט ער געלייענט אין אַ צייטונג, אַז די, וואָס קומען אויס־

טוישן אויסלענדישע וואַליוטעס, ווערט נישט געשטעלט קיין שום פּראָגן. זיי זייַנען נישט מחויב אַפילו אָנצוגעבן זייערע נעמען און פאַמיליע־נעמען. איז אים לייכטער געוואָרן אויפן געמיט. כאָטש ער האָט זיך נאָך אַלץ נישט באַפרייט פון אַ צווייפל, צי איז דאָס נישט קיין נעץ אויף צו פאַנגען אַזעל־כע נאַאיווע „וואַליוטניקעס", ווי ער. נישקשה, די אמתע העכט וועלן זיך נישט לאָזן פאַנגען, ווי תמיד, וועלן אַרייַנפאַלן בלויז די אָרנטלעכע מענטשן.

אַהיימגעקומען האָט ער איינגעשלאָסן דעם ראַדיאָ און געהערט ווידער דאָס אייגענע. ס'האָט גערעדט אַ ספּיקערין — אַ יונג מיידל, ווייזט אויס. ער האָט זי זיך פאָרגעשטעלט מיט בלאָנדע האָר, וואָס שימערן מיט זון. און בלויע אויגן, וואָס קוקן אים אָן באַרויקנדיק: „מעגסט מיר טרויען... איך האָב נאָך קיינמאָל קיינעם נישט אָפּגענאַרט... כ'בין אַ מיטגליד פון דעם פאַרבאַנד פון דער פּוילישער יוגנט... פון דער נייער יוגנט...", איר שטים איז אַרויסגעקומען פונעם ראַדיאָ־קעסטל אַזוי לויטער, און דער טאָן איז גע־ווען אַזוי תמימותדיק, נישט־שוין־זשע וויל זי אים פאַרפירן, אומגליקלעך מאַכן אַ טאַטן פון אַזעלכע טייערע קינדער, וואָס דער עלטערער, אַהרעלע, איז אַזאַ גוטער פּיאַנער?

און ער איז געוואָרן, שמואל, כמעט... אינגאַנצן איבערצייגט. ס'איז קלאָר: באַזיצן אויסלענדישע וואַליוטע איז ביזן טערמין אַ פולשטענדיק דערלויבטע זאַך. ערשט נאָכן טערמין וועט עס פאַררעכנט ווערן פאַר אַ פאַר־ברעכן, פאַר וועלכן מע וועט באַשטראָפט ווערן מיט תפיסה. קוים וועט ער באַצייטנס אויסטוישן, וועט ער האָבן אַ רויק געוויסן און זיך פילן ווי אַן ערלעכער מענטש און בירגער.

מאַ. אַזוי טאַקע וועט ער טאָן! באַשלאָסן!

ער פילט, אַז שוין דער באַשלוס אַליין האָט אים אַראָפּגעקייקלט אַ שטיין פון האַרצן. ס'ווערט אים באַצייטנס לויטערער דאָס געמיט. הממ... דער עיקר, עס זאָל טאַקע אַדורך בשלום, ווי דאָס מיידל פון ראַדיאָ האָט אים פאַרזיכערט.

יאָ. נאָר דורכפירן עס איז אויך נישט אַזאַ לייכטע זאַך. ווי באַקומט מען עס אַרויס, „דאָס וורשטל", פונעם זשיראַנדאַל, אַז נישט ראָזאַליע, נישט אַהרעלע און נישט טעאָפילע — זאָלן עס נישט באַמערקן? הממ... סיידן ער זאָל זונטיק פאַרבלייבן אַליין אויפן פרימאָרגן אין שטוב. אונטער וועלכן ס'איז אויסרייד. מ'עט דאַרפן עפּעס צוטראַכטן ביז שבת.

שבת אין אָוונט האָט זיך שמואל פרי געלייגט אין בעט אַריין. ער האָט זיך געקלאָגט, אָנשטעלנדיק אַ לײַדנדיק פּנים, אויף אַ שטאַרקן קאָפּווייטיק.

— מיר האָט זיך אייגנטלעך די גאַנצע וואָך אויסגעדאַכט — נאָך פון פאַריקן זונטיק אינדערפרי — אַז דו ביסט נישט מיט אַלעמען, שמואל, —

איז ראָזאַליע געוואָרן אומרויִקלעך. זי האָט אים דערלאַנגט דעם טערמאָמעטער און פֿירגעהאַלטן: דו שטרענגסט זיך צופֿיל אָן לעצטנס.

דער טערמאָמעטער האָט זי באַרויִקט: אַ נאָרמאַלע טעמפּעראַטור. אפשר אַ צוויי־דריי־שטריכעלעך העכער. נאָר, צוגעלייגט די האַנטפֿלאַך צו זיין שטערן, האָט זיך איר געדאַכט, אַז ער איז וואַרעמלעך.

— נו, — האָט זי געמאַכט אַ באַוועגונג פֿון צווייפֿל: יעדנפֿאַלס האַלט זיך ווייטער פֿון חנהלען. אין שטאָט הערט זיך אַ קאַלטע גריפּע. און מאָרגן פֿרי וועלן מיר זעען.

אויף מאָרגן אינדערפֿרי האָט שמואל געענטפֿערט אויף איר פֿראַגע מיט אַ זויער פּנים:

— ווי טוט מיר שוין נישט. נאָר עפּעס ווייס איך אַליין נישט... נייק, מעסטן וועל איך זיך נישט. איך וועל אפשר ליגן אַ פּאָר שעה אין בעט. כ׳וועל שוין זעען. דערווייל גיי דו מיט די קינדער שפּאַצירן.

— גוט, האָט ראָזאַליע מסכּים געווען.

ס׳איז אַריינגעקומען די פֿאַני טעאָפּילע. זי האָט דערלאַנגט דעם באַלעבאָס דעם פֿרישטיק צום בעט. ראָזאַליע מיט די קינדער האָבן אָפּגעפֿרישטיקט, זיך אָנגעטאָן און געלאָזט גיין אויפֿן שפּאַציר. אהרעלע האָט זיך פֿאַרפּוצט מיט זיין רויטן פֿיאָנערן־קראַוואַט, און שמואלן האָט עס אַ רייץ געטאָן, ווי אַ וואָרנונג... „וואָס בין איך? — האָט ער אין האַרצן פֿאַריבל געהאַט אויף זיך אַליין: אַן אינדיק, וואָס רויטס רייצט אים אויף?...” און ער האָט מיט דער „אַנט אַ צי געטאָן חנהלען, זי אַ קוש צו טאָן.

— ניין, קוש זי נישט פֿונדעסטוועגן. — האָט אים ראָזאַליע פֿאַרווערט: זע, סאַראַ זון אינדרויסן. ווער געזונט און קום צו גיין. מירן וואַרטן אויף דער באַנק, וווּ מיר זיצן געוויינלעך. איאָ, חנהלע? נו, אויף ווידערזעען!

ווי נאָר פֿאַני טעאָפּילע האָט אויפֿגעראָמט די שטוב און גענומען פֿאַרען זיך אין קיך, האָט דער באַלעבאָס זי געבעטן אַריינדערלאַנגען אַ שיסל הייסע וואַסער מיט זייף צו די פֿיס.

— מע שמועסט, — האָט ער געזאָגט מיטן ערנסט פֿון אַ דאָקטער: אַז אַ פֿיס־וואַנע איז דאָס בעסטע מיטל פֿטור צו ווערן פֿון אַ פֿאַרקילונג.

פֿאַני טעאָפּילע, וואָס האָט מיט אירע שפּיזלדיקע אויגן אויסגעזאָנדירט ביי אים די קראַנקהייט, האָט אויף דעם דאָזיקן מיטל געדרייט מיט דער נאָז, אַריינדערלאַנגט אים די שיסל הייסע וואַסער און, גאָרנישט זאָגנדיק, פֿאַרמאַכט הינטער זיך די טיר.

דעמלט האָט זיך שמואל, געטריבן פֿון זיין פֿיבערדיקן ווילן, דערפֿילט געזונט, נאָך פֿאַרן מאַכן די פֿיס־וואַנע, און מיט יונגע כּוחות, מיט אימפּעט. גאָרנישט ווי קיין פּופּציקיעריקער, אַראָפּ פֿון בעט. ער האָט אַרויסגעדרייט

דעם ראַדיאָ, כדי צו פאַרטױבן דעם רױש פון דער באַװעגונג דאָ, הױך אי־בערגעדרײט דעם שליסל פון דער טיר און קיך אַרײַן און שנעל, אין דער שלאָף־פּיזשאַמע, גענומען זיך צו דער אַרבעט. ער האָט האַסטיק און גלײַכ־צײַטיק אײַנגעהאַלטן אַרױפגעשטעלט אַ שטול אױפן טיש און אױף איר אַרױפגעקראָכן. ס׳האָט אים דורכגענומען אַ פּײַבערדיקע אױפרעגונג. אױב דער טערמאָמעטער האָט נעכטן אין אָװנט געװיזן זײַן טעמפּעראַטור נישט מער װי זעקס און דרײַסיק בײַן, האָט ער ערשט אַלײן דערפילט, װי אַ היץ לױפט אים, װי אַ הײסער, פײַכטער װינט, איבערן קערפּער. דער אומרו האָט געמאַכט קלאַפּן זײַן האַרץ, װי אַ זײגער: ס׳זאָל קײן שום מכשול נישט געשען! ס׳זאָל קײנעם נישט צופעליק אַנײַאָגן פון דרױסן! ראָזאַליע זאָל זיך נישט אומקערן צוריק פון מיטן װעג!... ס׳זאָל זיך אים, חלילה־וחס, גאָר נישט אַרױסגליטשן פון די הענט, און טעאָפילע זאָל דאָרט דערהערן — די פינגער צוקן בײַ אים...

נו, דערװײַל גײט עס בשלום... אוף! אַ לעמפּל האָט זיך אַ שאָקל געטאָן, ער האָט געמײנט — סע פאַלט אַראָפּ... זײַן האַרץ האָט זיך װי מיטגעשאָקלט מיט דעם און איז, דאַכט זיך, שטײנגעבליבן. ער האָט דאָס לעמפּל שטאַרקער אײַנגעשרױפט און דערבײַ געשטאַמלט עפּעס אומפאַרשטענדלעכס פאַר זיך אַלײן.

...ענדלעך! ער האָט עס! דאָס... „װורשטל" (ס׳איז שױן איצטער גאָר נישט „װוּנדערבאַר") ליגט אונטער זײַן קישן!

אױפהענגען צוריק דעם זשיראַנדאָל קומט אים אָן לײַכטער. װי סײַ ער אַלײן, סײַ דער זשיראַנדאָל װאָלטן אױסגעהײלט געװאָרן פון אַ שװערער משא.

ער רײַסט אַראָפּ דאָס פּאַפּיר פון דעם „װורשטל" און לײגט אַרײַן די דאָלאַרן אין אַ קאָנװערט. צוריקגעבראַכט אַלץ אין אָרדענונג און אַפילו אָפּגעבלאָזן די פּאָדלאָגע אַרום טיש, שליסט ער אױס דעם ראַדיאָ און נעמט זיך הױך װאַשן די פיס, אַז טעאָפילע זאָל הערן. אַרומגעװישט די פיס, דרײט ער צוריק איבער דעם שליסל פון דער קיכטיר, לײגט זיך אין בעט אַרײַן און בעט אַרײַן מיט אױפגעהײטערטער שטים די פּאַני טעאָפילע:

— נו, באַרימט ער זיך, װי אַן ענטפער אױף איר פריערדיקן דרײען מיט דער נאָז: זי זעט שױן, פּאַני טעאָפילע — דאָס מיטל האָט מיר שױן געהאָלפן. ס׳האָט מיר אױסגעװאָרעמט די פיס, און כ׳פיל זיך פריש און געזונט!

— איך זע, איך זע, — לאַכט זי: ס׳איז אַפּנים אַ פּאַנסקע מיטל אױף אַ פּאַנסקע כאָראָבע.

נאָר דער פּאַן הערט זי נישט און רעדט װײַטער:

— אין אַ האַלבערשעה אַרום טו איך זיך אָן און גיי אַפילו אין גאַס.

פאַני טעאָפילע האָט אַ נעם געטאָן די שיסל אומריינע וואַסער, דאָס שטיקל זייף מיטן האַנטעך, שוויגנדיק אויף אים אַ קוק געטאָן, און אַרויס־געגאַנגען. פון דעם קוק האָט דער באַלעבאָס אַרויסגעלייענט איר מחשבה: „יעדער פאַן מיט זיינע משוגעתן".

פאַני טעאָפילעס ווייטערע מחשבות האָבן זיך אויסגעדעמפט פון איר קאָפּ שוין אין קיך, געבויגן איבער דער פאַרע פון אַן אַלומיניענעם טאָפּ: „אַזוי איז ער אַ גאַנץ פיינער מענטש, דער פאַן קאָוועגסקי — פוצט זיך תמיד אַליין די שיך, גיסט זיך אַפילו אַליין אָן אַפּטער טיי, און זיצט צוזאַמען מיט מיר, דער הויזדינערין, ביי איין טיש. ער איז נישט ערגער פון דער פאַני קאָוועגסקאַ... אויב זיי געהערן נישט אַמאָל צו יענער פּאַרטיי, וואָס מע שמו־עסט, אַז זי שטייט נאָר פאַרן אַרבעטער־מענטשן... המם... דער טייוול איז טאַקע נישט אַזוי שרעקלעך, ווי מע מאָלט אים... אין קאָשציאָל. צי... צי־ער איז גאָר צומאָל אינגאַנצן קיין טייוול נישט, דער טייוול?... די יידן און די קאָמוניסטן — האַלט אין איין פּלוידערן דער סטרוזש, נאָר שיכור אין געמיין איז ער אַליין..."

אַזוי האָט זי געטראַכט און זיך איינגעהערט מיט חידוש, ווי דער באַלע־באָס טוט זיך דאָרט שוין אָן. ווייל שמואלן האָט זיך בלויז אויסגעדאַכט, אַז ס'איז אַריבער אַ האַלבע שעה. אין צען מינוט אַרום האָט ער זיך באַ־טראַכט אין שפּיגל, צי ס'איז גאָרנישט קענטיק אויף זיין פּנים און אויפן מאַנטל אויף דעם אָרט, וווּ דער קאָנווערט מיט די דאָלאַרן ליגן אין בוזעם־קעשענע... כאָטש צוריק געדעדט: וואָס האָט ער זיך דען אויף יעדן אופן צו שרעקן? וואָס ער טראָגט אויסלענדישע וואַליוטע? יאָ! ער טראָגט אין דער נאַציאָנאַלער באַנק, כדי צו דערפילן זיין בירגערלעכן חוב — זי אויסצו־טוישן. וועג אים פאַרגלוסט זיך — האָט ער אַ ברירה צו טראָגן זי אַפילו אויף דער אָפענער דלאָניע, די וואַליוטע... ווי אַמאָל ביי זיי אין שטעטל גאָדל קצב, דער געוועזענער באַלטאַקסע — אָן אַקע קאַפּיטאַלנע רינדפליישׁ, זיך גרויסנדיק קעגן אַלע קצבים און זיך אויספייענדיק קעגן אַלע פיינע לייט...

שמואל האָט נאָכאַמאָל אָנגעטאַפּט דעם קאָנווערט מיט די דאָלאַרן דורך דער בוזעם־קעשענע, אָפּגעגלעט, פאַרגעסן צו זאָגן דער פאַני טעאָפילאַ „אויף ווידערזעען" לויט זיין געוווינהייט, און מיט אַ שמייכל אַרויסגעגאַנ־גען פון שטוב.

טעאָפילע איז געבליבן שטיין אין קיך מיט אַ פאַרוואונדערט פּנים אויפן פאַרזידנדיקן אַלומיניענעם טעפל — וואָס קאָכט זיך דאָרט ביים פאַן קאָוועגסקי אין קאָפּ?!

אַראָפּגעקומען אַן אויפגעהייטערטער פון די טונקעלע שטיגן, איז שמואלס בליק געפאַלן אין הויף אַריין — אַ ריזיקער קאַסטן פון גרויע, אָפּגעקראָכענע מויער־ווענט, אַנגעפּילט מיט טאָגליכט. ער האָט דאָרט דערזען די אייבערשטע האַלבע טיר, ווו שטיגעלעך פירן אַראָפּ צו די קוילן־קעלערס. איז אים מיטאָמאָל שווער געוואָרן אין קאָפּ פון אַ מחשבה, וואָס ער האָט זיך שוין אייגנטלעך נישט געדאַרפט ריכטן אויף איר, און זי האָט זיך ווי בלײַ אַראָפּגעלאָזט אין זײַנע פיס. ער איז שטיינגעבליבן אונטערן שאָטן פונעם טויער־געוועלב, ווי אַ צוגעקאָוועטער.

...ער קאָן דאָך שוין־באַלד נעמען און אַרײַנכאַפּן זיך אין קעלער אַרײַן... זינטיק, קיינער דרייט זיך איצט נישט אין הויף... אַזאַ פאַרמעגן! מיליאָנען!... די קינדער... ער — גייט זיי דאָך מקריב זיין צום מולך!...

אין דעם מאָמענט האָט זיך געעפנט דאָס שמאָלע, נידעריקע טירל פון דעם סטרוזשס שטיבל, טאַקע דאָ אין דער וואַנט פונעם טויער־געוועלב, און ס׳איז אַפּערגעקראָכן מיט אַ געבויגענעם קאָפּ דער סטרוזש. אויסגעגלייכט דעם קאָפּ, האָט ער אַ בליק געטאָן אַהער אין דער טויער־עפענונג צום דרויסן אַרויס. זיין שיכורער בלאָנדזשענדיקער בליק איז פאַרשטאַרט געוואָרן אויף קאָוועןסקיס פנים, און זיין מויל האָט זיך נישט געעפנט אַפילו צו באַגריסן מיט אַ „גוטמאָרגן”.

...און דעמלט זומער פאַרנאַכט, — האָט שמואל אַ טראַכט געטאָן מיט פאַריבל: האָב איך אים געגעבן גאַנצע פינף הונדערט זלאָטעס! און קיין רעשט אַפילו נישט געבעטן! און פינף הונדערט זלאָטעס זיינען דעמלט דאָך געווען — פ י נ ף ה ו נ ד ע ר ט זלאָטעס!... המם... אַוודאי, איצט פילט ער זיך, דער פיאַניצע, שטאַרקער און... העכער פון מיר, דעם לערער קאָוועןסקי, ווייל... וואָס ־וואָס — קיין תפיסה פאַר אויסבאַהאַלטן אויסלענדישער וואַליוטע האָט אים נישט.

פון דער לעצטער מחשבה איז שמואל אַזוי מבולבל געוואָרן, ווי אַט טוט דער סטרוזש אַ גיי צו צון אים, אַ נעם פאַר די לאַצן פונעם מאַנטל און הייזעריק אַ זאָג: „עפּעס זעסטו מיר אויס פאַרדעכטיק, פאַניע קאָוועןסקי... צי טראָגסטו נישט צומאָל קיין אויסלענדישע וואַליוטע אין פאַזעכע צו פאַרקויפן?!... קעגן זשידעס בין איך גרייט צו העלפן יעדער רעגירונג...” און ער האָט אויטאָמאַטיש אַ צי אַראָפּ געטאָן דעם הוט, שמואל, און שולדיק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ צום סטרוזש:

— גוט מאָרגן אייך, פאַן.

נאָר גלייך האָט ער זיך געכאַפּט, פאַרשעמט זיך געטאָן אַ דריי אויס,

און איז שנעל אַרויס פון טויער אין דרויסן, ווי דער אַלטער וואָלט אים נאָכיאָגן.

דעם סטרוזשס באַזויפטער בליק האָט אים פאַרבליפט נאָכגעקוקט אין דער שיין פון טויער, אין וועלכער ער איז צערונען געוואָרן, קאָוועגסקי. אויפן סטרוזשס פנים האָט אויפגעשימערט אַ שמייכל פון הנאה מחמת דעם כבוד, וואָס דער זשיד האָט אים נאָר וואָס צוגעטיילט, אַ כבוד, אויף וועלכן ער פאַרדינט זיך פון אים, ווי אַ פּאַליאַק און קאַטאָליק. נאָר באַלד האָט ער אַ שפּיי געטאָן דורך די ציין מיט אַ סיק, ווי אַ קאַץ קעגן די אויסגעשטשי־רעטע ציין פון אַ אַ הונט, און אַ וואָרטשע געטאָן:

— זשידאָווסקי שאַכער־מאַכער, פּשאָקרעוו, כאָליעראַ!

שמואל האָט דאָס שוין נישט געהערט. ער האָט ערשט בכלל גאָרנישט געהערט און נישט געזען אַרום זיך. ער איז שנעל געגאַנגען אויפן טראָטואַר, לויפנדיק כמעט. ער האָט זיך עטלעכע מאָל אָנגעשלאָגן אין פאַרבייגייענדי־קע און שפּאַצירנדיקע. עמעץ, איינער און אַ צווייטער, האָבן אים בייז נאָכ־געזידלט. אָבער זיין געהער האָט באַוויזן צו פאַנגען בלויז אַ וואָרטשען, אָדער אַ פאַריבלדיקן טאָן. ער האָט געהאַט דאָס באַוווסטזיין, אַז ער לויפט, אַנט־לויפט, נאָר — פאַר וועמען? פאַר דעם סטרוזש, דעם שיכורן אַנטיסעמיט? ווען ער זאָל אפילו וועלן, דער פּיאַניצע, וועט ער אים דאָך אויך נישט אָנ־יאָגן — די וואַקלדיקע פיס וואָלטן אים נישט געדינט... צי גאָר פאַר זיך אַליין אַנטלויפט ער? — ער איז נישט זיכער מיט זיך, צי וועט ער נישט, ביז ער וועט קומען אין באַנק אַריין, חרטה האָבן אויף זיין באַשלוס ערלעך אויסצוטוישן די פרעמדע וואַליוטע?

ער איז שטיינגעבליבן, פאַרקוקט אין זיך אַריין, ביי אַ טראַמוויי־אָפּ־שטעל, וואַרטן אויפן בייטיקן טראַמוויי. ער האָט זיך געהיים אַרומגעקוקט מיט חשד אויף די פנימער אַרום, צי איז אים עמעץ נישט חושד אין עפּעס, און ווייטער געוועבט זיינע מחשבות:

...און דאָ האָב איך זי דאָך אין בוזעם־קעשענע!... וואָס האָב איך דאָ הייגט אָפּגעטאָן? צו וואָס האָב איך זי גאָר אַרויסגעצויגן פונעם זשיראַנדאָל? אַליין אַרויסגערופן דעם בער פון וואַלד! ווי וועל איך ערשט, אין משך פון געציילטע טעג, ווידער האָבן דאָס מעגלעכקייט אויפסנייַ זי אויפצוהיי־מען? המם... ערשט מ ו ז איך זי שוין טוישן! און וואָס פריער, אַלץ בע־סער. איינמאָל אָפּגעטאָן דאָס נאַרישקייט — פאַרפאַלן!... „טאַטער, מעלקן איז אַן אַלף, תאָוו — וועט זיין דער חלף!“...

ס׳קומט אָן פונוויַיטן אַ טראַמוויי. שמואל קוקט אָנגעשטרענגט אויף זיין קיילעכיק בלעכל מיט די ציפערן — דער פינפאונצוואַנציקער? יאָ. ער זעט שוין דעם צווייַ... און ער הייבט אָן זוכן מיט די אויגן דאָס פאַסיקסטע אָרט

און שטופּט זיך אַהין, וווּ ס'וועט זיין צומבאַקוועמסטן זיך אַרויפצוכאַפּן. דער טראַמוויי שטעלט זיך. ער כאַפּט זיך טאַקע אַרויף דער ערשטער. איבעריקנס, איז עפּעס איצט גראָד נישט אַזאַ געדראַנג, ווי געוויינלעך אויפן פּינפּאונצוואַנציקער. ער זעצט זיך און איז אומגעדולדיק — ער גייט צו פּאַמעלעך, דער טראַמוויי! ווען ער וואָלט קאָנען אים אונטערשטופּן! דער קאָנדוקטאָר לעבן אים מאָנט אויסצוקויפן בילעטן. ער דערלאַנגט אים קליינגעלט,באַקומט אַ בילעט און איז ווייטער פאַרטאָן אין זיך. נאָר דורכן געוועב פון זיינע רעיונות, בעת זיין בליק איז פאַרשטאָכן אין די ננעז פון די אייגענע שיך, כאַפּט ער אויף פּאַראיינוועגס אַ געשפּרעך אין דעם שיטערלעכן וואַגאָן. עמעץ פּראַוועט מיט הנאה אויף אַ הויך קול, וואָס ווערט פון מאָל צו מאָל פאַרטומלט פון דעם קלאַפּן פון טראַמוויי. פון די צוויטן פון יענעמס דערציילן שטעלט זיך ביי אים אין קאָפּ צונויפצונעמען:

— — — איינער, אַן אַנגעזעענער פּריוואַטער קרעמער, וואָס האָט נאָך אַלץ זיין גרויסע קראָם נישט ליקווידירט... ער פירט אַ קאָנקורענץ מיט די מלוכהשע קאָאָפּעראַטיווע קראָמען... האָט געבראַכט אויף דער אויסטויש-שטעלע אַ גאַנצן זאַק באַנקנאָטן פונעם אַלטן געלט... ווי אַ פּגר האָט ער אים געשלעפּט, דעם זאַק, און געסאַפּעט, ווי אַ געשטאָפּטע גאַנדז, און געזיפצט... הינטער אים איז געשטאַנען זיינער אַ קליענט, וואָס האָט אויסגענוצט זיין קאָנקורענץ... ער האָט זיך צוגעקוקט צום קרעמערס ערגערניש, וואָס מאַכט אים דאָס פּנים ווי צעפּלאַצט... אין אים אינעווייניק פּלאַצט אַוודאי אויך די גאַל... דער קליענט האָט אויסגעהאָרכט זיין זיפצן נעבעך, און זיך איבער אים איזדעקעוועט: — „ווו איז, פּאַניע, קרעמער, פּאַניע פּריוואַטניק, געוועזן דיין קרעמערישער ניוך?... וואָס האָסטו אַזוי לאַנג אויסבאַהאַלטן דעם פּגר ביי זיך אונטער דער וואַרעמער פּערינע?... ביסט אַן אַ ווייב, נעבעך?... ערשט אַוועקט דאָך שוין פון אים אַ מייל ווייט!... האָסט זיי גוט אויסגעקאָנקורירט, די מלוכהשע קאָאָפּעראַטיוון...”

דאָס דערציילן ווערט כסדר באַגלייט מיט אַ לאַכן פון אַרום. ס'פאָרן דאָ אַפּנים בלויז אַרבעטער, פריינד פון דער נייער אָרדענונג.

שמואל האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז סיי דער פריילעכער דערציילער, סיי די צוהערער, וואָס גיבן אים צו השק מיטן לאַכן, מיינען דאָס א י ם. שמואלן — „מע שטראָפט די טאָכטער, און מע מיינט די שנור”. מיט נאָך פאַרשטאַרקטער אומגעדולד האָט ער אַ קוק געטאָן אינדרויסן אַרויס: ווו האַלט ער ערגעץ אין דער וועלט? און דאָ האָט אים דאָס האַרץ אַזש אַ זעץ געטאָן — וואָס אי' דאָס?! ס'איז דאָך גאָר אַן אַנדערע געגנט! הממ...

— ס'איז דער פּינפּאונצוואַנציקער? — האָט ער מיט אַ צעטומלטן בליק

און פאַרשעמט פּנים אַ פרעג געטאָן דעם פּוילישן שכן לעבן זיך, אַליין שוין ווייסנדיק אייגנטלעך, אַז נישט.

— ניין, בירגער, בסך־הכּל מיט איינס מערער... — האָט אים יענער באַ־טראַכט מיט אַ שפּאָטישן, כּאָטש גוטמוטיקן שמייכל.

אין דעם מאָמענט האָט זיך דער טראַמוויי אָפּגעשטעלט. שמואל איז פון אים אַראָפּ, ווי אַן אָפּגעבריטער, אַ פאַרצווייפלטער: אויב ס׳זאָל היינט ווייטער אַזוי גיין — ווער ווייסט, מיט וואָס דער טאָג וועט זיך ענדיקן!

ער דאַרף אייגנטלעך צוגיין צום אָפּשטעל־סלופּ און אַ קוק טאָן, זיך אָר־יענטירן, מיט וואָסער טראַמוויי דאַרף ער פאָרן פון דאַנען צו דער באַנק. נאָר... ער האָט שוין ערשט נישט קיין צוטרוי צו די טראַמווייען, מיט וועלכע ער פאָרט זעלטן... צו וואָס האָט ער זיך אים אונטערגערוקט, דער זעקס־אונצוואַנציקער?! ער, שמואל, קאָן געטרויען בלויז „זיין אַלטן באַקאַנטן״, דעם פינפאונצוואַנציקסטן. נאָר דאָ גייט ער, צום באַדויערן, נישט פאַרבײַ. קערט ער זיך אום צוריק צום טראַמוויי־אָפּשטעל, כאָטש ס׳איז אַ היפּשער וועג, און קומט צו אַהין אַ שווערבאָטעמדיקער און פאַרשוויצטער... ס׳איז היינט בישקשה פון אַ זון, כּאָטש אַ האַרבסטיקע!

ערשט וועט ער שוין נישט אַזוי לייכט געטרויען זיינע אייגענע אויגן אויך. ווען עס דערנענטערט זיך באַלד אַ טראַמוויי, פּאַרשט ער לאַנג אין געגנוי זיין בלעכל מיט די ציפערן. נו, דאָס מאָל איז ער שוין פולשטענדיק זיכער: אַ פינף רעכטס, אַ צוויי לינקס — פינף און צוואַנציק. דערפאַר אָבער איז ער שוין ערשט נישט דער ערשטער ארויפצוכאַפּן זיך, נאָר גראָד דער לעצטער. ער שטייט מיט איין פוס אויף אַ שטיגל, קלאַמערט זיך מיט איין האַנט פאַרן דינעם טראַמוויי־פּאַרענטשל און מיט דער צווייטער האַנט פאַרויס, מיט געבויגענעם קערפּער און פאַרויסגעשטאַרצטע פּלייצעס, שטופּט ער זיך אין דער געדיכטער קאַשע פון מענטשלעכע קערפּערס.

דער טראַמוויי רירט. שמואלס נאָכהענגענדיקער פוס באַלאַנסירט אין דער לופט, ווי אַ פאַרווונדערטער אַראָפּגעהאָנגענער פליגל, צו דערהאַלטן גלייכגעוויכט... צי וועט ער אַ ל יי ן זיך נישט נאָכשלעפּן נאָך די רעדער באַלד? און דאָ פירט ער מיט זיך די וואַליוטע!... אַ נס! — עמעץ, אַ ספּריט, האָט באַוויזן ארויפצוכאַפּן זיך איינמיטן גאַנג פון טראַמוויי הינ־טער אים — אַ שטאַרקער, אַ פעסטער, שוין גאָרנישט קיין העפלעכער, מאַנצפּאַרשוין — און אים, שמואלן, ווי אַ הייב און אַ שטופּ אַריין געטאָן מיטן כּוח פון אַ בעלגיש משא־פערד.

— ווי אַ ראָזשינקע אין האַרטן טייג, — האָט עמעץ אַ שפּאָס געטאָן איבער זיין קאָפּ, און ער פילט, שמואל, ווי „דאָס האַרטע טייג״ קוועטשט אים אַרויס פון זיך טיפער אין וואַגאָן אַריין. איין פּאָלע פון זיין מאַנטל

איז הינטער אים פאַרקלעמט געוואָרן און פאַרהאַלט אים אין זיין געשטויסן ווערן פאָרויס. ער מאַכט אַן אָנשטרענגונג, און עס געלינגט אים — ער האָט שוין די פאָלע לעבן זיך. נישט מער, אַ קנעפּל איז פאַרשווונדן פונעם מאַנטל... ער טוט זיך אַ כאַפּ און טאַפּט אַרום בגנבה דעם בוזעם, צי האָט מען אים נישט אין דעם געדראַנג אַרויסגעצויגן עפּעס מער ווי אַ קנעפּל?!... או־וך! ער איז דאָ, דער קאָנווערט מיט די דאָלאַרן, אויפן אָרט... נישטאָ קיין גנבים אין דעם נייעם אַרבעטנדיקן פּוילן.

ער האָט אָפּגעאָטעמט פרייער און זיך איינגעשרומפּן, כדי צו לאָזן אַ ביסל אָפּקילן דעם שווייס אויף דער הייסער הויט. באַצאָלט און באַקומען אַ בילעט, און גענומען, דאַכט זיך, קומען צו זיך. פונדעסטוועגן האָט דאָס אומגעדולד נאָך אַלץ געמאַכט פיבערן זיין זין: וואָס גיכער פּטור ווערן פון דער פרעמדער משא! וואָס גיכער ווערן אַ פרייער... ערלעכער מענטש, און קאָנען קוקן מענטשן גלייך אין די אויגן אַריין... ראָזאַליען... די קינדער... און זאָל מיר מער אהרעלעס פּיאָנערן־קראַוואַט נישט וואָרענען, נישט אויפרייצן!...

— ...כל־זמן איך האָב ביי זיך דעם... ווי האָט יענער געזאָגט? דעם פּגר קאָן איך נישט וויסן, וואָס פאַר אַ כלב עס וועט נאָך אויסשטרעקן צו מיר די לאַפּעס און שטשירען אויף מיר מיט די ציין...

אין זיין פאַרטראַכטעניש האָט שמואל צונויפגעלייגט דעם טראַמוויי־בילעט אין פירן און גענומען אים דענערווירט איינבייסן די ראַנדן. ווען דער בילעט איז שוין געווען איינגעביסן, און צעביסן, און פייכט פון סלינע, האָט ער אים, אַלץ נישט וויסנדיק וואָס ער טוט, ערשט רעכט גענומען אין דער אַרבעט אַריין מיט די שפּיצן פינגער. ער האָט אים געקנאָטן און צונויפגעקייקלט, ווי ער פלעגט עס טאָן אין די קינדער־יאָרן מיט פריש, ווייך ברויט אויף אויסצופורעמען דערפון אַ קאַטשקעלע אָדער אַ הינטעלע, ביז ענדלעך איז צווישן זיינע דריי שפּיצן פינגער געלעגן אַ קליין פּאַפּיר־קייקעלע, ווי אַ פּיל. ער האָט געהאַלטן ביי נעמען עס נאָך אַמאָל אויף די ציין.

...ווען עמעץ וואָלט באַמערקט, ווי איך טו דאָס, — האָט שמואל אַ טראַכט געטאָן מיט שפּאַס: וואָלט אים נאָך געקאָנט איינפאַלן — אַ משונהדיקער מענטש! גייט אַראָפּשלינגען אַ פּיל — דאָס פּאַסיקסטע אָרט דערויף זיך אויסגעזוכט!... צי גייט נישט דער מענטש באַגיין זעלבסטמאָרד?!... ניין, אין דעם נייעם פּוילן הערט מען נישט אַזעלכע זאַכן....

— אייער בילעט? — האָט אים אַ שטים אַ וועק געטאָן פון זיין פאַרזינקעניש, און ער האָט דערזען פאַר זיך די אויסגעשטרעקטע האַנט פון אַ קאָנטראָליאָר.

שמואל האָט צעחושט געטאָן אַ שטרעק אויס צו אים די האַנט מיטן פּייכטן פּאַפּיר־קייקעלע און נישט באַוויזן צו פאַרמאַכן די צעעפנטע ליפּן מחמת איבעראַשונג. ס׳איז אים אַזש הייס געוואָרן אין די אויגן, און אויף זיין אויפגעפלאַמט פּנים איז אויפגעגאַן אַ שעמעוודיק שמייכעלע:

— פּשעפּראַשאַם, — האָט ער געשטאַמלט: המם... פאַרטראַכטערהייט... האָב איך צעקייעט דעם בילעט.

— אַ שאַד, וואָס איר האָט אים נישט אַראָפּגעשלונגען, פּאַניע! — האָט זיך עמעץ הינטער זיינע פּלייצעס צעלאַכט. הויך און גוטמוטיק.

דער קאָנטראָליאָר האָט דעם משונהדיקן פּאַסאַזשיר ערנסט פאַרשנדיק אַריינגעקוקט אין די מבולבלע אויגן, ווי ער וואָלט געזוכט אין זיי דעם בילעט אָדער דעם אמת, אָדער גאָר — משוגעת. משמעות, אַז איינס פון די זאַכן האָט ער דערזען, ווייל ווי נאָר דער טראַמוויי האָט גראָד פאַרלאַנג־זאַמט זיין גאַנג פאַרן אָפּשטעל ביים גאַסן־צלם — יערוזאַלימער אַלייען און מאַרשאַלקאָווסקע — האָט זיך זיין פּנים, דעם קאָנטראַליאָרס, אויסגעגלעט מיט אַ שמייכל, און ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— נו, גוט. נאָר זעט, היט זיך, פּאַניע, אויף ווייטער, איר זאָלט נאָך צומאָל נישט אַראָפּשלינגען קיין אויסלענדישן באַנקנאָט... דאָס קאָן שטאַרק פאַרשאַטן צום מאָגן.

...דאָס האָט ער געמיינט דערמיט גראָד מיר צו זאָגן? האָט שמואל שרעקעוודיק אַ טראַכט געטאָן, און מיט אַ פרעגנדיקן בליק געבלאָנדזשעט איבער די פּנימער פון די מיטפּאַסאַזשירן.

דער טראַמוויי איז שטיינגעבליבן, און אַ מאַסע מענטשן זיינען פון אים אויסגעשטיגן. שמואל איז מיטגעצויגן געוואָרן און, ווי אַן אונטערגעצונדע־נער, האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן צום טראָטואַר. מיטן טראָטואַר האָט עס אים ווייטער געטראָגן — אַ נישט־געקומענעם נאָך צו זיך—דורך אַ באַוועגלעכער געדיכטעניש פון מענטשן, צום ראָג. דאָ האָט ער געטאָן אַ שפּאַן פאַרויס אויפן ברוק, איבערצושניידן די גאַס ווי פּלוצעם האָט אויף אים אַ קוק געטאָן אַ ריזיק בלוטיק אויג, און אין פּראָפיל איז אויף אים מיט אַ דראָענדיקן רעווע אָנגעלאָפן אַן אומגעהייערע חיה.

אַ פעסטע האַנט — זיכער אַן אַרבעטער־האַנט — האָט אים אַ שלעפּ געטאָן אויף צוריק. די חיה איז פאַריבערגעלאָפן... „איז מיר כסדר נאָכגע־גאַנגען יענער פאַרשוין, וואָס האָט מיך פריער אין טראַמוויי אַריינגעשטופּט?״ — האָט ער אַ טראַכט געטאָן.

הינטער זיין נאַקן האָט זיך אַ רויע שטים גינציק געבייזערט, דוצנ־דיק אים:

— וואָס? דאָס לעבן איז דיר נישט ניחא, ברודער? האָסטו אַ ברירה — טו עס ביי זיך אין דער היים. דאָ אין גאַס ווינטשט זיך קיינער נישט דאָס פאַרגעניגן, דאָס צוצוזעען! מ׳האָט שוין דאָ „שענערס“ געזען. צופיל זון היינט אויף די גאַסן...

— פשעפּראַשאַם! — האָט שמואל אויטאָמאַטיש אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו יענעם, אָבער... אפשר האָט זיך עס אים בלויז אויסגעדאַכט צו הערן — אַנשטאָט דעם יענעם האָבן זיינע צעשראָקן־פאַרתמטע אויגן דערזען אַ גאַנץ געזעמל קעפּ פון מאַנצבל און פרויען, וואָס ביי אַ טייל האָבן די פּנימער געקוקט אויף אים בייז, און ביי אַ טייל — צעשמייכלט; ביי וועמען דער שמייכל איז אַ גוטמוטיקער, ביי וועמען — אַ צופרידענער, און ביי וועמען — געמישט מיט שפּאָט: אַ מענטש וויל איבערגיין די גאַס, און ווייסט נישט אויף וואָסער וועלט ער איז! אַ פּראָווינצער, צי וואָס?...

שמואל האָט, ווי אַ פאַרמשפּטער, צוריקגעדרייט דעם קאָפּ. אין דעם מאָמענט איז דער רויטער ליכט־סיגנאַל פאַרשוואונדן, און אונטער אים האָט אויפגעלויכטן דער גרינער. אויף זיין פּלייצע, שמואלס, האָט אַ שפּאַר געטאָן אַ ווייכע וואַנט פון מענטשלעכע ברוסטן, און ער איז געלאָפן איבער דער ברייט פונעם ברוק מיט צעלאָפענע אויגן, אויסצומיידן די געפאַר, וואָס איז גראָד ערשט שוין נישט געווען. שטייענגעבליבן אויף דער צווייטער זייט ברוק אויפן טראָטואַר, האָט ער זיך ארומגעקוקט, ווי אַ געיאָגטער, אָפּגעאָטעמט, און זיין באַוווסטזיין האָט אָפּגענומען אַ געדאַנק, וואָס איז צו אים אָנגעקומען ווי אַן אומדערוואַרטעטע טעלעגראַמע: „ווען כ׳וואָלט מיט עטלעכע מינוט פריער געווען געהרגעט געוואָרן פונעם אָניאָגנדיקן אויטאָבוס, וואָס פאַר אַ פּנים וואָלט ערשט געהאַט מיין וואַליוטע?...“

זיין בליק האָט זיך פאַרהאַלטן, ווי אויף אַ וואַנט, אויף דער קאָלאָסאַלער וויטרינע, וואָס שטייט דאָ אין ווינקל פון דעם גרויסן פּלאַץ פאַר דעם מיטל־שטאָטישן וואָקזאַל — אַ וויטרינע מיט ראַמען, אין וועלכע ס׳ווערט פון צייט צו צייט אַריינגעשטעלט פאַרשיידענע דיאַגראַמען וועגן דער בויונג אין פאַרשיידענע שטאָט־קוואַרטאַלן. אַ שטיקל פּלאַץ, נישט ווייט הינטער דער וויטרינע, איז ווי פאַרזייט געווען געדיכט מיט אַ מחנה טויבן, פון די אַרומיקע חורבות. זיי האָבן זיך פּאַמעלעך באַוועגט, אָן שרעקעוודיקייט, פאַרטרוילעך, ווי קאָקעטירנדיק מיט די שימערירנדיקע פעדערלעך אויף זייערע העלדזלעך. זיי האָבן געפּיקט פון די האַרטע ברוקשטיינער די געשאַנקברעקלעך, וואָס גוטע דורכשפּאַצירנדיקע מענטשן האָבן זיי צוגעוואָרפן. די זון פון אויבן און שטאַרצנדיקע גרויע חורבה־ווענט פון ווייטן האָבן זיך ווי צוגעקוקט צו דער דאָזיקער אידיליע אין מיטן פון דער גרויסער זיך אויפבויענדיקער שטאָט, וואָס כאַפּט איבער דעם אָטעם אין איר זונטיקדי־

קער רו. אבער מיטאמאל — ווי זיך דערמאנט, אז צופיל זיכער זיין איז פארפירעריש, אז תמיד דארף א טויבן־הארץ זיין וואכזאם — האט זיך די טויבן־מחנה געטאן א רייס אפ פון ארט, ארויפגעריסן זיך אין דער הייך, זיך צוזאמענגעטוליעט און א וויג געטאן ווי א כמארעלע אין דער לופטן זיך צוריק פונאנדערגעשפרייט, פונאנדערגעוויגט זיך, געמאכט אן אלכסונדיקן קער מיט די פליגל, א בליאסק געטאן זילבערדיק מיטן „אונטערשלאק" פון די פליגל און צוריק געטאן א פאל אראפ, ווי א כמארעלע, אויפן ברוק פון פלאץ א ביסל ווייטער. און שוין — די אידיליע חזרט זיך איבער...

„...דער מענטש קאן זיך קיינמאל נישט באווארענען.." — האט שמואל ווייטער גענומען שפינען זיינע געדאנקען און אנגעהויבן צו גייך אן א ציל. עפעס האט אים פארשטעלט דעם וועג. ער האט זיך דערזען פנים־אל־פנים מיט דער פלאך פון דער וויטרינע. דאס מאל האט בלויז איין געפארבטער פאביר־טאוול אין א ראם מיטגעטיילט מיט פארגלייכנדיקע ציפערן דעם רעזולטאט פון אן ארבעטס־פארמעסט אויף א געוויסער בויונג, און די איבעריקע ראמען זיינען אויסגעפילט געווען מיט בילדער פון ארבעטער־שלאגלער. די זון איז שוין געשטאנען אין סאמע מיטן הימל. די בילדער האבן זיך געבאדן אין איר שיין, און אליין ווי אויסגעשטראלט ליכט. ס'האבן אויף אים געקוקט ,אויף שמואלן, פנימער קנאכיקע, פראסטע — נישט קיין פליישיקע, אינטעליגענטע — אבער מיט עפעס א באזונדערער פייערלעכקייט אין די אויגן. אויגן מידע, נאר גלייכצייטיק אויפגעהייטערטע. זיי זיינען ערנסט, די פנימער, אנגעשטרענגט, ווי אין ברען פון ארבעט, פון שאפן, און פול מיטן אויסדרוק פון ווילן צו דערגרייכונג און זיכערקייט פון דערגרייכונג...

צווישן דעם העכער א צענדליק פון די דאזיקע פנימער האט זיך שארף ארויסגעטיילט אויך עפעס א היימישלעך פנים. שמואל האט דאס פנים נישט דערקענט און זיך געוואונדערט: פארוואס איז עס אים אזוי היימישלעך? ווו ערגעץ האט ער אזא פנים געזען? די אויגן? יא! און מיטאמאל האט זיך דא, אין סאמע מיטן אויפגעלעבטן ווארשע, א שפרייט אויס געטאן אין זיין פארשטעלונג דער יידישער געטא, ווי ער האט אים צום ערשטן מאל דערזען... ער זיצט אויף א בלאקל פון ציגל... ער הייבט אויף דעם קאפ פון דרימל און דערזעט פאר זיך א פאלע פון א זעלנערישן שינעל... א זעלנער מיט א באקאנט פנים... גרויסע, שווארצע און צעשטראלטע אויגן... זיין געוועזענער שילער, באליעק גאלדהאר... נו, באליעק מיטן פארשטאפטן קאפ... געקומען אהיים פון ראטנפארבאנד מיטן פוילישן מיליטער... — — — אהא! דער ארבעטער־שלאגלער דא אויפן בילד האט באליעק גאלדהארס אויגן. המם...

שמואל האט דערפילט: עס שטייט דא לעבן אים א יונג מיט ברייטע פלייצעס און פעסטער ברוסט. נאר ער האט זיך נישט אומגעקוקט צו אים:

ער האָט געוווסט — ס'איז בלויז אַן אָפּדאַכטעניש, כאָטש ער פילט אים כמעט פיזיש. דער יונג האָט בפירוש געאָטעמט איבער זיין קאָפּ, כאָטש ער ווייסט, שמואל, אַז ער איז שוין נישט צווישן די לעבעדיקע — דער שליח פון ארץ־ישראל, דער חבר אַליאָשע. ער זעט אים איצטער, מיט זיין ליכטיק פּנים, באַלויכטן פון אַ העלן האָר־שויבער, און מיט זיין דרייסטן בליק... ער איז צו גאַסט ביי זיי אין שול... ער שפּילט זיך מיט די קינדער, ווי אַליין אַ קינד... — „אַ, — זאָגט צון אים דעמלט דער חבר אַליאָשע (ווי ראַזאַליע האָט זיך עס געפרייט און ווי געשטאַלצירט מיט אים!): דאָס זיינט איר דער לערער שמואל קאָוועַנסקי? האָב איך פאַר אייך אַ גרוס, אַ טרויעריקן און גלייכצייטיק דערמונטערנדיק־פייערלעכן. יאָ. צווישן די יונגעלייט, וואָס איך האָב ווערבירט אין נידערשלעזיע פאַר אונדזער „הגנה", איז געווען איינער מיטן נאָמען באַליעק, באַליעק גאָלדהאַר... אַיאָ? אייערער אַ שילער? ער האָט מיר דעמלט געזאָגט, אַז איין נאָענטער מענטש איז אים פאַרבליבן אויף דער וועלט — זיין געוועזענער לערער אין אַ וואַרשעווער יידישער שול — שמואל קאָוועַנסקי. ער האָט זיך, קומענדיק פון ראַטנפאַרבאַנד, באַגעגנט מיט אייך אויף די חורבות פון דעם געטאָ, און איר... נאָר דאָס איז נישט וויכטיק. ער האָט געוואָלט פאָרן צו אייך זיך געזעגענען. נאָר... איך האָב עס אים נישט דערלויבט — ס'איז דערויף קיין צייט נישט געווען. איר ווײַט עס מיר אַנטשולדיקן חבר קאָוועַנסקי. יאָ. איז אָט גיב איך אייך איבער אַ גרוס פון אים: ער האָט געקעמפט און געפאַלן ווי אַ העלד פאַר אונדזער זאַך..."

שמואל האָט דערמאַנט אַ צוזאַמענהאַנג צווישן די צוויי אומגעקומענע געשטאַלטן, דעם חבר אַליאָשע און זיין שילער באַליעק גאָלדהאַר, וואָס האָבן ערשט אויפגעלעבט אין זיין פאָרשטעלונג, און דעם יידישן אַרבעטער־שלאָגלער דאָ אויפן בילד אין דער רעם, וועלכער האָט זיי אין זיין געדעכעניש אַרויסגערופן און... טוט ווייטער ז יי ע ר אַרבעט... זיי אַלע דריי, די צוויי העלדיש אומגעקומענע און דער איינער, וואָס אַרבעט און קעמפט, לאָזן אים, שמואלן, עפּעס צו הערן... זיין שילער, באַליעק מיטן פאַרשטאָפּטן קאָפּ, לערנט מיט אים אַ האַרבע פּרשה...

און מיטאַמאָל האָט זיך אַ הייטערקייט אַריינגעגנבעט אין שמואלס נשמה: „באַליעק לערנט מיט מיר בלק..." ער האָט אַ שמייכל געטאָן צום אומגעקומענעם שילער און צום אַרבעטער־שלאָגלער, וואָס האָט ז יי נ ע אויגן, און געמאַכט אַ חשבון („ס'איז נישט אַזאַ שווערער חשבון, איך זאָל זיך נישט קאָנען קיין עצה געבן אָן ראַזאַליען"): וויפל פּראָצענט מאַכן אויס יידן אין דער אַרבעטס־שלאָגלערײַ לויט די דאָזיקע בילדער? היפּש!

זיין בליק האָט זיך ווידער באַוועגט איבער די פּנימער פון די אַרבע־

טער־שלאָגלער אין די ראַמען. פון דעם זונליכט, וואָס האָט פון זיי צו־ריקגעשלאָגן, האָט אָנגעהויבן נאָך העלערער ווערן אין זיין זינען. געדאַנקען זיינען אין אים אויפגעגאַנגען שוין אָן פיבער, רויק:

„...וואָס איז דער יסוד פון דער זיכערקייט פון די האָזיקע מענטשן?... זיי־ער גלויבן אין דעם כוח פון די אייגענע „צען פינגער"... ניין, נישט בלויז פון די אייגענע „צען פינגער", נאָר אויך... פון דעם אייגענעם פויסט, וואָס וועט באַווייזן, אויב מע וועט באַדאַרפן, אָפּשלאָגן אַלע אַטאַקעס פונעם שונא... מסתמא איז דער גרעסטער טייל פון זיי פּאַרטייישע... זייער זיכערקייט קומט פונעם גלויבן אין דעם כוח פונעם אייגענעם ווילן, פונעם ווילן פון דער פּאַרטיי... די האָזיקע מענטשן האָבן נישט קיין מורא, נישט פאַר קיין געריכטן טויט און אוודאי נישט פאַר קיין אומגעריכטן... אַזאַ קאַליעדיק רעדעלע פון אַ זייגער ווערט תמיד לייכט פאַרטוישט אויף אַ צווייטס — דער זייגער גייט ווייטער און וויזט די צייט... ציילט די רגעס צו אַ שענערן מאָרגן... צו אַ שיינער אייביקייט... די האָזיקע מענטשן דאַרפן זיך נישט באַוואָרענען אויף נאָך זייער טויט מיט... אויסלענדישע וואַליוטע!... און איך האָב דווקא געוואָלט מיין ראַזאַליען, די פּאַרטייערין, באַוואָרענען..."

אַ שמייכל האָט אויפגעזונט אויף זיין פּנים. זיינע אויגן זיינען שוין געווען פולשטענדיק רויק. דער פּלוצעמדיקער פליגל־רויש פון די אויפגע־פלאָשעטע טויבן איבער זיין קאָפּ האָט אים אויפגעוועקט פון זיין פאַר־טראַכטקייט. ער האָט זיך דערמאָנט נאָך וואָס ער געפינט זיך איצט דאָ אָנשטאָט צו זיין מיט ווייב און קינדער אויפן שפּאַציר אין פּאַרק: ער דאַרף גיין אין דער נאַציאָנאַלער באַנק טוישן די אויסלענדישע וואַליוטע. קיינער יאָגט אים נישט נאָך און האָט נישט פאַר וואָס אים נאָכצויאָגן. פאַר זיך אַליין דאַרף ער אויך נישט מורא האָבן, טאָמער האַלט ער נישט אויס דעם נסיון. ער האָט שוין גאָר באַלד נישט דעם געפיל, אַז ער שטייט פאַר אַ נסיון...

ער האָט זיך אומגעוועגדט און אַ פרעג געטאָן ביי דעם אַרבעטער מיט די ברייטע פּלייצעס און פעסטער ברוסט, וואָס איז, ווי ער, געשטאַנען פאַר דער וויטרינע און באַטראַכט די בילדער, ווי מע גייט צו דער נאַציאָ־נאַלער באַנק. ער האָט באַקומען אַן אויספירלעכן ענטפער. ווי דעם פרעמדן מענטשן וואָלט עס געגאַנגען ממש אין לעבן אַריין, ער, שמואל, זאָל נישט אָנלייגן קיין איבריקן שפּאַן וועג.

— ניין, — האָט שמואל געשמייכלט: פאַרן וועל איך נישט... ס'איז ווייטלעך אַ ביטל? מאַכט נישט אויס. ס'איז נישט איילִיק.

ער האָט באַדאַנקט פאַר דעם געניטן אָפּמשלען, געוואָרפן אַ לעצטן בליק

אויף דער וויטרינע און געלאָזט זיך רויק און פּאַמעלעך אין דער אַנגע־וו־זענער ריכטונג, ווי אויף אַ שפּאַציר.

.17

שמואל קומט אַריין אין דעם גרויסן האָל פון דער נאַציאָנאַלער באַנק. ס׳איז גאָרנישט, ווי ער האָט זיך דאָס פאָרגעשטעלט. די באַאַמטע זיצן נישט הינטער קיין פענצטערלעך — בלויז הינטער אַ באַריער. זייערע פּנימער זיינען אָפן צו די אינטערעסאַנטן. אויפן פּנים פונעם מיליציאָנער, וואָס שפּאַצירט אַרום איבערן האָל, איז נישט צו אָנען קיין בייזקייט. עס מערקט זיך אויך נישט, אַז עמעצער אין ציווילן זאָל עמעצן נאָכקוקן מיט לאָקערנדיקע בליקן.

אָט־אָ אין דעם ווינקל קומט פאָר ביי עטלעכע טישן דאָס טוישן די אויסלענדישע וואַליוטע. עס שטייען לענגאויס דעם באַריער צוויי היפשע, שוויגנדיקע און געדולדיקע רייען. שמואל שטעלט זיך צו צו איינער פון זיי. די שטייערס פאַר אים, אין גרעסטן טייל פרויען, קוקן רויק אַהין צו־די באַאַמטע. יענע האָבן ערנסטע, אַ ביסל מידע פּנימער און ציילן די דערלאַנגטע באַנקנאָטן מיט ישוב־הדעת. זיי באַרעכענען מיט בלייפעדערס איין מאָל און נאָך אַמאָל, אָפּגעהיט, און פונדעסטוועגן זעט מען — ס׳איז אַפילו חידושלעך! — צו די באַנקנאָטן גופא זיינען זיי פולשטענדיק גלייכ־גילטיק, ווי... צו טויטע זאַכן; מתים ציילן זיי. מען טוישן קליינע סומען דאָלאַרן און גרעסערע אַ ביסל. אָבער עמעץ זאָל דערלאַנגען אַ גרויסע סומע, ווי זיינע, למשל, האָט ער באַנישט געזען, שמואל.

...המם. דאָרט, לעבן ערשטן באַאַמטן, שטייט שוין אַ לענגערע צייט עפּעס אַ פאַרשוין, טוישט נישט גאָרנישט און קוקט זיך בלויז צו — „זאָל עס זיין אפשר אַ?...״. ס׳הייבט ווידער אָן אָנוואַקסן אומרו אין האַרצן... ניין, אָט איז ער גאָר אוועקגעגאַנגען. שמואל קוקט אים פונדעסטוועגן נאָך מיט אַ לייכטן חשד. פאַרטשעפּעט זיך דערווייל זיין בליק אויף עמעצן אַנדערש. איבערן האָל דרייט זיך אַרום אַ הער אין פיינער, טונקל־ברוינער קליידונג, מיט אַ ברוינלעכער דיק־לעדערנער טעקע אונטערן אָרעם — לויטן אָנבליק אַ ייד. ער זוכט כלומרשט אַרום עפּעס אַן אַמט, ווייל פון צייט צו צייט גייט ער צו דאָ און דאָרט צום באַריער און לייענט מיט די אויגן דאָס שילדל איבערן טיש פון די באַאַמטע. כלומרשט קאָן ער גראָד דאָס נייטיקע שילדל נישט געפינען. ער קאָן דאָך צוגיין פרעגן ביים מיליציאָנער? ער דרייט אָפּט אויס דאָס פּנים אַהער, כאָטש אַהער קומט ער דווקא נישט צו... דער־

מיט פֿאַרמסרט ער זיך, אַז אין דער טעקע האָט ער אוודאי אַן אַפּותיקו מיט אויסלענדישער וואַליוטע צום טוישן. צוליב דעם איז ער אַהער געקומען, נאָר דאָס האַרץ דערלאָזט אים אַלץ נישט דאָס צו טאָן... צי האָט דער ייד אין דער לעצטער מינוט מורא באַקומען? צי קאָן ער נישט גובר זיין אין זיך דעם נסיון ביים לעצטן אַקט פֿון שטעלן זיך אין דער ריי?...

...המם. און אַפֿילו דעם דאָזיקן יידן גייט קיינער נישט נאָך. ער קאָן זיך גאַנץ פֿיין אַרויסגיין מיט זיין פֿולער טעקע, און קיינער וועט אים צוריק נישט בעטן... אָט דערנענטערט ער זיך עגדלעך אַהער. און... אפֿשר? אפֿשר איז ע ר גאָר דער פֿאַרשטעלטער באָכקוקער?

דער אומרו אין האַרצן וואַקסט אָן נאָך אַ ביסל.

דער ברוינער העט איז צוגעקומען צום קאָפּ פֿון דער ערשטער ריי, אין וועלכער שמואל איז געשטאַנען, שטיינגעבליבן, אַריבערגעקוקט צום באַאַמטן, וואָס טוישט, און באַלד ווידער אָנגעהויבן גיין פּאַזע דער ריי, ווי ער וואָלט פֿאַרקוקט יעדן אין די הענט אַריין — וויפֿל טוישט ער? אָט וועט ער באַלד זיין לעבן אים, שמואלן. שמואל גנבעט אַראָפּ זיין אייגענע האַנט מיטן קאָנווערט, וואָס ער האָט ביז איצט געהאַלטן אויפֿן באַריער... זייערע אויגן באַגעגענען זיך... יאָ, יידישע אויגן, דערצו נאָך — באַזונדערס אומעטיקע, מיט אַן אומעטיק־רחמנותדיקער פֿראַגע אין זייער טיף: „פֿרעגט, צי וואָס דרייט זיך נאָך אונדזער באַזיצער אַרום אויף דער וועלט, נאָך דעם וואָס ער האָט דורך אונדז צוגעזען?...‟ אַזעלכע אויגן, ווייסט שמואל, זעט מען בלויז ביי יידן, וואָס האָבן איבערגעלעבט דעם געטאָ.

שמואל האָט שוין פֿאַרגעסן נאָך וואָס ער שטייט דאָ, און טראַכט ווייטער וועגן דעם יידן:

...אפֿשר האָט זיך דער דאָזיקער ייד — וואָס כאָטש פֿיין געקליידעט, זעט ער אויס ווי אַ פֿריש־געפּאָלירטער אָרון פֿאַרן אַראָפּלאָזן אין קבר — אפֿשר האָט ער זיך געראַטעוועט טאַקע דורך אַ גס פֿון וואַליוטע?... נס דאַכט זיך אים אין דער לעצטער מינוט, דעם יידן, אַז אוועקגעבנדיק זי, פֿאַרברענט ער מיט די אייגענע הענט זיין לעצטע פּאַפּירענע בריק... ער האָט נאָכנישט באַנומען, דער ייד, און נאָכנישט באַקומען די געוויסקייט, אַז די דאָזיקע בריק איז היינט ביי אונדז אין לאַנד שוין נישט נייטיק... ער דאַרף בלויז אַרבעטן מיט די אייגענע הענט, צי מיטן קאָפּ, און זיין לעבן און עקזיסטענץ איז פֿאַרזיכערט... ער האָט נאָכנישט, דער דאָזיקער ייד, דאָס באַוווסטזיין — וואָס איך האָב עס שוין יאָ — אַז די דאָזיקע פּאַפּירענע בריק פֿון דאָלאַרן, פֿירט גאָר צום טויט!

שמואל האָט אויטאָמאַטיש געמאַכט אַ באַוועגונג צו דעם יידן, וואָס איז אים געשטאַנען פֿאַר די אויגן, ווי ער וואָלט וועלן אים עפּעס זאָגן... אָבער

דער ייד איז שוין דאָ נישט געווען. דאָ זיינען בלויז דעם יידנס אומעטיקע אויגן, מיט דער נאָך אומעטיקערער פראַגע אין זיי, געשטאַנען פאַר שמואלס פאַרחושטן בליק. זוכט ער אים ערשט אַרום, שמואל דעם יידן, מיט אַן אויסגעניכטערטן בליק איבער דעם לאַנגן שטח פון דעם האָל. ער ווענדט אום דעם קאָפּ צו דער טיר, ווי געוואָלט אים זעען אַרויסגיין. איז — אָט איז ער! ער שטייט דאָרט דער לעצטער אין דער צווייטער ריי, וועלכע האָט באַוויזן אַזוי לאַנג זיך אויסצוציען. און, ווי באַרויקט זיך דערמיט, דרייט זיך שמואל צוריק מיטן פּנים צום טיש, וווּ מע טוישט די וואַליוטע.

אָט דערנענטערט ער זיך שוין צום באַאַמטן. אַ יונגער מאַן, אַ סימפּאַ־טיש, מאָגערלעך, מאַטעווע־מיד פּנים... ער ווערט גאָר נישט אויפגעלעב־טער, נישט לייביקער, דער יונגער מאַן, פון דעם כסדרדיקן שטראָם געלט, וואָס פליסט אָן אויפהער דורך זיינע קנאָכיקע, ווי דורכזיכטיקע, פינגער. ...הענט, וואָס לאָזן דורך געלט, וואָלטן תמיד דאַרפן זיין דורכזיכטיק. מיט וואָס פאַר אַ גלייכגילטיקייט און אומפּאַראינטערעסירטקייט דער יונגער מאַן נעמט צו די דאָלאַרן, וואָס מע דערלאַנגט אים! ער טוט צו מאָל אפילו קיין קוק נישט אויפן פּנים פונעם הערלאַנגער, אפילו נישט, דאַכט זיך, אויף דער אויסגעשטרעקטער האַנט; ווי נישט אַ לעבעדיקער מענטש וואָלט פון דער זייט באַריער דערלאַנגט די דאָלאַרן, נאָר אַן אויטאָמאַטישער גולם. המם... אַזאַ באַציִונג צו וואַליוטע קאָן האָבן סיידן אַ פּאַרטייער!

אויך ביי אים נעמט דער יונגערמאַן דעם קאָנווערט מיט די דאָלאַרן אַזוי גלייכגילטיק, אַזש ס׳איז ווי פאַרדריסלעך. ער ציילט איבער די באַנק־נאָטן מיט די קילע, דורכזיכטיקע פינגער, רעכנט מיט אַ בלייפעדער אויף פּאַפּיר, דערלאַנגט אים, נישט קוקנדיק אים אין פּנים, אַ צעטעלע און טוט אַ שעפּטשע צום באַריער:

— צו דער קאַסע. דער קומענדיקער...

די קאַסירערין, אַן אָפּגעפרישט, אויסגעפּוצט מיידל, אַ זונטיקדיקע, ציילט אים אויס פאַמעלעך, מיט זילבערנע פינגער און מאַניקירט־רויטע נעגל, ביידע זילבערנע באַנקנאָטן, וואָס שימערן, ווי אירע נעגל... זי האָט זיך אויסגעפּוצט לכבוד דער נייער וואַליוטע פון דעם נייעם לאַנד?... זי שפּיגלט זיך אַוודאי אין די האַרטע, גלאַנציקע באַנקנאָטן, ווי אין שפּיגעלעך, ווען זי בלייבט אַ רגע זיצן ליידיק.

ער נעמט צו דאָס געלט און לאָזט פריי פאַר אַנדערע הינטער זיך דעם צוגאַנג. ער שטופּט דאָס געלט אין בוזעם־קעשענע און מיט אַ לייכטן טראָט און אָפענעם בליק לאָזט ער זיך אַרויסגיין — אַן גרלעכער בירגער און באַפרייטער מענטש!... ער האָט פרייוויליק, נישט מחמת מורא, אָן ער־

גערניש אַפילו דערפילט זיין חוב. ער איז שטאָלץ מיט זיך, וואָס אין די לעצטע מינוטן איז זיין נסיון געוואָרן אויס נסיון.

פאַרבייגייענדיק די רייען, באַגעגנט זיך זיין בליק ווידעראַמאָל מיטן בליק פון דעם פיינגעקליידעטן יידן מיט די אומעטיקע אויגן, וואָס פרעגן: „צו וואָס?...” און ער, שמואל, צעשמייכלט זיך צו אים מיטן גאַנצן פּנים, ווי דערמונטערנדיק: „ס'איז כדאַי!...”

אין דעם פּאָרהאָל פון דער באַנק האָבן אים אָפּגעשטעלט עטלעכע בליקן, צוזאַמענגעלאָפענע, ווי שפּיזלעך בעת דער אַרבעט, אין איין פּונקט. האָט אויך ער אָנגעצילט אַהין זיין בליק.

ס'איז אַריינגעקומען אַ הויכע, מאָגערע און שלאַנקע, יונגע דאַמע. געקליידט מיט שיק. איר טונקל־גרינער, זאַפּטיקער הוט מיט אַ קאָקעטיש־פאַרריסענעם פעדער מאַכט איר פיגור נאָך שלאַנקער. אין איין האַנט, אין אַ ווײַסלעכער הענטשקע, האַלט זי אַ קליינעם רידיקול פון זילבערנער אויס־אַרבעטונג, מיט דער צווייטער ציט זי פאַר אַ דין, געפלאָכטן ווייס רימענדל אַ קליין בייכלדיק הינטעלע אויף נידעריקע געבויגענע פיסלעך. דאָס הינטעלע איז אַ ווייס מיט ווייסע דריבנע האָרקרייזלעך; ס'מאַכט דעם איינדרוק, נישט ווי ס'וואָלט געלאָפן מיט די פיסלעך, נאָר זיך נאָכגעקייקלט נאָכן ווייסן רימענדל, ווי אַ קליין ווייך פעסעלע; דאָס קעפּל מיט די לאַנגע האָריקע אויערלעך האַלט עס פאַרריסן, זוכט אַרום מיט די גרויסע, קייַלעכדיקע, גלאַנציקע און קלוגע אויגן און האַלט אין איין באַוועגן מיטן בייכטן, ראָזלעכן נעזל, נאָר עס אויסצוקוקן!

שווער זיך משער צו זיין, ווער עס פאַראינטערעסירט מער די נאָכקוקער — די דאַמע, צי דאָס הינטל. אַזעלכע דאַמען טרעפט מען שוין הײַנט נישט אַפילו אויף דער מאַרשאַלקאָווסקע, אַפילו נישט אין די אַלייען אין די לאַזשענקעס; אַזעלכע דאַמען זיינען הײַנט אָדער אויף עמיגראַציע, אָדער זיי מאַסקירן זיך אין באַשיידענער קליידונג און „שפילן טעאַטער אויף דער סצענע פון דער נייער אָרדענונג”. אַזעלכע איז אפשר די קאַסירערין דאָרט אין באַנק־האָל... סיידן די דאַמע איז אַן אויסלענדערין. אָבער אויך אַזעלכע אויסלענדערינס זעט מען שוין אין וואַרשע גאָר זעלטן. קוקט מען זיי נאָך ערשט, די דאַמע מיט דעם הינטל, ווי אַן אַנאַכראָניזם — ווער מיט חידוש, ווער מיט פאַראינטערעסירונג, און ביי וועמען אויפן פּנים עס שימערט אויף אַ שמייכל פון גוטמוטיקן שפּאָט. מע קאָן זיך שוין פאַרגינען צו זיין גוטמוטיק...

די דאַמע האָט זיך אַ קער געטאָן צום ווינקל, וווּ הינטערן באַריער זיצט אַ באַאַמטער ביי אַ טיש מיט אַ שילדל: „אַריינגאַנג־שיינען צום באַנק־דירעקטאָר”, און דאָרט שטיינגעבליבן.

סיי די דאַמע, סיי דער באַאַמטער האָבן פֿאַראינטערעסירט שמואלן, ווי קעגנזאַצן — פֿאַרשטייער פֿון צוויי קעגנזעצלעכע אָרדענונגען. ער האָט זיך דערנעענטערט צום באַריער. ער האָט די דאַמע באַטראַכט פֿון הער באַנעט, אין איר אָפּוואַרטן דער באַאַמטער זאָל דערליידיקן דעם אינטערעסאַנט פֿאַר איר. זי איז אויסגעקומען צו שמואלן מיטן רוקן. א כוואַליעאַרטיקע האַלב־קויל פֿון העל־בלאָנדע, שימערנדיקע האָר האָלט אונטער איר טונקל־גרינע, זאַמעטיקע הוט. שמואל האָט געטוישט זיין פּאָזיציע און באַקומען די מעגלעכקייט צו זען די דאַמע כמעט אַנפֿאַס. אַ שאַרף־געשטריכט פּנימל מיט איידעלער, לייכטבאַפּודערטער, העלער הויט, און הינטער איר שפּילט מילך און בלוט; אַ פֿינפֿאונצוואַנציקיעריקע וואָרשעווער; גרינבלעכע אויגן מיט חוצפּהדיקע פֿינקעלעך אין זייער טיף... די דאָזיקע אויגן האָבן זיכער קיין שרעקלעכס קיינמאָל נישט געזען, דאָס הייסט — עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל אַרויסרופֿן שרעק אין זיי... די דאָזיקע אויגן קעגנגעשטעלט די יידישע אומעטיקע אויגן דאָרט אין האָל אין דער ריי... — נאָר שמואל האָט דעם געדאַנק נישט פֿאַרענדיקט: ער האָט אים פֿאַרגעסן אין זיין ווייטערן באַטראַכטן דעם מויל־שניט פֿון דער דאַמע — כמעט אַ גלייכער, ווי אַ פּאַסיקל, צווישן דינע, פֿעטגעפֿאַרבטע, שאַרפֿע ליפּעלעך, ווי צוויי צונויפֿגעלייגטע שלענגעלעך; הינטער אַזעלכע ליפּעלעך איז זיך משער צו זיין אויך שפּיציקע, גיפֿטיקע ציינדלעך...

דער אינטערעסאַנט פֿאַר דער דאַמע — אַ רויט־פּנימדיקער הענדלער, וויזט אויס, מיט אַ פֿאַרזאָרגטער מינע... אפֿשר דער זעלבער פּריוואַטניק, וועלכן מ׳האָט היינט אויסגעלאַכט אויפֿן טראַמוויי נומער זעקס און צוואַנציק? — דער פּריוואַטניק, דערליידיקט זיין ענין, האָט אַ ווענד געטאָן צו איר זיין בליק, וואָס איז גלייך גרעסער געוואָרן פֿון חידוש און שרעקעוודיקייט גלייכצייטיק. ער האָט איילִיק, מיט אַפֿשיי פֿריי געמאַכט פֿאַר איר דעם פּלאַץ.

די דאַמע האָט זיך געווענדט צום באַאַמטן, בלייבנדיק שטיין שטייף, ווי אַן אָנגעצויגענע סטרונע, מיט אַ זיכערן, כמעט באַפֿעליערישן טאָן, כאָטש דאָס מויל האָט גערעדט פּויליש און פֿון געוווינהייט וועגן העפֿלעך:

— איך וויל בעטן אַן אַריינגאַנגס־שיין צום הער דירעקטאָר.

דער באַאַמטער, מיטן אויסזען פֿון איינעם פֿון די אַרבעטער־שלאָגלער אויף דער וויטרינע, האָט אויפֿגעהויבן צו איר די אויגן, אַ רגע געשוויגן, ווי ער וואָלט זי שטום אויסגעפֿאָרשט, און אַ פֿרעג געטאָן פֿאַרדריסלעך:

— מכוח וואָסער ענין דאַרפֿט איר צום חבר דירעקטאָר?

— איך דאַרף צום ה ע ר דירעקטאָר וועגן אויסטוישן וואַליוטע.

—אין דעם פֿאַל, האָט דער באַאַמטער אַ זאָג געטאָן כמעט מיט ביטול

אין טאָג: זייט אַזוי גוט אַרײַנגיין אין האָל פון באַנק און שטעלן זיך אין א ריי... קיין שעהען וועט עס נישט דויערן.

דער דאַמעס דינע ליפּעלעך האָבן זיך גיפּטיק צעשלענגלט, זי האָט אויפגערעגט אַ צי געטאָן דאָס הינטל פאַרן ווייסן רימענדל, נאָר באַלד אָנגעצויגן אַ שמייכעלע אויפן פּנים, וואָס האָט אָנגעהויבן לייכט אויפצופלאַמען אונטער דער פּודער:

— איך האָב צו טוישן אַ גרעסערע סומע. הממ... אין האָל, אין דער אָנוועזנהייט פון אַ סך מענטשן, איז נישט באַקוועם... מוז איך אומבאַדינגט האָבן אַ דערלויבעניש אַרײַנצוגיין צום... דירעקטאָר.

אויף איר פּנימל איז דורכגעלאָפן אַ צוק פון צאָרן.

...זי מיידט שוין אויס דאָס וואָרט הער, — האָט שמואל אַ טראַכט געטאָן.

זי האָט איבערגעריסן אינמיטן דער פראַזע, ווייל זי האָט באַמערקט דעם באַאַמטנס אויגן זוכן עמעצן איבער דעם פאַרהאָל... אַ מיליציאָנער מסתּם. נאָר דער באַאַמטער האָט גענומען דאָס טעלעפאָן־טרייבל צום אויער, זיך אײַנגעהערט און געזאָגט:

— אַ דאַ־מע דערקלערט, אַז זי האָט צו טוישן אַ גרויסע סומע וואַליוטע, און פּ אָ ד ע ר ט אַ דערלויבעניש אַרײַנצוקומען צו אײַך, חבר דירעקטאָר. געבן אַ שיין?... גוט.

צוריקגעלייגט דאָס טרייבל, האָט ער אָנגעשריבן אַ פּאָר ווערטער אויף אַ פּאַפּירל און עס אַנידערגעלייגט אויפן פּאַרענטש פון באַריער. ווי ער וואָלט נישט וועלן קומען אין באַרירונג מיט איר הענטל:

— ביטע, דאָ מיטן קאָרידאָר צו יענער טיר.

די דאַמע האָט אַ נעם געטאָן דאָס פּאַפּירל, אירע אויגן האָבן מיט פּינקטלעכער חוצפּה אַ בליץ געטאָן אויפן באַאַמטן, און זי האָט אַ צי געטאָן דאָס הינטל פאַרן ווייסן רימענדל:

— קום, ליבער פּושיטשוס!

— היוו־היוו! — האָט דאָס הינטל אַרויסגעלאָזט אַ דין, איידל בילעכל, וואָס איז ווערט די איידלקייט פון זיין דאַמע, זיך נאָכגעקייקלט נאָכן רימענדל, פאַרשוווּנדן אין דער טונקלקייט פונעם לאַנגן קאָרידאָר און זיך אויסגעלאָשן ווי אַ ווייסער פלעק.

שמואל האָט נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן אויפן באַאַמטן, געוואָלט זען זיינע אויגן, אָבער יענעמס קאָפּ איז שוין געווען פאַרטאָן אין פּאַפּירן אויפן טיש.

שמואל איז אַרויס אינדרויסן אויף דער ליכט פון טאָג. די זון האָט צוריקגעשימערט פון דעם גלאַנץ פון די אויטאָס אויפן פּלאַץ פאַר דער באַנק. מיט וועלכן איז אַהער די דאַמע פאַרפאָרן?—האָט ער לויפיק אַ טראַכט

געטאָן: מיט קיין טראַמוויי וועט דאָך אַזאַ דאַמע נישט פאָרן!... און איך, אַפילו ווען איך בין נאָך אַ מ י ל י אָ נ ע ר געווען, האָב זיך נישט פאַרגונען צו נעמען אַ טאַקסי. און... ווען כ'וואָלט געווען פאָרן מיט אַ טאַקסי — ווער וויסט, וווהין איך וואָלט דערפאָרן!...

ער איז געגאַנגען נישט געאײַלט, שפּאַצירמעסיק, אָבער אַ לײַכטער, בעת זײַנע רעיונות האָבן זיך לײַכט געקרײַזט אין זײַן קאָפּ, און אויפן פּנים איז געלעגן אַ שמייכל, וועגן וועלכן ער האָט, דאַכט זיך, נישט געוווּסט. ווי שנעל ער איז צוגעקומען צום טראַמוויי־אָפּשטעל!

עס איז דאָ געווען היפש ענג, ווי געוויינלעך אין די דאָזיקע שעהען אָבער ס'האָט אים נישט געאַרט. ער האָט געדולדיק דורכגעלאָזט אײַן טראַמוויי נאָכן צווייטן. ווי אָנגענעם ס'איז געווען צו באַצאָלן פאָרן בילעט מיטן קליינגעלט פון דער נײַער וואַליוטע! פון איבער דער אַרויסגאַנג־טיר פון טראַמוויי האָט פון אַ קליין פּשוט הילצערן ראַמל צוגעשמייכלט צו אים אַריבער דער ענגשאַפט דאָס פּנים פון אַ באַיאָרטן מענטשן מיט יונגע אויגן. דעם אונטערשריפט אונטערן בילדל האָט ער נישט געקאָנט איבערלייענען. ווער זאָל דאָס זײַן? זיכער אויך אַן אַרבעטער — ער איז אין אַ סוועטער, און ס'קוקן אַרויס די אַרבל פון אייבערהעמד...

שמואל האָט זיך גענומען דורכשטופּן, כדי איבערצולייענען דעם אונטערשריפט. אַט איז ער שוין אַזוי נאָענט צו דער טיר, אַז ער לייענט איבער: „וויעטשאָרעק וואַצלאַוו. אַרבעטער־שלאָגלער אויפן געביט פון טראַמוויי־קאָמוניקאַציע — 180 פּראָצענט נאָרמע"... ער איז אין מײַנע יאָרן בערך. — האָט שמואל אַ טראַכט געטאָן, און די גלייכקייט פון זייער עלטער האָט זיי געמאַכט ווי היימישער. וויעטשאָרעק וואַצלאַווס יונגע אויגן שמייכלען בעמלעך צו אים. און ער האָט צו אים צוריקגעשמייכלט. ער האָט ערשט געוווּסט, שמואל, אַז ער שמייכלט צו דעם אומבאַקאַנטן, אָבער היימישן וויעטשאָרעק וואַצלאַוו, און דערביי האָט זיך אים אין קאָפּ גענומען אויסוועבן אַ געדאַנק:

„ערשט... יאָ, ערשט, דאַכט זיך, האָב איך שוין דאָס רעכט... כ'האָב גובר געווען אין זיך דעם... קליינבירגער... כ'וועל מאַכן אַ ווענדונג אין דער פּאַרטיי... ראַזאַליע... מײַן אייגן ווײַב, וועט מיך רעקאָמענדירן..."

דער טראַמוויי האָט זיך געשטעלט. דורכגענומען מיט עפּעס אַ דערהייבענע פרײַדיקייט, האָט ער זיך געלאָזט אַהיים און ווייטער געצויגן דעם פאָדעם פון זײַן מחשבה:

„...נישט־שוין־זשע וועט זי זיך אָפּזאָגן מיך צו רעקאָמענדירן נאָך מײַן אויסזאָגן איר דעם גאַנצן אמת?... און אויסזאָגן וועל איך... אומבאַדינגט!..."

.18

אין שטוב איז שמואל אריינגעקומען א פרייליכער, פאריינגערטער און הונגעריקער. אין שלאפצימער איז חנהלע געלעגן אין איר בעטעלע. ער האט זיך משער געווען — א מידע פון פרישער לופט, פון שטיפעריי אין פארק, האט זי אפגעגעסן און גלייך געגאנגען שלאפן. ער האט זיך שטיל דערנענטערט צום בעטעלע און נישט באוויזן זיך צוריקצוכאפן: חנהלע האט אויפגעעפנט די אויגן, פארנעפלטע פון דרימל, אים אנגעקוקט מיט א לייכטן שמייכל, א שעכטשע געטאן: „טאַ־טע!", צוריק פארמאכט די אויגן און שוין — ווידער געשלאפן. ער איז אפגעגאנגען אויף די שפיץ פינגער אין עסצימער אריין.

ראזאליע און אהרעלע זיינען געזעסן ביים טיש אין אפוואַרטנדיקע פאַזעס, שווייגנדיקע. פאר זיי איז שוין געשטאנען די פארשפייז, אבער נאך נישט קיין געריכטע. ראזאליעס פנים איז געווען שארפער ווי געוויינלעך, האט זיך געטונקלט און געביטן די קאלירן פון פארדרוס. זי האט זיך מיט קיין איין פאריבל־ווארט נישט אפגערופן צו אים: ס'האט געשטערט אהרעלעס בייזיין.

ביי שמואלן איז אפגענומען געווארן דער קוראַזש, און ער האט שוין נישט ארויסגעבראכט פון זיך דאס פייערלעכע, וואס האט אים געבריט דעם צונג.

— אך, בין איך הונגעריק! — האט ער א זאג געטאן בלויז. אבער פארט אזוי הייטער, אז ראזאליע האט אויפגעהויבן אויף אים איר שארפן, שנײדיקן בליק, חידושלעך אים אנגעקוקט און געזאגט גלייכגילטיק־קאלט:

— חוץ דעם ווייב מיט די קינדער, ווארט שוין אויף דיר די פארשפייז אויך. זעץ זיך און עס.

אהרעלע האט איבערגעפירט א פארשנדיקן בליק אויף די עלטערן פון איינעם אויפן צווייטן, באנומען דער מאמעס שטומע גערעכטע טענה צום טאטן. געזען זיי נעמען עסן, האט ער אויך דאס זעלביקע געטאן. נאר זיין קעפל און הערצל זיינען דערביי פול געווען מיט דער נייגיריקייט: וואס וואלטן זיך ערשט טאטע־מאמע געזאגט, ווען ער וואלט דא נישט געזיצן?...

דאס עסן איז ווייטער צוגעגאנגען שווייגנדיק, אייליק א ביסל, ווי וואס גיכער פון דעם פטור צו ווערן. טעאפילע איז שוין געווען אוועקגעגאנגען, און צום טיש האט דערלאנגט ראזאליע אליין. דאס פארטועקייט האט איר פארלייכטערט דאס שווייגן. שמואל אבער האט אפילו אין דעם שווייגן נישט פארלוירן זיין אויפגעלייגטקייט. ער האט כסדר נאכגעקוקט ראזאליען מיט שמייכלענדיקע אויגן, ווי זיי וואלטן זאגן: „בלאז זיך, בלאז זיך, טייערע...

ווי נאָר איך וועל דיר אויסזאָגן חעם סוד, וועסטו אויפשיינען, ווי די זון אין דרויסן". אָבער זי האָט, האָבט זיך, עקשנותדיק נישט געקוקט צון אים, ווי גאָרנישט וואָלט געווען פון אים צו דערוואַרטן.

נאָכן עסן האָט זיך אהרעלע שנעל גענומען קלייבן אוועקצוגיין אין שול־קלוב.

— דער קראָוואַט איז ביי דיר נישט גוט אויסגעבונדן, — האָט אים דער טאַטע אַ זאָג געטאָן מיט אַזאַ הייטערקייט, וואָס האָט בשום־אופן נישט גע־קאָנט אויסגעטייטש ווערן. ווייל וואָס איז די גדולה, אויב דער פיאָנערן־קראָוואַט איז נישט גוט אויסגעבונדן? און דערפאַר האָט זיך ראָזאַליע נישט געקאָנט באַהערשן נישט אַ קוק צו טאָן נאָכאַמאָל אויף אים מיט חידוש. זי האָט שוין נישט אַראָפגעלאָזט דעם שאַרפן בליק פון זיינע פינגער, וואָס האָבן נישט באַזונדערס געשיקט, אָבער פלייסיק־צערטלעך איבערגעבונדן אהרעלעס קראָוואַט.

...ווי ער האָט זיי ליב די קינדער! — איז זי געוואָרן אַ ביסל אויפגע־לייגטער צון אים.

ווען אהרעלע איז אַרויסגעגאַנגען פון צימער און שטיל פאַרמאַכט די טיר, האָט שמואל אָפגעוואַרט אַ פּאָר סעקונדעס און אַ זאָג געטאָן:

— סאָראַ שטיל קינד ער איז, דער פיאָנער אונדזערער! ער גייט אַרויס אין גאַס, און מע זאָל עס כאָטש הערן אַ קלאַפּ טאָן דעם קלאַפּשלאָס פון דיר דרויסן־טיר.

און אַזוי ריידנדיק האָט ער זיך האַסטיק אַ שטעל געטאָן צום ווייב מיט אַ צעלאַכט פּנים:

— ראָזאַליע, טאַפּ אָן אָט דאָ־אָ, — האָט ער אויסגעדרייט די לינקע האַנט צום רוקן, אָנגעוויזן אויף אים מיטן גראָבן פינגער און געזאָגט זיגע־ריש: נישטאָ דאָ שוין מער קיין האָרב? האָ?

דאָס ווייב איז פון די אויסטערלישע רייד מבולבל געוואָרן און מיט אַ צעמישטער האַנט געבלאָנדזשעט איבער זיין פּלייצע:

— וואָס פאַר אַ האָרב? ווען פאַר אַ האָרב? ביסט פון זינען, שמואל?!

— כאַ־כאַ־כאַ! איך בין ביי די געדאַנקען, ווי נאָך קיינמאָל נישט ביז היינט. — האָט זי דער מאָן באַרויקט: אוודאי האָב איך געהאַט אַ האָרב. נישט אויף די פּלייצעס, ווו דו זוכסט — אויף דער נשמה... אויף מיין קליינ־בירגערלעכער נשמה, ווי דו זאָגסט.

— רעד, שמואל, מיט אַ טאַלק, — איז זי געקומען צו זיך: איך בין פון דיין ענטפער נאָך אַלץ נישט קלוגער געוואָרן.

— ראָזאַליע!... — האָט ער געיובלט: כ'בין היינט פּטור געוואָרן פון מיינע דאָלאַרן!

— וואָס פאַר א דאָלאַרן?! — האָט זי ווידער אויפגעריסן די אויגן, און איר פּנים האָט זיך אָנגעצונדן פון צאָרן: האַנדלסט מיט דאָלאַרן הינטער מיין וויסן?... דו... — און די ווייטערע ווערטער זיינען איר שטעקן געבליבן אין דער טרוקן געוואָרענער קעל.

ערשט איז אויפן מאַנס פּנים פאַרגליווערט געוואָרן א בלאַסקייט פון שרעק פאַר די אומגעוויינלעכע זידל־ווערטער, וואָס האָבן געקאַנט אַרויס פון איר מויל. ער האָט זיך דערפילט ווי אין א נעץ, וואָס ער אַליין האָט פאַר זיך אויסגעשפּרייט, און אָנגעהויבן שטאַמלען:

— ראַזאַליע... ווי פאַלט עס דיר איין?... כ׳האָב קיינמאָל ביז געד האַנדלט מיט קיין דאָלאַרן... כ׳האָב אויסבאַהאַלטן פאַר דיר די דאָלאַרן, וואָס כ׳פלעג באַקומען פון מיין פעטער... פון דיין מומען... זיי מיר מוחל, וואָס כ׳האָב זיי... פאַר דיר האָב איך עס געטאָן... ניין, ניין, רייס מיר נישט איבער... פאַר די קינדער האָב איך עס געטאָן... פאַרשטיי... א גאַנץ פאַרמעגן האָב איך היינט אוועקגעגעבן דער מלוכה... ווי אַן ערלעכער מענטש...

ביי ראַזאַליען אין קאָפּ איז מיטאַמאָל געוואָרן לויטער. ווי ס׳וואָלט אין אים קלאָר געלייזט געוואָרן א שווערע, פּיניקנדיקע מאַטעמאַטישע אויפגאַבע: זי האָט שנעל באַנומען דעם מאַנס אומפאַרשטענדלעכע האַלטונג פאַר די לעצטע וואָכן, זיין געראַנגל מיט זיך אַליין, זיין געמאַכטע קראַנק־הייט, און, צו לעצט, זיין גרויסן נסיון, פון וועלכן ער איז היינט אַרויס א זיגער אָן איר הילף, אָן קיינעמס הילף. אויף איר שטרענג, אָנגעבראָגזט פּנים איז אויפגעגאַנגען א שמייכל, ווי א ליכט פון לייטזעליקייט, קעגנ־איבער דעם מאַנס אויגן, וואָס האָבן געבעטן אייבזעעניש און פאַר־שטענדניש:

— ראַזאַליע!...

— מטורף! — האָט זי פאַרשטיקט אויסגעשריגן דורך זיינע שיטערע קושן. דער טאָן פון דעם וואָרט איז געווען ווייך און האָט אויסגעדריקט פאַרגעבונג. זי האָט זיך צעלאַכט.

— ראַזאַליע! — איז דער מאַן מיטאַמאָל ערנסט געוואָרן, און פון זיין מויל איז אַרויס זיגזאַגיק אַן אָנגעגליטע פראַזע, ווי א בליץ: ראַזאַליע... ערשט... פיל איך זיך באַרעכטיקט... צו גיין אין דער פּאַרטיי... דו... וועסט מיך רעקאָמענדירן?

זיי זיינען איצט געשטאַנען איינער קעגן צווייטן, זיך אַריינגעקוקט איינאַנדער פאָרשנדיק אין די אויגן, אין די הערצער, אין די מחשבות.

— ר ע ק אָ מ ע נ ד י ר ן וועל איך דיך נישט, — האָט ראַזאַליע געענטפערט אַנטשלאָסן, נאָר פאַמעלעך, ווי זי וואָלט דעם באַשלוס אָנגענומען ערשט, אינעם רעדן: דו האָסט עס געטאָן... אפשר צוליב פּחדנות?

ס'האָט זיך איינגעשטעלט צווישן זיי אַ שווערע, שווייגנדיקע פּויזע, ביז זי האָט צוגעגעבן שוין ווייכער:
המם... וועגן דיינע דאָלאַרן ווייסט מען ב י ש ט.
— ביסט געגערעכט, ראַזאַליע, — האָט ער איר געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין: און... אומגערעכט... איך פאַרזיכער דיר: אין די לעצטע מי־נוטן... האָב איך עס געטאָן פריוויליק... מיטן באַוווּסטזיין, אַז איך הערפ־ל פּשוט אַ מענטשלעכן און בירגערלעכן חוב... ניין, איך האָב עס דעמלט געטאָן מיט פרייד אפילו. לאָז מיך, ראַזאַליע, געניסן פון מיין פ... — ער האָט געוואָלט זאָגן פרייד, נאָר פאַרענדיקט האָט ער: פרייהייט! המם... נאָר אַז דו מיינסט...
— זיי־זשע נישט מער קיין צעקראַכענער קליינבירגער, — האָט זיך דאָס ווייב צעשמייכלט: ווילסט אַריין אין דער פּאַרטיי, טו ווי דאָס געוויסן הייסט דיר. כ'מיין, דו וועסט אָנגענומען ווערן אָן דעם ווייבס רעקאָמענדאַ־ציע אויך. מע ווייסט וועגן דיין איבערגעגעבענער לערערישער אַרבעט. המם... וועגן דיינע דאָלאַרן ווייסט מען נישט.
— כ'וועל זיך ווענדן, — האָט דער מאַן אַ זאָג געטאָן אַנטשלאָסן: אין וועגן די דאָלאַרן וועל איך אַליין דערציילן.
דאָס ווייב האָט אויסגעשטרעקט צום מאַן די הענט און זיך צעלאַכט:
— בראַוואָ! קום־זשע. איך וויל זיך צעקושן מיט מיין צוקונפטיקן פּאַרטיי־חבר.
זיי האָבן זיך האַרציק, שטום, אַרומגענומען, צעקושט און געבליבן שטיין אַזוי פאַראייניקט, ווי אַנומלט אין דער ערשטער צייט נאָך דער החתונה.
שמואל איז אויסגעקומען מיטן פּנים צו דער טיר אין שלאָפצימער אַריין. זיינע אויגן זיינען געווען האַלב־פאַרמאַכט. און גאָר אומגעריכט האָט אין זיין דמיון אויפגעפלאַטערט דאָס רויטס פון זייער, אהרעלעס פּיאָנערן־קראַוואַט, וועלכן ער האָט פריער אויסגעבונדן. אין זיין געדעכעניש איז גלייכצייטיק אויפגעקומען לעבעדיק דאָס געשטאַלט פון דער קאַזאַכישער דאָקטאָרין, זולפוגאַרא אַבדולאַיעוואַ, וואָס איר הייס בלוט ריזלט אין אהרעלעס אָדערן... צי איז זי נישט, גלייך ווי ראַזאַליע, אהרעלעס מאַמע?...
ער האָט ברייטער צעעפנט די אויגן, ווי זי אָנצוקוקן — די צווייטע מאַמע פון זיין קינד, און האָט איבערראַשט דערזען: די טיר איז אָפן, אין איר ראַם שטייט אהרעלע!... וועלכער האָט נאָך, אַפּנים, גאַרנישט געהאַט אַוועקגעגאַנגען.
שמואלהאָט זיך האַסטיק געטאָן אַ צי צוריק פון ראַזאַליען, ווי אַ פרעמ־דער וואָלט זיי „געכאַפּט פאַר דער האַנט". האָט זיך ראַזאַליע, צעמישט

א ביסל, ארומגעקוקט און אויך דערזען אהרעלען, ווי ער וואָלט פון הינ־טער דער טיר־שוועל ארויסגעוואַקסן.

אַהרעלע האָט געקוקט אויף טאַטע־מאַמע פאַרשעמט און פאַרשול־דיקט. ער האָט געשפּירט — דער טאַטע נעמט נישט אראָפּ דעם בליק פון זיין פיאַנערן־קראַוואַט. זיין פּנים, אהרעלעס, איז אלץ רויטער און רוי־טער געוואָרן, ווי ס'וואָלט וועלן זיך אויסגלייכן לויטן קאָליר מיטן קראַ־וואַט: וואָס האָט ער אָפּגעטאָן? געשטאַנען היכטער דער טיר אונטערצוהערן וואָס טאַטע־מאַמע רעדן צווישן זיך. דאָס איז דאָך אזא שאַנד פאר אַ שי־לער — א פּיאָנער! און אהרעלע האָט מיט די פינגער גענומען אָפּציען דעם קראַוואַט פונעם האַלדז, ווי ער וואָלט אים געשטיקט...

די מאַמע האָט געטאָן א גיי צו צון אים און געלייגט צערטלעך די האַנט אויף זיין קליין אקסעלע:

— זע נאָר, שמואל, ווי היפּש ער איז געראָטן אין דיר... — האָט זי געשמייכלט צום קינד און צום מאַן.

— וואָס איז דאָס חידוש, — האָט שמואל צוריקגעשמייכלט צו דער מאַמען מיטן זונעלע: מאַמעס האָט ער צוויי — דיך און די דאָקטאָרין זילפּוגאַרא — און א טאַטן בלויז איינעם.

ווארשע, מערץ, 1951

דערציילונגען פון אמאָל

חברים פון נויט און פּיין.

1.

עלינקע פון דריטן קלאַס איז א שם־דבר.

עלינקע. ווער אין שול האָט אים נישט געקענט? כאָטש ער פלעגט דורכשלייכן צווישן די קינדער שטיל און נישט־אָנזעעוודיק, ווי א וועריעמל צווישן גראָזן. קיינמאָל האָט קיינער נישט באמערקט, ווען עלינקע איז אין שול אריינגעקומען. אָבער געווען איז ער צו יעדער צייט. סיי פאַר די לעקציעס, סיי בעת זיי, סיי בעת די פּויזעס. אויסער די קלוב־שעהן, ווען ער פלעגט פאַשען זייער איינציק ציגעלע צווישן די לעפּעכעס הינטערן שטעטל.

צווישן דעם קינדער־קרענצל, ווו ער האָט זיך געפונען, פלעגט שטענדיק ארויסקומען און אומאָרדנונג, ריסערייען, פאַרביטערונג, און נישט זעלטן געוויין. אויף קיינעם פלעגן זיך די קינדער אזויפיל נישט פאַרקלאָגן, ווי אויף אים:

— עלינקע שלאָגט זיך הינטנאָרומער!

— עלינקע האָט געטאָן א „פּויליש קניפּעלע"!

— עלינקע האָט מיר געמאַכט א „הינטערקלעצל"!

אָבער קיינער האָט דאָך עס נישט געזען. און ס'איז אויף עלינקען נישט געווען אָנקענטיק. לויט זיין ערנסט־באַזאָרגטן פּנימל, וואָס האָט זיך פאַרבאָרגן אין שאָטן פון דאַשיק פון זיין גרויס היטל, האָט אויסגעזען גאָר פאַרקערט, אז עמעצער האָט אים א קלאַפּ געטאָן איבערן קאָפּ, אַזש דאָס היטל האָט זיך איבערן פּנים אראָפּגעצויגן.

קיינער איז נישט אזויפיל מאָל אריינגערופן געוואָרן אין לערער־

צימער, ווי ער. אָבער דאָרטן, פּנים־אל־פּנים מיט די לערערס, איז ער אוודאי נישט געווען דער שולדיקער עלינקע, אויף וועלכן די קינדער דער־ציילן אַזויפיל שלעכטס. כאָטש דאָס איז דאָך אמת געווען. ער פלעגט שטיין איינגעשרומפּן אין זיך, דאָס קעפּל אַראָפּגעלאָזן, און די אויגן אויף דער פּאָדלאָגע. עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט זיך מיטן גאַנצן גופל צוגעהערט צו דעם, וואָס די לערערס רעדן צו אים, ווי זייערע רייד וואָלטן זיך געגאָסן אויף אים, פון אויבן. אַזוי זעט אויס אַ בידנע פויגעריש פערדל אויפן יאַריד, ווען עס גיסט אַ שלאַקס־רעגן. ער פלעגט שווייגן, עקשנותדיק שטומען.

— נו, עלינקע, וואָס־זשע זאָגסטו אויף דעם? — טוט דער לערער אַ פרעג, אומגעדולדיק־פאַרדריסלעך.

אָבער ער בלייבט אָן ענטפער. בלויז די שוואַכע, בלאַס־בלויע־ליפּע־לעך, עלינקעס, באַוועגן זיך צוקנדיק. דורך זיין נעזל, וואָס קרומט זיך לייכט פון פאַרדרוס, קומט אַרויס אַ שוואַכער אומבאַשטימטער ברום, און שוין.

ס׳איז אויסגעקומען, ווי ע ר וואָלט נאָך טענות געהאַט, ווי עס וואָלט נאָך א י ם אַרויסגעקומען. נאָר גאָר זעלטן, ווען אַ לערער פלעגט מיט צוויי פינגער, ווי מען נעמט אָן אַ שמעק־טאַבעק, אויפהייבן זיין גאָמבעלע און באַ־מיען זיך צו פאַרקוקן אים מיט אַ גוט פּנים אין די אויגן אריין — פלעגט זיך מאַכן, ער זאָל אַ שמייכעלע טאָן, עלינקע, און אַ זאָג טאָן אי מיט תרעומות, אי מיט צו־להכעיס:

— פאַרוואָס ווילן זיי זיך מיט מיר נישט שפּילן? וויל א י ך זיי שלאָגן!

— אָבער אַז דו וועסט שלאָגן קינדער, וועלן מיר דאָך דיך נישט קענען האַלטן אין שול, עלינקע?!

— נו־נו. איך וועל זיי שלאָגן. און אַז מע וועט מיך אַרויסשיקן פון שול, וועל איך אַ גאַנצן טאָג פּאַשען דאָס ציגעלע אין פעלד.

עס איז מיט אים גאָרנישט געווען צו מאַכן. די לערער פלעגן דעמלט אַריינרופן די קינדער, וואָס האָבן זיך אויף אים פאַרקלאָגט, און זיי דער־קלערן, אַז מע דאַרף זיך מיט עלינקען אויך שפּילן, אַז ער וואָלט דאַן בע־סער געוואָרן און אַזוי ווייטער. נאָר אויך זיי פלעגן, ווען ס׳האָט זיך גע־האַנדלט וועגן עלינקען, אַרויסווייזן אַ נישט־דערוואַרטעטע עקשנות:

— מיר וועלן זיך מיט אים נישט שפּילן! ער קען אונדז נייטן?

און די צרות מיט עלינקען זיינען ווייטער געווען אָן אויפהער. די לע־רער האָבן שוין איינמאָל ערנסט אַ שמועס געטאָן, אַז מע דאַרף אים אַרויס־שיקן פון שול: ער איז שוין סיי־ווי איבערגעוואַקסן. אַ ייִנגל פון אַ יאָר צוועלף אין דריטן קלאַס! נאָר ווי קען מען טאָן אַזאַ זאַך? אַז ווען מע טוט בלויז אַ קוק אויף דעם עלנטן נפש, כאַפּט אָן אַ שוידער: פון אַ יאָר צוועלף, און זעט אויס פון אַ יאָר אַכט! זיין קליין, מאָגער, ברויך־און־בלוי פּנימל

מיט די בלוי־בלאַסע ליפּעלעך, מיט די שוואַרצע אויגן, ווי גרויסע טינט־פלעקן, קוקט אַרויס אַזוי פּיצינקע, אַזוי פייגלש־רחמנותדיק פון הינטער דעם גרויסן געשענקטן היטל. דאָס העלדזל, מאָגער, געראַגלדיק און שוואַך, קוקט אַרויס, ווי ביי די האָנטשיקלעך, וואָס זייערע העלדזלעך זיינען נישט באַפעדערט. אויף זיינע אַקסעלעך הענגט אַן אויסגעריבן פּאַלטעכל, וואָס איז צו־לאַנג און לאָזט אַרויסקוקן ברייטע, קורצע הייזלעך איבער נישט באַזאָקנטע דינע פיסלעך אין גרויסע קאַמאַשן. צוליב די גרויסע זאַכן אויף אים קומט אויס, אַז ער איז שוין אַמאָל גרויס און פול געווען, נאָר שפּעטער איינגעשמאַגערט געוואָרן אין דעם אַנטוישכץ, ווי אַ יאַדער אין אַ נוס. און די שטילענקע שטילקייט פון זיין גאַנצן קערפּערל האָט ווי איינגערוימט יעדערן אין אויער אַריין:

— איך בין אַ יתום!

.2

עלינקעס עלטערן

עלינקע איז טאַקע געווען אַ יתום. נאָך גאָר אַ קינד, איז אים זיין מאַמע געשטאָרבן. ער געדענקט זי אַפילו נישט. ער פילט נאָר כסדר, אַז זי האָט געמוזט זיין פונקט דאָס פאַרקערטע, וואָס עס איז די שטיפמאַמע. די שטיפמאַמע איז שטענדיק בייז, שרייענדיק, און שלעכט, פאַרפאָרעט מיט אירע אייגענע קינדער, אָדער ווי זי רופט זיי „ווערעם". ער שטאָרצט איר דאָ שטענדיק, עלינקע, ווי אַ פלאָקן אינמיטן וועג. אַרומפּאַדנדיק אַרום די קינדער, מיט צעשויבערטע פאַרפעדערטע האָר, די בלוזקע נישט פאַרשפיליעט נאָכן אָנזויגן דאָס פּיצעלע קינד, מיט אַ צעריסן קליידל און נישט פאַרשנורעוועטע שיך אויף באָרוועסע פיס, — פלעגט זי אויסזען, ווי אַ קוואָקע, ווען זי דערפילט איבער אירע הינדלעך דעם שאָטן פון אַ שוליק. אָבער זיין מאַמע האָט געמוזט זיין שטענדיק מילד, שטיל און גוט, און אפשר, פלעגט אַמאָל עלינקע טראַכטן, איז זי גאָר אויך קיין שלעכטע נישט, די שטיפמאַמע. ווען זי וואָלט נאָר נישט געהאַט מיט זיך צו טאָן, מיט אירע קינדער! דערפאַר זיין טאַטע, איז אוודאי נישט געווען קיין שלעכטער, אַ סימן, ס'איז אים אין לעבן געגאַנגען, עלינקע זאָל קיין גראָבער יונג נישט אויסוואַקסן, ער זאָל קענען צווישן מענטשן קומען און אַן אַדרעס מיט אַ יידיש בריוול אָנשרייבן. דערפאַר טאַקע האָט ער דאָך אים אין שול געשיקט און פון אים אַ באַריכט אָפּגענומען:

— נו, ווי גייט עס מיטן לערנען? מיטן שרייבן?

כאַטש די שטיפמאַמע האָט געשריגן, אַז די שולע איז אויף איר קאָפּ, אַזאַ גרויסער זומערדיקער פּרימאַרגן, און זי האָט נישט, וועד עס זאָל זיך אויף דער ציג אומקוקן! דער טאַטע האָט אָבער געטענהט:

— ניין. דאָס נישט! אַ כּפּרה די ציג, זי זאָל אפילו פיר קוואַרט מילך אַ טאָג געבן!

ער פלעגט אויך נישט זעלטן קומען אין שול אַריין, זיך אויספרעגן ביי די לערער וועגן זיין „בחור". די שול־קינדער האָבן אים געקענט, און פלעגן אָפט ריידן וועגן אים:

— מע רופט אים מייקל שינדער.

— גיי, דו ווייסט! ער איז גאָר אַ לאַטוטניק.

— יאָ, ער גייט אויפן דאָרף, פויערישע בגדים צו פאַריכטן.

— פאַרוואָס־זשע רופט מען אים שינדער?

— ער שינדט לאַשעקלעך.

— המם. פּע, נבלה!

— עס שפּירט זיך טאַקע פון אים.

— אָבער אַ גאַנצן זומער שמעקט פון אים. ער איז אַ שומר אין אַ סאַד. איר וועט זען, אַז עלינקע וועט אָנהייבן ברענגען עפּל און בארן אין שול אַריין.

— אָבער דערווייל ש...מעקט פון אים, פון עלינקען.

— אַז ער עסט כּסדר קנאָבל!

— שטענדיק נאָר ער ברענגט אין שול אַריין ברויט מיט קנאָבל!

— ער עסט קנאָבל אַזוי אויך.

— עס שפּירט זיך פון אים אפילו פון דערווייטנס.

— און ער וויל נאָך, מיר זאָלן זיך שפּילן מיט אים!

מייקל שינדער איז אויסערלעך גאָר אַ מיאוס מענטשל געווען. אַ קליין דאַר יידל. ער האָט געהונקען אויף איין פוס, און זיינע דאַרע אַקסל און הענט האָבן זיך געוויגט בעתן גיין. זיין פּנים, כאָטש אַ טאַטיש, מיט אַ קליין צוגעקלעפּט בערדעלע, האָט גלייך דערמאָנט מיטן אָנבליק אין עלינקען. נאָר ס'איז געווען גאָר אַ מאָדנע, עפּעס ווי אַ מאַסקע. איין אויג איז אים געווען האַלב אויסגערונען, און ס'האָט זיך דערפון דורך אַ שפּעלטל אַרויס־געזען אַ ווייס־אַפּלדיק סערפּעלע; פון הינטער אַ פינטלדיקער וויע האָט עס אַזוי געלאַכט און צוגעווונקען. דאָס צווייטע אויג ווידער, דאָס געזונטע, פלעגט זיך אַלעמאָל אַזוי גרויס צעעפענען, ווי עס וואָלט וועלן אַ קוק טאָן פאַר צוויי אויגן פאַראַמאָל.

ווען די שול־קינדער האָבן אים דאָס ערשטע מאָל דערזען אַזוי אויף

א פויזע מיט דעם היטל אין דער האַנט, די האָר אויפן קאָפּ אויפגעשטעלט, זוכנדיק מיט צעפּאַרענע אויגן א לערער — האָבן זיי זיך נישט געקענט איינהאַלטן און אויסגעשאָסן און אויסגעפּאָרסקעט א גרויס געלעכטער. מייקלס פּנים איז רויטלעך געוואָרן, דאָס געזונטע אויג — גרויס, גלאַנ־ציק, דאָס סערפּעלע פון צווייטן אויג — בלוטיק, און ער האָט א זאָג געטאָן מיט פאַרדריסלעכן פּירהאַלט.

— אַזוי פירן זיך אויף קינדער פון א יידישער שול? עס לערנען אייך, ווייזט אויס, שלעכטע לערער!

דאָס געלעכטער איז איבערגעהאַקט געוואָרן. די קינדער האָבן זיך דערפילט שולדיק קעגן דעם באַליידיקטן טאַטן, און נאָכמער קעגן די לע־רער, צו וועלכע זיי זיינען געווען שטאַרק צוגעבונדן. עס איז געוואָרן שאַ. עלינקעס טאַטנס אויג איז אַרומגעשוועמען איבער זייערע ערנסטע פּנימער און געבליבן שטיין פאַר זיי, ווי א שטרענגער גערעכט־שטראָפנדיקער לערער. עס האָט זיך געדוכט: עס איז שוין אַזוי לאַנג שטיל! און עס איז געווען פריקרע, און מע האָט נישט געוואַגט איבערצורייסן די שטילקייט. נאָר פלוצטאַלבן האָט אַ קינד אונטערגעשפרונגען, וויטיקלעך א קוויטש געטאָן, און זיך געכאַפּט פאַר א זייט. אַלע האָבן גלייך פאַרשטאַנען, אז דאָס האָט עלינקע בגנבה נקמה גענומען פאַרן טאַטן מיט אַ קניפּ. עלינקעס ווי־דער איז געשטאַנען פאַרקוקט אין פענצטער, ווי נישט אים מיינט מען. זיין פּנימל איז פול געווען מיט ברוגז, דאָס נעזל ווי אָנגעפּילט מיט טערפּקען זאַפט. צוליב זיין טאַטן און צוליב דעם געפיל פון שולד פאַר דער עוולה, וואָס זיי האָבן אים, עלינקען, געטאָן מיט זייער לאַכן, — האָבן זיי אים דאָס מאָל פאַרשוויגן. נאָר זיין טאַטע אליין האָט זיך צון אים דערנענטערט, אים אָנגענומען פאַר אַן אויער און מיט כעס א צי געטאָן:

— דו פאַרן טאַטן שטעל זיך נישט איין! קום, פיר מיך אריין צו די לערער.

.3

אויף משהל צעבער פון פערטן קלאַס איז געווען א שם־דבר.

משהל צעבער איז געווען א קינד פון א נגידישער שטוב. ער איז גע־גאַנגען גוט אָנגעטאָן. אין שול פלעגט ער קומען מיט א פיינער לעדערנער טעקע, און אין איר האָט ער, אויסער די ביכלעך, העפטן און שרייב־

מכשירים, שטענדיק געהאַט אַ זעמל מיט פּוטער מיט האַרטע אייער, אָדער ווייס ברויט מיט שמאַלץ און וווּרשט. אָפּטער אויך נאַשערייען. אַ גוטער פֿון נאַטור, פֿלעגט ער זיך אָפּט טיילן מיט די חברים. און פֿונדעסטוועגן האָט ער זיך קיין חבר נישט דערוואָרבן. ווען ער האָט מכבד געווען מיט עפּעס, מהיכא־תיתי, האָט מען זיך נישט אָפּגעזאָגט, אָבער חברן זיך מיט אים אויף דעם איז קיינער קיין בעלן נישט געווען. שוין אָפּגערעדט פֿון שפּאַצירן מיט אים פֿאַרנאַכט איבערן שאָסיי פֿון שטעטל. דערפֿון האָבן זיך אַלע אויף גאָר אַ גראָבן אופֿן אָפּגעזאָגט. ער האָט געוווּסט, פֿאַרוואָס דאָס איז. מע שעמט זיך מיט אים: זיין קורצער קאַליעקער פֿוס, וואָס איז איינגעפּראַוועט אין אַ סקריפּענדיקער מאַשינקע, שטייט אים אין וועג. אַז ער מוז נאָכגיין מיט די העוויות פֿון אַ מענטשעלע, וואָס מע ציט עס אָן פּאַר אַ פּאָדעם, און דאָס וואַרפֿט זיך מיט די הענטלעך און פֿיסלעך! באַזונדערס האָט ער זיך באַמיט איינצוקויפֿן זיך כאָטש ביי די מיידלעך אין חברשאַפֿט. ער האָט זיך באַדיי געשטעלט אויף זייער צד, בעת מחלוקתן צווישן זיי מיט די יינגלעך. ער האָט זיי געקויפֿט מתנות. אָבער אַלץ איז געווען אומזיסט. דעם פֿאַרקריפּלטן פֿוס אויסצוגלייכן, האָט דאָס אַלץ נישט געהאָלפֿן.

דערפֿאַר טאַקע פֿלעגט זיך משהל שטענדיק כאַפּן פֿאַר יעדער אַרבעט, זיין ביי אַלץ דער ערשטער, כדי צו באַווייזן: „נאָט, זעט, חברה, כאָטש איך בין אָט אַזוי־אָ... פֿונדעסטוועגן...". שוין בלויז זיין קומען אין שול איז געווען מיט האַרמידער. ער איז געגאַנגען שנעל, אונטערשפּרינגענדיק, מיט צעוואָרפֿענע גלידער, און די פֿוס־מאַשינקע האָט צעקלונגען מיט אירע אייזנדלעך און געסקריפּעט מיטן לעדער. ער איז שוין דורשטיק געווען צו טאָן, אויפֿצוטאָן. ער האָט זיך געריסן צו יעדער אַרבעט מיט ברען. ביי יעדער מלאכה אַרויסגערוקט זיך בראש. ער איז געווען אומדערמידלעך און טיכטיק איבער דער מאָס. האָט פּשוט געפֿלאַקערט, ווי פֿייער אין ווינט. אָבער אויף גרויסע צרות, פֿלעגט זיך אַזאַן אַרבעט פֿאַרענדיקן ביטער. זיינע איבערגעאיילטע קריפּל־באַוועגונגען האָבן אַ תל געמאַכט פֿון זיין גאַנצער מידיקייט. זיין פֿרייד פֿון אַרבעט און נצחון האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין פּיין פֿון שאַדנבריענגען און מפּלה. האָט מען געררוימט די גאַס אַרום דער שול, איז אַ בעזעם אַריין אַ קינד צווישן די פֿיסלעך, ס'איז געשטרויכלט געוואָרן און געפֿאַלן; ליאַרעמדיק געוויין און טומלדיקער צוזאַמענגעלויף; — האָט מען אין קלאַס איבערגעשטעלט די בענק, זיינען עטלעכע טינטערס צעבראָכן געוואָרן, דער טינט האָט פֿאַרכליופּעט אַ קינדס פּנימל און געמאַכט דעם קינד אַ נעגעריש בעזל; געוויין און געלעכטער, פֿאַרדרוס און געשריי; — ווער איז דער שולדיקער? אַלע אין איין קול:

— משהל צעבער!

דאָס האָט ער אַליין צעבראָכן, יענץ האָט ער עמעצן אונטערגעשלאָגן.
— אַז צו אַלץ כאַפּט ער זיך!

משהל פלעגט דאַן שטיין מיט אַ רויט, פאַרשעמט און צעצאָרנט פּנים. זיינע גרויע אויגן האָבן געגלאַנצט, ווי אָפּגעריבענע צינענע קנעפּ. די ליפּן האָבן אים געציטערט, ווי אַ ברעם אונטער אַ שווערער טרער. זיין בליק האָט געזוכט אַן איינציקן, מיט אים זיך אָפּצורעכענען. דאַן פלעגט ווערן שטיל.

צו די לערער מיט ספּראַווּעס קעגן אים, ווי קעגן עלינקע, פלעגט מען נישט גיין. מ׳האָט דאָך אָפּטער געקריגן פון אים עפּעס אַ נאַש; איז ווי האָט מען געקאָנט זיין אַזוי אומדאַנקבאַר? די בעסערע שילער ווידער, די אָנפירנדיקע, האָבן געדענקט, אַז צו יעדן שול־יום־טוב, צו יעדער שילער־רישער אונטערנעמונג, גיט דאָך משהל צעבער די גרעסטע באַשטייערונג. און חוץ דעם האָט מען מורא געהאַט פאַר זיין קאָנוולסיוון צאָרן.

עס פלעגט זיך דאָך מאַכן, אַז דער פאַרדרוס, די אויפרעגונג קעגן אים איז אַריבער די ברעגן. מע האָט אים פאַר די לערער נישט פאַרשוויגן. דאַן לאָזט ער אין אויפגעברויזטן צאָרן הענט און פיס אין גאַנג. חברה רוקט זיך אָפּ פון אים און לאָזט אים „מאַכן אַ ווינטמיל” אין דער לופט. אָבער ווען ער טרעפט עמעצן, כוטש פון זאַט פון קינדערישן צאָרן אַ בריענדיקער שפּריץ אויף אים:

— קרומער הונט!

משהל בלייבט שטיין געליימט. מיט צעהויקערטע אַקסל און צעפּאַרענע הענט און פיס. די ברייטער הויז־קלאַש פון זיין קאַליעקע־פוס איז הויך אַרויפגעהויבן, און עס קוקט אַרויס מיט טונקעלן גלאַנץ די פוס־מאַשינקע. די פּלוצעם איינגעשטאַלטע שטילקייט אַרום שטיקט אים, ווי וואַסער אַריבער מויל און אויערן. ער וואַגט זיך נישט קיין ריר צו טאָן. ער ווייסט, אַז מיט זיין יעדן ריר איצטער מיטן קראַנקן פוס, וועט די מאַשינקע אַ קלינג טאָן אַ סקריפּע מיט אַ קרעכץ. זיינע רויט־צעפּיבערטע אויגן פאַרלויפן מיט טרערן. דער חברה דאַכט זיך, אַז אָט באַלד וועט ער וויינען מיט בלוט. זיי ווערן בלאַס. קריגן חרטה אויף זייער האַנדלונג קעגן אים. און שווייגנדיק, פול מיט געפיל פון שולד, צעגייען זיי זיך איינציקווייז און לאָזן אים אַליין.

...אַליין! עס גייט ווידער אויף אין אים אַ טיפע פאַרביטערונג. עס קומט אויף אין אים אַ ווילן אָפּצוטאָן עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל אויפטרייסלען נישט נאָר זיין היים, די שול, נאָר דאָס גאַנצע שטעטל, די וועלט. ער פאַר־

קריצט די ציין, פאַרקאַשערט דעם הויז־קלאַש איבערן פאַרקריפּלטן פוס, און קלאַפּט מיט די פויסטן איבער דער מאַשינקע.

אָבער זי קלעפּלט גלייכגילטיק מיט די אייזנדלעך און הילכט טעמפּ אָפּ מיט האַרטן לעדער.

4.

עלינקעס גרויסע נקמה און זיין שטראָף פאַר איר.

איינמאָל אין אַ הייסן זומער־טאָג, נאָענט צו די פּעריען, האָט זיך די לופט אין די ענגע קלאַסן אַזוי צוזאַמענגעפּרעסט, אַז ס'איז שווער געווען צו אָטעמען. דאָס אָפענע פענצטער פון דריטן קלאַס איז געווען, ווי אַן אָפן מויל, וואָס דורשט נאָך אַ ביסל לופט און קען עס נישט כאַפּן. די לופט אין דרויסן איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך, דורכגעוועבט מיט שטראַלן פון אַ גליענדיקער זון. אומבאַוועגלעך איז אויך געווען ביי די קינדער אין די קעפּלעך. די לעקציעס זיינען אַהין נישט אַריין, און זיי זיינען אַזוי שווער געווען, די קעפּלעך! די קינדער האָבן זיי אונטערגעלעגט, שווער געאָטעמט און געשוויצט. אויך דער לערער האָט געשוויצט, געליטן פאַר זיך און נאָכמער פאַר די קינדער, און אַ טראַכט געטאָן, צי וואָלט ער נישט געדאַרפט פאַרקירצן די לעקציע. דער קלונג צו באַפרייען די קינדער לאָזט צופיל וואַרטן אויף זיך. די קינדערישע פּנימער האָבן אויסגעזען נישט נאָר לייַדנדיק, נאָר אויך בייז. אַלעמאָל זיינען אויפגעקומען צווישן די שכנים אויף אַ באַנק סיכסוכימלעך. יעדערן האָט זיך געדאַכט, אַז דער חבר מאַכט אים ענג. באַזונדערס אומרויק איז געווען אויף דער באַנק, ווו עלינקע איז געזעסן. דער לערער האָט עטלעכע מאָל באַמערקט, ווי זיינע שכנים פאַרדרייען מיט די בענק און רוקן זיך אָפּ פון אים. נאָר ווען ער האָט שוין געוואָלט אַ פרעג טאָן וועגן דער סיבה, האָט דאָס גליקל בשורהדיק אַ קלונג געטאָן, און דער קלאַס האָט זיך שטויסנדיק און געדיכט אַרויסגעקנוילט. דער לעבעדיקער קנויל האָט מיטגעשלעפּט אויך דעם לערער, וואָס האָט געוואָלט פאַרבייטן אַ וואָרט מיט עלינקען.

געבליבן אין קלאַס איז בלויז עלינקע. ער איז היינטיקן פרימאָרגן אַזוי דערשלאָגן געוואָרן, אַז אַפילו דער דרויסן, די פרייהייט האָט אים שוין נישט געצויגן. דאָס וואַסער, וואָס ער האָט געטרונקען בעת די פויזעס, איז נישט בכוח געווען צו לעשן זיין דורשט. דאָס ברויט און קנאָבל, וואָס ער האָט געגעסן אויפן ניכטערנעם, איז אים געלעגן אונטערן האַרץ, ווי אַ גע־

זאַלצענע ווונד. מער ווי אַלעמאָל האָבן זיך היינט די קינדער פון אים אָפּגערוקט. און נישט איינמאָל האָט אים בעת דער לעקציע אַריינגעצישעט אין אויער אַ שנאהדיק קול:

— עס שטינקט פון דיר!

...מע מוז זיך אָפּרעכענען ! — האָט אין זיין פאַרגליווערט מוחל געשטעקט אַ מחשבה, ווי אַ פאַרשטאָכענער האָלץ.

ער האָט געטראַכט, פון געוויינהייט וועגן, שוין גאַנץ קאַלטבלוטיק, וועמען היינט אַן אמת קניפּל צו געבן. אזא, וואָס זאָל ביי יענעם, ווי אַ צוועגל, אַ שטיקל לייב אויסרייסן. אָבער דאָ איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק וועגן אַ בייער נקמה, אַן אַלעגמיינער. אַלע האָבן זיך היינט צון אים געטשעפּעט! און ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ גרויסן קנאָבל און גענומען רייבן מיט אים אַלע דעקן פון די בענק. איבער זיין פייגלשן פּנימל איז איבערגעלאָפן אַ קליין שמייכעלע פון שטיפערישקייט מיט נקמה־פרייד צוזאַמען. און ס׳איז פאַרזונקען געוואָרן, דאָס שמייכעלע, ווי אַ שטראַל אין וואַסער, ערשט אין דעם אויגנבליק, ווען דאָס גלעקל האָט איבערגעריסן זיין אַרבעט.

די קינדער זיינען אריין, אויסגעזעצט זיך. די לערערין איז אַריינגעקומען, און די לעקציע האָט זיך אָנגעהויבן. מ׳האָט געצייכנט. די קינדער האָבן געמוזט זיצן געבויגן מיט די קעפּלעך צו די בענק. עלינקע האָט שטילערהייט טריומפירט: זאָלן זיי זיך אָנשמעקן! און ער האָט פאַרגעסן זיינע צרות.

— פּע! — האָט א שליער מיט אימפעט זיך אויסגעגלייכט: די באַנק אַווירט!

— פּע! פּע! פּע! — האָבן די קינדער אָנגעהויבן זיך איבערשרייען, ווי אין אַ געוועט.

ס׳איז געוואָרן אַ טומל. די לערעריך האָט זיך איינגעבויגן צון א באַנק, און מיט אַן אומצופרידענער, צערייצטער נאָז זיך צוריקגעכאַפּט. די קינדער האָבן אויסגעשאָסן אַ פריילעך געלעכטער. די לערערין האָט געפּרוווט אָנשטעלן אַן ערנסט, ברוגז פּנים. אָבער זי האָט זיך קלאָר געמאַכט, אַז כּל־זמן די בענק וועלן נישט אָפּגעוואַשן ווערן, קען קיין רייד נישט זיין וועגן פירן ווייטער די לעקציע.

— ווער האָט דאָס געטאָן די שיינע אַרבעט? — האָט זי שטרענג אַ פרעג געטאָן.

די קינדער האָבן זיך קעגנזייטיק באַטראַכט. איינער אַלעמען און אַלע יעדערן באַזונדער. ביז לסוף האָבן זיך אַלעמענס אויגן אָפּגעשטעלט אויף עלינקעס פּאַטילניצע. זיין פּנים איז געהאָנגען איבערן צייכנהעפט ערנסטאָנגעצויגן.

— ס'איז ד י י ן אַרבעט, עלינקע? — האָט די לערערין געפרעגט מיט אַזאַ טאָן, אַז אַן זיין ענטפער ווייסט זי עס שוין אויך.

עלינקע האָט מיט אַ פאַרשלאָסן מויל געשוויגן.

— פאַר אַזאַ זאַך מוזטו באַשטראָפט ווערן! — האָט די לערערין באַדענקט אויסגערופן.

און די שטראָף איז טאַקע גלייך געקומען:

— דער פערטער קלאַס איז ערשט אוועק אַחוץ אַ שפּאַציר אין וואלד אריין. מיר גייען אויך. נאָר דו, עלינקע, בלייבסט זיצן.

.5

אליין מיט זיך אין קלאַס.

עלינקע האָט נישט געהאַט קיין תרעומות אויף דער לערערין. ער האָט געפילט, אַז זיין האַנדלונג האָט זיך אויף נאָך אַ גרעסערער שטראָף פאַרדינט. נאָר פונדעסטוועגן האָט ער פאַרביטערט געטראַכט: — תמיד, ווען זיי וועלן מיר שרייען, אַז עס הערט זיך מיר פון מויל, וועל איך זיי צעקנאַבלען די בענק! זאָלן זיי וויסן! ווען איך וואָלט געגעסן זעמל מיט פוטער, אָדער ברויט מיט שמאַלץ, ווי זיי, וואָלט זיך פון מיין מויל אויך נישט געשפּירט. גרויסע בריהס זיינען זיי!

אין דער שטילקייט האָט זיך פון יענער זייט טיר געהערט אַ לעקציע פון אַ קלאַס. דאָס האָט אים צעריסן די מחשבות. ער האָט זיך אהין איינגעהערט... דאָ איז אריינגעפלויגן אַ בין מיט אַ בייז זשומעריי. זי האָט זשומענדיק געקרייזט פריער אין צימער, דערנאָך אַרום זיין קאָפּ, און צוגעצויגן זיין אויפמערקזאַמקייט. וואָס איז זי אזוי בייז? — האָט עלינקע אַ טראַכט געטאָן, און ס'איז אים איינגעפאַלן אַ מאָדנע געדאַנק: ז י בייזערט זיך אויך, פאַרוואָס די בענק זיינען אָנגעריבן מיט קנאָבל! איר דאגה!

ער איז אין כעס געוואָרן אויף דער בין. ער האָט זיך איינגעשרומפּן, ארויסגענומען דאָס היטל פון באַנק, זיך פאַרטיפענדיק נאָכגעשפּירט דער בין, און מיטאַמאָל אַ זעץ געטאָן מיט דעם אין דער לופט. אַ, צילן און טרעפן האָט ער געקאָנט אויסגעצייכנט! די בין איז נאַזנדיק געליגן אויף אַ באַנק־דעק. אַ רגע איז זי געווען פריטשמעליעט. דערנאָך האָט זי פאַרבראָכן מיט ציטערדיקע פיסלעך און געבעטן מיט אַ וויינענדיק קול:

— עלינקע, עלינקע! האָב־זש־זשע רחמנות! האָב זש־זש־זשע...

עלינקע האָט מיט אַ צילנדיקן שבאַל ארויסגעשאָסן די בין איינדרויסן:

— גיי צום אלדי רוחות!

ער האָט זיך צוריק אַנידערגעזעצט. עס האָט זיך אים דערמאָנט אַ שטיקל ברויט מיט האָניק, וואָס משהל צעבער האָט אים אַמאָל געגעבן. ס'איז אים אַנגעלאָפֿן סלינע אין מויל און אַ ריין געטאָן איבערדריסן אַרויס. ער האָט גע־קייעט לופֿט מיט ציין און ליפּן, און דער צונג, ווי פֿון נעץ אויפֿגעשוואָלן לעדער, האָט זיך שווער באַוועגט אין מויל. דער הונגער האָט אים אַ סמאַליע געטאָן אינעווייניק.

...מע דאַרף אַהיימגיין, — האָט ער אַ טראַכט געטאָן.

ער האָט גענומען זיין איינציק ביכל, העפֿט און העכטלפֿען, און אַרויס־געגאַנגען. נאָר ער האָט זיך דערמאָנט: איבערפֿרי האָט די שטיפֿמאַמע גע־געוואַלדעוועט, פֿאַרוואָס ער גייט אַוועק אַזוי פֿרי אין שול, און פֿאַרשפּילט נישט דאָס קינד:

— איך האָב דאָך נישט קיין צייט קיין טעפּל קאַרטאָפֿליעס אָפּצושיילן צום מיטיק!

— גיי! גיי! — האָט זי אים נאָכגעשריגן און נאָכגעשאָלטן: און דער־לעב שוין נישט מער אַהיימצוקומען! וועסט היינט ביי מיר קיין מיטיק נישט קריגן...

...וווהי־ן־זשע גיין? ער האָט זיך אַ קער געטאָן מיט אַן אומקלאָרן באַ־שלוס, און געגאַנגען סתם אַזוי. אומגעריכט האָט ער זיך דערזען אויפֿן שליאַך, וואָס פֿירט צום וואַלד.

.6

עלינקע מיט משהל צעבער שליסן אַ חברשאַפֿטלעכן בונד.

דער וועג, ווו ער איז געווען איינגעפּאַרן, איז געלעגן אונטער אַ דיקן גרווילעכן שטויב, ווו ער איז נישט געווען איינגעפּאַרן, האָט ער מיט טויזנ־טער שפּאַלטן, ווי געשפּאָלטענע ליפּן, געגאַרט נאָך רעגן. עלינקען האָט אויך אַן אויפֿהער געמאַטערט דער דורשט. עס איז אים אַזוי הייס געווען! עס האָט אים אַזוי געקלאַפּט אין מוח און געקלונגען אין די אויערן! די זון, האָט זיך אים געדאַכט, ליגט אים אויף די פּלייצעס, ווי אַ גליענדיקער פּויק מיט גלעקלעך, אין וועלכן מע באַראַבאַנעוועט. ווען ער קומט שוין אין וואַלד אַריין! דאָרט איז כּמעט קיל.

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צון אַ פֿעלד־ראַנד פּאַזע דעם וועג און גע־האַלטן זיך אין שאָטן פֿון דער שיטערער ביימער־שורה. זונשיין און זונגל־

האָבן זיך געטוישט מיט שאָטן און לעבלעכער לופט. דאָס ווערדל האָט אָנ־געהויבן אים אַנטקעגנהייבן דעם גרין־שוואַרצן קאָפּ פון הינטער דעם הויכן היגל, אויף וועלכן ער, עלינקע, איז אַרויפגעגאַנגען.

...אַז איך וועל שוין זיין, — האָט ער געטראַכט — וועט מיר די לע־רערין נישט אָוועקטרייבן. ס׳איז אַזוי גוט מיט די קינדער און די לערער צוזאַמען! איך וועל האַלטן דאָס מויל כסדר צוגעמאַכט. עס זאָל זיך נישט שפּירן פון דעם... אומזיסט וועלן זיי מיך נישט טשעפּן.

די דאָזיקע מחשבות האָבן אָנגעהויבן ליבהערן זיין געמיט. די ביימער האָבן שטיל געשאַרכעט איבערן קאָפּ מיט די בלעטער. עס האָט זיך גע־דאַכט: ער איז שוין אין וואַלד. נאָר מיטאַמאָל איז ער געשטרויכלט געוואָרן איבער עפּעס. ווי איבער אַן אַרויסשטאַרצנדיקן רוקן פון אַ בוימוואָרצל. ער האָט זיך נישט גלייך אויפגעהויבן, ווי געוואָלט זיך באַדענקען וועגן אָט דעם געשעעניש. האָט ער, אַזוי־אַ ליגנדיק מיטן פּנים אַראָפּ, דערהערט אַ כליפּענדיק וויינען. ער איז איבערגעשראָקן אויפגעשפּרונגען. זוכנדיק אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ, האָט ער דערזען משהל צעבערס פאַרוויינט פּנים. כ׳איז געווען ווי אויסגעווייקט. זיי האָבן זיך קעגנזייטיק אָנגעקוקט, בעת עלינקע האָט אין פאַרלעגנהייט אָפּגעקלאַפּט פון זיך דעם שטויב. זיי זיי־נען ביידע געווען פאַרוווּנדערט פון דער באַגעגעניש. אָבער מער — עלינ־קע. אויף וואָס האָט משהל צו וויינען? שוין נישט איינמאָל האָט ער אים מקנא געווען. ווייל וואָס פעלט אים, משהלען?! אַ טעקע האָט ער, די שענס־טע אין שול. און ביכלעך, און העפטן, און שרייב־מכשירים. און אין דער טעקע — דאָס שענסטע און דאָס בעסטע. נישט נאָר פאַר זיך אַליין, נאָר אויך אַנדערע מכבד צו זיין. דאָס ברויט מיט האָניק, וואָס ער האָט אים דעמאָלסט געגעבן, גייט נאָך איצט אויף מיט אַ זיסן טעם אין זיין טרוקענעם מויל.

— וואָס האָסטו געוויינט, משהל? — איז אים אַרויסגעפאַלן פון מויל, כאָטש זיי האָבן געלערנט אין באַזונדערע קלאַסן און קיין מגע־ומשא נישט געהאַט.

משהלס קאַליעקע פוס האָט אַ צוק געטאָן אויסצושטרעקן זיך און אַ זעץ טאָן עלינקען אָנשטאָט אַ תשובה. אָבער דער מיטפילנדיקער טאָן פון דער פראַגע איז אים פון אויער אין האַרץ אַריין, און עס וויין געמאַכט. עלינקעס פּנימל איז געהאַנגען איבער אים רחמנותדיק. עס האָט געוויינט אָן טרערן.

— גאָרנישט, — האָט ער געענטפערט נישט מיט קיין פאַרדראָסלעכן, אָבער אויסמיידנדיקן טאָן. ס׳האָט געהייסן: „זייער אַ סך. נאָר ס׳איז שווער צו רעדן".

עלינקע האָט זיך אומגעבעטן אַ זעץ געטאָן לעבן אים. ער האָט געפילט, אַז ער מעג און דאַרף אַזוי טאָן. זיי האָבן געשוויגן. אָבער שטומערהייט איז אָנגעגאַנגען צווישן זיי אַ האַרץ־שמועס. עס האָבן גערעדט זייערע הייסע באַצערטע בלוטן פון איינעם צום אַנדערן.

— ווו זיינען די לערער מיט די קינדער? — האָט עלינקע נאָך אַ פויזע שטיל געפרעגט.

— זיי זיינען שוין לאַנג אין וואַלד, — האָט משהל געענטפערט.

פאַרשטאַנען אָבער, אַז עלינקע האָט געמיינט עפּעס מערער צו פרעגן, האָט ער ווייטער געצויגן:

— דער לערער האָט געזען, אַז ס'איז מיר שווער באַכצושפאַנען די קינדער, דער שוויס האָט זיך פון מיר אין ריטשקעס געגאָסן, האָט ער געבעטן, איך זאָל נישט מיטגיין...

עלינקע האָט דערפילט, ווי משהלס קול זאַפּט זיך אָן מיט טרערן און געוויין, האָט ער אים געוואָלט טרייסטן, און זיך פאַרקלאָגט:

— און מיר האָט די לערערין באַשטראָפט, איך זאָל בלייבן אין שול.

— פאַרוואָס?

— איך האָב אָנגעקנאָבלט אַלע בענק.

—וואָ־אָס? — פאַרשטייט נישט משהל.

— איך האָב אָנגעריבן אַלע שול־בענק מיט קנאָבל.

משהל צעלאַכט זיך:

— האָסט געוואָלט די בענק זאָלן ווערן באַטעמט, אַז די קינדער זאָל זיך נישט גלוסטן פון זיי אַוועקצוגיין?

א קליין שמייכעלע קריכט ארויס פון עלינקעס ליפּן־ווינקעלע, און קריכט אראָפּ דורך זיין דאַר גאָמבעלע צום דינעם רחמנותדיקן גערגעלע. פון די אויגן שטעקן ארויס בליקעלעך, צוויי גלאַנציקע לאַך־שטראַלעכלעך, ווי זילבערנע נעדעלעך.

— די קינדער זאָגן, אַז עס אווירט פון מיין מויל קנאָבל, — זאָגט ער גלייכגילטיק, ווי עס וואָלט אים איצט נישט פאַרדראָסן אויף זיי: האָב איך זיי אויף צו־להכעיס אלע בענק מיט קנאָבל אָנגעריבן; זאָל זיי שמעקן!

משהל דערפילט עלינקעס קנאָבלדיקן אָטעם. ער ווערט ערנסט און זאָגט:

— צו וואָס־זשע דאַרפסטו עסן קנאָבל? עס פילט זיך טאַקע פון דיין מויל. קיינער קען עס נישט ליידן.

עלינקע קערט אוועק אויף א רגע דעם קאָפּ און שווייגט. דאָס מויל מיט דער פרישער לעבלעכער לופט. זיין פּנים ווערט רויט און שוואַרץ. איז פאַרחושכט, ווי א פאַרריסט גלעזל פון א ברענענדיקן נאַפט־לאָמפּ:

— איך קען דאָך נישט עסן דאָס דאָרע שטיקל ברויט פּיסנע. אַן געשמילץ. עס וויל זיך נישט אַראָפּגליטשן דורכן גאָרגל. אפילו די ציג...

זיין שטים רייסט זיך אָפּ. מחמת טרוקעניש אין מויל. ווי אַ פליגעלע וואָלט זיך אים צוגעקלעפּט אין האַלדז. ער הוסט עס שטיל אָפּ. משהל פאַרשטייט אים און טראַכט אַ ווייל. עס פאַלט אים איין אַ גאָר פּשוטע זאַך:

— עלינקע, — זאָגט ער: הער, דו ווילסט מיר זאָלן זיין חברים?

עלינקע הייבט אויף צו אים אַ פּנים פול מיט ציטריקן גלויבן־אומגלויבן, צוטרוי־אומצוטרוי:

— דו מיט מיר חברים? דיין טאַטע איז דאָך אַ גביר, און מיינער... דו עסט דאָך זעמל מיט פּוטער, מיט אייער, און האָסט אפילו שאָקאָלאַדע! און איך עס קנאָבל, און עס... ש... ש...

— און דו האָסט צוויי געזונטע פיס! — שרייט אויס משהל: און ווען די גייסט דאַרפסטו נישט נאָכשפּרינגען. קלאַפּט נישט די פיס־מאַשינקע. און אַז מע גייט אויף שפּאַצירן און אויספלוגן, בלייבסטו נישט הינטערשטעליק.

— קום, — זאָגט עלינקע כלומרשט גלייכגילטיק, בעת אינעווייניק גייען שטראָמען וואַרעמע איבער זיין לייב: קום, וועלן מיר פּאַמעלעך אַהיימגיין.

— ווילסטו, הייסט עס, זיין חברים? — פאַרשטייט אים אַזוי משהל: מירן שטענדיק גיין צוזאַמען.

— יאָ! — זאָגט עלינקע געריירט: און איך וועל שוין מער קיין קנאָבל נישט עסן.

— טאַקע אַזוי, — לייטערט זיך אויס משהלס פּנים, ווי אַ זון פון אונטער אַ וואָלקן אַפּערקומענדיק: מיר וועלן זיך אַלע פרימאָרגן טיילן מיט מיין פרישטיק. איך האָב גענוג.

אויפגערעגט, אין פריידפולער שטימונג הייבן זיי זיך אויף צו גיין. זיי גייען לאַנגזאַם אין שטעטל אַריין. זיי שווייגן און האָבן דאָס געפיל ווי זיי וואָלטן רייַדן אויף אַ הויך קול. עס שרייט אין זיי דאָס בלוט, אויפגעזאָטן פון היץ און פייערלעכקייט. זיי דערהערן הינטער זיך דעם פריילעכן טומל פון די זיך־אומקערנדיקע, זיך־דערנענטערנדיקע שול־קינדער. אָבער זיי קוקן זיך אפילו נישט אום. די קינדער יאָגן זיי אָן מיט שנעלע שפּריזן. מע ווערטלט זיך מיט זיי איבער. פריילעך, אַן בייז־פריינד. און ווייטער געשפּריזט. משהל מיט עלינקען בלייבן ווידער פון הינטן. נאָר עס אַרט זיי נישט. זיי זיינען פול מיט יום־טובדיקייט.

• • •

זייער חברשאַפט האָט אָנגעהאַלטן. אָבער באַלד זיינען דאָך געקומען די

פּעריען. משהל צעבער איז אַרויסגעפּאָרן אויף אַ זומערוווינונג. עליבקע איז, פֿאַרשטייט זיך, געבליבן אינדערהיים. ער האָט גאַנצע טעג געפּאַשעט דאָס ציגעלע און געטראַכט וועגן משהלען. ער האָט געוווּסט, אַז משהל עסט היינט נאָך בעסער ווי פֿריער. נאָר ער האָט אים נישט מקנא געווען. אים האָט זייער גוט געשמעקט דאָס ברויט מיט קנאָבל, וואָס ער האָט זיך מתיר געווען צו עסן כל־זמן משהל איז נישטאָ. קיינער זאָגט דאָך אים איצט נישט, אַז עס שפּירט זיך אים פֿון מויל. דאָס ציגעלע זאָגט זיך נישט אָפּ אַפילו צו קושן מיט אים. כאָטש ס'איז אַ געזונט ציגעלע מיט פֿיר גלייכע פֿיסלעך...

— אַזוי, אַזוי, — פֿלעגט ער טראַכטן זיס ווי האָניק, נאָר דורכגענומען מיט אַ ביסל פֿעפֿער־ביטערניש: משהל וועט קומען... מע וועט ווידער לעבן אין חברשאַפֿט... משהל וועט דאָך אַנדערש נישט ווערן... זיין קראַנקער פֿיס וועט דאָך שוין געזונט נישט ווערן...

לייזער איז אוועק צו דער ארבעט.

תמוז. מיטאָג־צייט. דאָס שטעטל ליגט אנידערגעפאַלן פאַרמאַטערט קעגן דער רויטלעך־טריבער זון, וואָס איז ווי קאַליע געוואָרן פון דער איי־געגנער היץ. נידעריקע הייזער מיט אָפענע טירן־פענצטער קאָנען נישט אָפּאָטעמען. אין גאַס זעט מען זעלטן א מענטשן פאַרבייגיין. אין מאַרק, ביי אָפענע קראָם־טירן, זיצן קרעמערס אויף קעסטלעך און דרימלען. טיילמאָל עפנט עמעץ די אויגן און טוט וויסט א בליק אויפן ליידיקן מאַרקפּלאַץ, וואָס איז געדיכט פאַרוואָקסן מיט גראָז, און א קענטיקן צייכן פון וואָגן־רעדער. בלויז אן איינציקע קו, וואָס האָט פאַרשפּעטיקט, משמעות, צו דער ביי־טאָגיקער טשערדע, פּאַשעט זיך דאָ און מיסטיקט.

ס'איז שטיקנדיק שטיל, בלויז פון צייט צו צייט ווערט די שטילקייט איבערגעשראָקן פון א הילכיקן פייף פון א לאָקאָמאָטיוו. דאָס קומט פון דאָרט, וווּ עס ארבעטן איצט אין קלעפּיקן היציקן שוויס כמעט אלע איינ־וווינער פון שטעטל. ביים אויפשיטן א פּלאַנט פאַר א קליינבאַן. אָבער דאָס שטעטל, ווי א האַרט אויפגעשוואָלענער פאַרטויבטער אויער, נעמט נישט אויף דעם דאָזיקן ווייטן הילך־באַליעם, וואָס קומט ווי פון א פרעמדער וועלט, און לאָזט אים ווייטער זיך איבערקייקלען ערגעץ אין א פרעמדער וועלט אריין.

ביי שמעון חיימס אין שטוב איז אויסער דעם אלטן חיים און לייזער' קיינער נישטאָ. שמעון מיט די קינדער ארבעטן ביי דער קליינבאַן, די ווייבער — אויף די קריסטלעכע גערטנער, וואָס זיי האָבן פאַרזעצט. זיי רייסן בוריקעס־בלעטער אויף א באַרשט און גראַבלען אויס אין די נאָענטע שייערן פון אונטער פאַרעלטערטן פערדמיסט גריבקעלעך אויף וועטשערע צו קאָכן. בלויז דער אלטער חיים, וואָס קוים ער האַלט זיך אויף די פיס, זיצט אויף דער פריזבע פאַר דער שטוב, וואַרעמט זיך אויף דער זון, טראַכט, טראַכט, אז די וועלט איז טאַקע לחלוטין פאַרענדערט געוואָרן: אפילו די זון

איז נישט די אייגענע, וואָס אַמאָל, קאַלט געוואָרן! און גלאָצט מיט די אויגן אין דער וועלט אַריין. אויך לייזער, אַ שוואַכער אויפן האַרצן, זיצט אין דער היים.

— גיי שטעל אים אוועק אויף דער ברענענדיקער זון, ער זאָל, חלילה, קריגן אַ האַרצשלאַג! — טענהט זיך מאַמע, ווען דער טאַטע הייבט אָן אונטערצומרוקען, אַז:

— היינטיקע צייטן איז קיינער נישט מחויב צו אַרבעטן פאַרן צווייטן! אפילו נישט טאַטע־מאַמע פאַר אַ קינד...

ווען לייזער הערט דאָס דאַזיקע מרוקען און די דאָזיקע ווערטער, ציגדט זיך אין אים אָן אַ צאָרן. עס דאַכט זיך אים, אַז די גאַנצע וועלט איז אומגערעכט קעגן אים. ביז סוף־כל־סוף פאַלט ער אַנידער אויף דער קאַ־שעטקע, וויינט זיך אויס און טרייסט זיך, אַז כאָטש די מאַמע „פאַרשטייט אים".

נאָר דאָס טרעפט זיך זעלטן. און זעלטן טוט לייזער אַ טראַכט וועגן זיך אין שייכות מיט דער היים. פון זינט ס'האָט מיט אים פּאַסירט דער ערשטער חלשות־פאַל, און דער דאָקטאָר האָט דערקלערט, אַז ער האָט אַ שוואַך האַרץ, האָט זיך פון אים אַלץ אָפּגערוקט: די וועלט, דאָס שטעטל, די חברים און אפילו די היים. ס'איז מלחמה... יאָ... ערגעץ קוילען זיך מענטשן, ווי די רינד... אין שטעטל איז אַ הונגער... אַלטע לייט, וואָס אַרבעטן נישט, ווי דער זיידע אַשטייגער, און די קינדער האָבן אויף זיי קיין רחמנות נישט, ווערן געשוואָלן... יאָ... אָבער — די חברים, אַנדערע זיינען פאַר־גראָבט געוואָרן ביי דער אַרבעט, אַנדערע האַלטן זיך נאָך ביי דער גמרא, ביים ביכל, און הונגערן... יאָ... אָבער — אינדערהיים שפּירט זיך שוין אויך דאָס דאָזיקע... ביים זיידן גייט אויס ס'מזומן געלט, וואָס האָט אים ביז איצט דערהאַלטן... יאָ... אָבער — איך טאָר נישט! גלייכער איבערגאַנצן נישט צו טראַכטן וועגן דעם... אַז מע קאָן נישט העלפן!

לייזער טראַכט בלויז וועגן זיך גופא.

איצטער ליגט ער אויף דער קאַשעטקע קעגן אָפענעם פענצטער, אָן כאַ־לאַטל און היטל, פינטלט מיט פאַרשמאַכטע ווייס איבער אַ ביכל און דרימלט איין. דורך זיינע האַלב פאַרוועבטע ברעמען שפּילט די זון, און עס חלומט זיך אים עפּעס זוניק־לייכטיקס:

...עס ציטערט און שימערט־אויף אין דער לופט אַ דין־דורכזיכטיק געוועב־נעצל פון צאַרטינקע שטראַלעכלעך. אַ גרויסער פליגל־צעשפּריי־טער שמעטערלינג פלאַטערט אין דעם געוועב־נעצל, ווי אַ גאָלדענער פלעק און רייסט איבער די שטראַלן־פעדעמלעך. די פעדעמלעך שפּריצן פונקען פון די איבערגעריסענע עקן און גיסן זיך צוריק צוזאַמען. דער שמעטער־

ליגנ שטעלט זיך אָפּ און צאַפּלט, דאָס געזוועב־נעצל צאַפּלט מיט און ש׳־ט גאָלדיקן, רעגנבויגנדיקן שטויב אויף זיינע לייכטע, דורכזיכטיקע פלי־גלעך, צו באַוווּנדערן און אַנטציקן זיך...

מיטאַמאָל רייסט עס לייזערן אויף די אויגן, ווי די זון וואָלט פון הימל אַראָפּגעפאַלן און מיט איר גאַנצן עיגול זיך געלייגט אויף זיין פּנים. ער ליגט א דורכגעלויכטן־דורכזיכטיקער און אַנטציקטער:

...דאָס איז ז י דאָך! ז י! די שיינע לאה פון די היימלאָזע! אך, ווען זי זאָל וויסן, ווי ער חלומט וועגן איר, ווי ער פאַרגעטערט זי, ווי ער האָט זי ליב! פאַרנאַכט, ווען זיי באַגעגענען זיך, שפּאַצירנדיק אויף די בריקלעך פאַר דער שטוב, און זי קוקט אים אזוי גלעטנדיק־פרעגנדיק אריין אין די אויגן, שפּירט זי דען נישט דעמלט זיינע געפילן?...

ס׳טוט אים א גלי אין האַרצן, און א ווארעמע, זיס־פּוליע שמאַכטונג צעגייט אים איבערן קערפּער. ער דרייט זיך אויס מיטן פּנים צו דער וואַנט, קנוילט זיך צוזאַמען איינדרייען, שליסט שטאַרקער די וויעס און פאַלט ווידער אריין אין חלומות:

...ער שפּאַצירט הינטערן שטעטל. ווארעמע טונקעלע נאַכט. לבנה איז נישטאָ. שטערן פינקלען. לאַנגע זילבערנע ברעמען קרייצן זיך איבער. שפּיזלען־געוועב פון זילבער־נעצן. שטערן הוידן זיך, ארויף, אראָפּ, ציען זיך צו ערד און קאָנען זיך פון הימל נישט אָפּרייסן. שטערן טוען זיך א שאָט. דער רוים — אין בלענדנדיקער זייל פון שטערן־שטויב, ווערט שיטערער, דורכזיכטיקער. ז י, איינגאַנצן אין ווייסן, געקרוינט, שטייט צווישן הימל און ערד. קומט אים אַנטקעגן אין דער לופט. אָפן צעשפּרייטע אָרעמס. ע ר באַוועגט זיך פאַרחלשט צו איר. זון דערנענטערט זיך צו זיין פּנים. ער ווערט פאַרבלענדט!...

לייזער טוט א רייס אויף די אויגן, דורכגעדרונגען מיט פרייד, פליסטערט ער ארויס אַנטציקט:

— סאַרא ליכטיקער חלום!

ער שפּרינגט אראָפּ פון דער קאַשעטקע און הייבט אָן שפּאַנען איבערן צימער, ווי קוועקזילבער וואָלט געשטראָמט אין זיינע אָדערן. א רגע בלייבט ער שטיין. א פאָדעם האָט זיך איבערגעריסן אין זיין דמיון. ער פאַר־טראַכט זיך און וויל אים צונויפבינדן. ווי פּלוצעם דערזעט ער זיך אין דעם גרויסן וואַנט־שפּיגל, און א באַנגלעכער רעיון לאָזט אים נישט אָפּטרעטן.

...איך בין נישט קיין שיינער!

איבער זיין פּנים לויפט פאַרביי א שאָטן פון אומעט:

...ווי קאָן איך איר געפעלן?!

ער באַטראַכט גענוי יעדן שטריך פון פּנים באַזונדער. אָבער וואָס לענ־
גער ער קוקט זיך איין, אַלץ מער פאַרלירן די שטריכן זייער אייגנטימלעכ־
קייט, און דאָס גאַנצע פּנים זאָגט גאָרנישט און דריקט גאָרנישט אויס.
אַ באַהויטיקטע הויט־מאַסע — מער גאָרנישט. ער טאַפּט מיט די פינגער
איבערן פּנים, אָבער עס בלייבט אים פאַרט פרעמד. פאַרשליסט ער די אויגן,
שטייט אַזוי עטלעכע סעקונדן, עפנט זיי, און דערקענט:

...יאָ, דאָס בין איך. אָבער קיין שיינער בין איך נישט. ליבן מיך קאָן
מען נישט.

פאַרמאַטערט פון דער פרוכטלאָזער אַרבעט פון די רעיונות, באַשליסט
ער אויף אַ קול:

— עך, מע דאַרף אַ ביסל אַרויסגיין!

ער ציט אַרויף דאָס כאַלאַטל, טוט אָן דאָס קליינע פּוילישע היטעלע
און כאַפּט אַ קוק אין שפּיגל. אַ בושה־פלאַם צינדט מיטאַמאָל אָן זיין פּנים:
...און אין דעם מיאוסן היטעלע זעט זי אים שטענדיק!

גרויס איז עס שוין כמעט, דאָס היטעלע, פון אַלטקייט און אָפּגעריבנ־
קייט. דער דאַשעק און דענעק פאַרפעטסט מיט אַ שמוציקן בלאַם.

...מיאוס! פע! — שפּייט ער אויס און באַשליסט, וואָס ער האָט צו
טאָן. ער וועט אָנטאָן דעם הוט, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון דער ליט־
ווישער ישיבה. ווער וועט זיך שוין היינט אומקוקן אויף אַזעלכע זאַכן!
אפילו דער רב וועט שוין אויך גאָרנישט זאָגן.

ער נעמט אַראָפּ פון דער שאַפע אַ דיק־פאַרשטויבטע טאָוולענע פּודלע,
נעמט אַרויס פון איר דעם הוט, טוט אים אָן, באַטראַכט זיך אין שפּיגל
און בלייבט צופרידן:

...דער הוט מאַכט מיך אַ ביסל שענער.

מיט אַ פאַרבאָרגן געפיל פון שעמעוודיקער פאַרלעגנהייט און מיט
קלאָרער פרייד פון אַנטשלאָסנקייט גייט ער האַסטיק אַרויס פון צימער.
אָבער אויף דער שוועל פון דער קיך־טיר בלייבט ער שטיין פאַרגאַפט:

איבער אַן אַלט־אָפּגענוצטע לעדערנע פאָרטמאָנע זיצט דער זיידע, און
אַ רוסישע דרייירובלדיקע אַסיגנאַציע ציטערט אין זיין האַנט. הינטער זיינע
געלברעמיקע ווייס דרייען זיך צעמישט צוויי גרויסע ווייסע אויגן־בעלמען,
איינגעטונקען אין אַ גלאַנץ פון טרערן. נישט זעענדיק און נישט שפּירנדיק
אים, לייזערן, שעפּטשעט ער יאָושדיק מיט ציטערדיקע וואָנסן, ווי ער
וואָלט זיך פאַר עמעצן מתנצל זיין:

— ס'איז דאָס לעצטע דרייערקערבל... איז עס...

* * *

אויפן צווייטן טאָג אין דער אייגענער צייט איז לייזער געשטאַנען אויף דער ברענענדיקער זון צווישן די צענטליקער ארבעטנדיקע יידן ביי דער קליינבאַן. ער האָט גאָרנישט געטראַכט. גאָרנישט. ווי ער וואָלט גע־ ווען א טעמפּע שייט האָלץ. ווי דער טויקאַטש, מיט וועלכן ער האָט איינגע־ טויטשעט די ערד.

נאָך טייל מאָל האָט זיך אים דערמאָנט, ווי מ'האָט אים דאָ אינדערפרי באַגעגנט מיט אַ געלעכטער:

— וואָס האָסטו זיך עפּעס אויסגעפּוצט מיטן קאַפּעליוש, לייזער?

— דער יעקע זאָל פאַר דיר דרך־ארץ האָבן?

און ער האָט געענטפערט נישט צו דער זאַך:

— ס'איז דאָס לעצטע דרייערקערבל... איז עס...

דער עולם האָט געלאַכט.

חברטאָרינס.

.1

יאָסיע גרויסמאַן איז מיט א יאָר פופצן צוריק געווען דער גביר פון שטעטל. א גרויסער סוחר, א ייד פון אן אַכציק טויזנט. נאָכדעם ווי זיינע געשעפטן זיינען אַוועק שלעכט, און ער איז געוואָרן אַ יורד, איז ער פלוצעם געשטאָרבן פון א האַרץ־שלאַג. און, ווי שטענדיק, ווען אומגליק כאַפּט זיך אריין אין א שטוב, זיינען אין דער אייגענער צייט אין ווארשע געשטאָרבן זיין איינציקע טאָכטער מיט איר מאַן. זיי האָבן איבערגעלאָזן א יתומהלע, א פינפיעריק מיידעלע, פערעלע. פערעלען האָט מען מיט א גרויסן קופערט מיט דער מאַמעשיס מלבושים געבראַכט אהערצו, צו דער באָבעשי און די פעטערס.

דאָך האָט זיך דאָס גבירישע הויז פון די גרויסמאַנס דערהאַלטן אויף א געוויסער הייך, און דער גלאַנץ פון נגידישקייט האָט זיך פון דעם נישט אינגאַנצן אָפּגעטאָן. עס איז געבליבן גאָלדענע און זילבערנע חפצים און דער איינציקער מויער אין שטעטל מיט זיין אייַפּאָר־שטאַל. די יורשים האָבן איינגעפירט אן איינפאָר־הויז, פון וועלכן מ׳האָט געצויגן פרנסה, פאָרדינענדיק אמאָל אויך א זייטיק רובל פון מעקלעריי ביי די איינשטייענדיקע סוחרים.

קיין בעסערע דערציונג, ווי די אַנדערע באַלעבאַטישע מיידלעך אין שטעטל, האָט מען פערעלען נישט געגעבן. לכתחילה איז זי געגאַנגען אין חדר, וווּ זי האָט זיך אויסגעלערנט דאווענען, און שפּעטער, ווען זי איז אונטערגעוואַקסן — צום איינציקן „שרייבער“ אין שטעטל. זי האָט זיך געלערנט „שרייבן“ יידיש און רוסיש און חשבון. פערעלע האָט נישט געהאַט וואָס איבערצונעמען זיך מיט אירע קענטענישן קעגן אַנדערע. אָבער אין שטוב האָט מען זי כסדר געלערנט נישט צו פארגעסן, אז זי איז יאָסיע

גרויסמאַנס אַן אייניקל. די באָבעשי האָט אויף איר אַכטונג געגעבן, זי זאָל זיך חברן בלויז מיט די מיוחסדיקע קינדער פון שטעטל.

זייענדיק ביז פינף יאָר דערצויגן אין דער גרויסער שטאָט, איז פּעֶרעלע נישט געווען אַזוי שעמעוודיק און שרעקעוודיק, ווי אירע קליינשטעטלדיקע חברטאָרינס. זי איז געווען דרייסט און באַריידעוודיק, און ס'איז איר דעריבער נישט איינמאָל אויסגעקומען צו הערן שבחים פון פרעמדע מענטשן:

— אָט וואָס די גרויסע שטאָט מאַכט פון אַ קינד!

מאַמעס פלעגן איר אין די אויגן עצהן זייערע קינדער:

— זאָלסט זיין, מייך קינד, אַזאַ קלוג מיידעלע, ווי פּערעלע.

פּערעלע איז געווען שיין: אַ גראַציעז פיגורל; אַן איידל־געשטריכט פנימל מיט צאַרטער, ווייס־ראָזעווער הויט, ליכטיק־גרויע אויגן, העלשאָטענע געלאָקטע האָר. אַנגעטאָן איז זי שטענדיק געווען אָרטיק און זויבער. און יעדערער האָט ליב געהאַט צו באַשענקען זי מיט אַ ליבלעך קניפּל אין בעקל.

זי האָט דעריבער פון קינדווייז אָן געקוקט אויף זיך, ווי אויף עפּעס אויסדערוויילטס, און שפּעטער, ווען זי איז אונטערגעוואַקסן און זיך געקליידט אין דעם זיידנס און סאַמעטנס פון דער מאַמעס קופערט, האָט זיך דער שטאָלץ אין איר אַזוי איינגעגעסן, ווי אַן עקזעמע.

און פונדעסטוועגן איז חנה דעם שוחטס געוואָרן פּערעלע פּערלשימערס חברטאָרין.

חנה איז דעם שוחטס מוזינקעלע. אַ טייערס ביי איר מאַמען, אָבער זייער אַ וואָלוולס ביי לייטן. זי איז געווען אַ שעמעוודיק קינד, ווי אַלע אירע קליינשטעטלדיקע חברטאָרינס, אָבער נישט נאַריש. אין די שטיבער, וווהיי זי פלעגט אָפט אַריינקומען, איז זי געווען אפילו באַריידעוודיק אויך. נאָר די חברטאָרינס מאַמעס פלעגן אויסגעפינען, אַז זי איז אַ פלוידערזאַק — אַז נאָר זי מאָלט!

זי איז געווען מיאוס, חנה דעם שוחטס: אַן איינגעהויקערט דאַר פיגורל; אַ גראָב־געשטריכט פנימל מיט אַ האַרטער טונקל־קלייענדיקער הויט; שוואַרצע ארויסגעשטאַרטע ביינקעס־אויגן; שוואַרצע, גלייכצוגעקעמטע האָר מיט צווי מאָגערע צעפּלעך, פאַרפלאָכטן מיט אַ רויט סטענגעלע. אַנגעטאָן איז זי אויך געווען נישט באַזונדערס שיין און זויבער. שוין אָפּגערעדט פון אינדערוואָכן, ווען ס'איז איר אויסגעקומען צו פליקן אין שטאָל די פאַרבלוטיקטע, מיט קויט־באַשמוצטע עופות, נאָר אפילו אום שבת האָט זי קיין נייס נישט געטראָגן: שטענדיק עפּעס איבערגענייטס פון דער מאַמעס אָדער עלטערע שוועסטער. קיינער האָט זיך אויף איר נישט אומגעקוקט, אפילו

נישט ווען דער טאַטע פלעגט זי מיטנעמען אַ שבתדיקע, אָן אויסגעפּוצטע אויף א ברית אָדער אזוי אַ שמחה. זעלטן, אז עמעצער האָט פון יוצא וועגן א פרעג געטאָן דעם שוחט:

— ס'איז אייערס, רב הערש?

— יאָ, — פלעגט ער ענטפערן כלאחר־יד, ווי ער וואָלט בעסער צו־פרידן געווען מע זאָל נישט באמערקן.

ערשט ווען יענער איז מוסיף:

— אייער מוזינקעלע אוודאי? שפּעט געבוירן, איז זי, דאכט זיך נישט געראָטן אין די עלטערע אייערע, —

דעמלט כאַפּט ער זיך אָן פאר די לעצטע ווערטער, הערש שוחט, און ליבט אויס זיין כלה־מיידל ביז אין הימל אריין. און אז חנה זעט — דער טאַטע האָט זיך פארריידט, שטופּט זי דורך בגנבה דאָס דאַרע הענטל דורך זיין עלנבויגן און באַמיט זיך אראָפּצוקריגן פונעם טיש נאָך אַ פּאַלטשיקל (אַזאַ קיכעלע) מיט עטלעכע אַרבעס. קיין באַשעריעץ אין דער היים קריגט זי נישט.

פאַרשטייט זיך, אַז אין יענע יאָרן האָט זיך פּערעלען פּערלשימער מיט חנה דעם שוחטס נישט געחברט. עס איז אַפילו חנהן אויפן זינען נישט געקומען צו האָבן אזעלכע פּרעטענזיעס. אין חדר, ווו זיי האָבןביידע גע־לערנט, פלעגט זי בלויז אָן אויפהער קוקן אויף פּערעלען און פון פאַר־וואונדערונג נאָך מער ארויסשטאַרצן די אויגן. פּערעלע האָט איר אויסגעזען ווי אַ מלאכל. ווען זי וואָלט זיך דערוועגן, חנה, וואָלט זי איר אַבי איבערגעשענקט אלע פּאַלטשיקלעך פון אלע בריתן און שמחות, וווהין דער טאַטע האָט זי מיטגענומען. זייער חברשאַפט האָט זיך פארבונדן ערשט אַ סך שפּעטער, ווען זיי זיינען שוין געווען אונטערוואַקסנדיקע מיידלעך.

ס'איז געשען, ווען אין דעם שטעטל, וואָס איז אָקופּירט געוואָרן דורך די דייטשן, זענען פארווישט געוואָרן אלע יחוס־גרענעצן, ווען דאָס „פּסולת" פון דער „באָד־גאַס" האָט זיך אַרויפגעהויבן: „— נישטאָ קיין מיוחסים! ס'האָט אלץ אויסגעמישט, ווי מיט א קאָכלעפל!". דעמלט איז צווישן אלע גרויסע און קליינע פּאסירונגען פאָרגעקומען אויך דאָס דאָזיקע. פּערעלע מיט חנהן האָבן זיך צופעליק באַגעגנט, זיך צוזאַמענגערעדט וועגן דער לאַגע, און דער פּועל־יוצא איז געווען, אז די זעכצניעריקע מיידלעך האָבן בשותפות געעפנט אַ „קראַם־בודע" פאר זעלנער, בכדי צו פארדינען און באַזאָרגן די היים מיט ברויט.

שפּעטער האָבן זיי צוזאַמען געשמוגלט, און צולעצט, ווען די מלחמה האָט געמיטן, און די „קאָמערציע" איז אַרויס פון מיידלשע הענט, האָבן זיי זיך שוין אויך ווייטער נישט געשיידט.

פּערעלע פּערלשימער מיט חנה דעם שוחטס זיינען געוואָרן אין בשמה אין צוויי גופים. קומט איר אַריין צו פּערעלען און טרעפֿט זי אין דער היים, זייט זיכער, אַז באַלד וועט איר דאָ דערזען חנהן אויך. דאָס אייגענע ווידער פאַרקערט. אַז הינטערן שטעטל, אויף „ביעלוסקי", זעט מען זיי קיינמאָל נישט באַזונדער, איז דאָך אָפּגערעדט. זיי האָבן שוין אָנגעהויבן נעכטיקן איינס ביי ס'אַנדערע און שלאָפֿן צוזאַמען. זיי האָבן זיך איינאַנדער נישט אַנדערש גערופֿן ווי: מיין פּערעלע, מיין חנה. נישט־צוזאַמען האָט מען זיי געקאָנט טרעפֿן סיידן צו הזכרת־נשמות אין דער ווייבער־שול, וווּהין חנה האָט מיט פּערעלען נישט געקאָנט אַרויפֿגיין — זי, חנה, האָט דאָך נאָך טאַטע־מאַמע ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר. נאָר אַפֿילו דעמלט איז חנה געווען נישט ערגעץ אַנדערש ווי דאָ אונטן לעבן דער שול, וווּ זי האָט געוואַרט אויף איר.

די צייט איז געוואָרן אַלץ רויקער. דער לעבנסשטייגער האָט זיך אָנגעהויבן אויספֿאָרמירן לויטן מוסטער פֿון דער פֿאַר־מלחמה־צייט. נאָך אַ לאַנגיעריקן שטילשטאַנד האָבן אָנגעהויבן אָפּט פֿאָרצוקומען די אָפּגעלייגטע חתונות. די יוגנט איז צו זיך געקומען. די שפּאַציר־וועגן האָבן אויפֿגעלעבט. אין דער אונטערוואַקסנדיקער יוגנט האָבן זיך געשאַפֿן ליבע־פּאָרלעך. אויך אַרום דעם „מיידל־צווילינג", פּערעלע פּערלשימער און חנה דעם שוחטס, האָבן זיך אָנגעהויבן דרייען יינגלעך. דאָס האָט, פֿאַרשטייט זיך, בלויז געהייסן אַזוי, אַז מען דרייט זיך אַרום זיי. אינדערעמתן איז דער צוציונגס־פּונקט געווען בלויז פּערעלע פּערלשימער.

סיי חנה, סיי פּערעלע האָבן עס פֿאַרשטאַנען. פּערעלע איז געווען דערפֿון גליקלעך־שטאָלץ. און אויך חנה איז צופֿרידן געווען: עס האָט איר פֿאַרשאַפֿט פֿאַרגעניגן איר פּערעלעס דערפֿאָלג.

גייענדיק געאָרעמט אויפֿן שפּאַציר, איז חנה, געפֿירט פֿון פּערעלען, שטענדיק אויסגעקומען עטוואָס פֿאַרויסגערוקט. מיט איר אַ ביסל געבויגענע פֿיגור, באַשיידן־געהאַלטענעם קאָפּ און לייכט אַראָפּגעלאָזטע ברעמען האָט זי אויסגעדריקט הכנעה און גוטמוטיקייט. פֿאַרקערט, פּערעלעס גראַציעז פֿיגורל, פֿאַרריסן קעפּל און שפּילנדיקע ברעמען האָבן אויסגעדריקט שטאָלצקייט און שטענדיקע צופֿרידנקייט. ווי זי וואָלט זאָגן, פּערעלע פּערלשימער: „אָט קוקט אָן דעם נפֿש, וועט איר פֿאַרשטיין אָפּשאַצן מיין ווערט!".

אַלע יינגלעך האָבן אייגנטלעך געהאַט אַ בעסערע מיינונג וועגן חנהן: חנה דעם שוחטס איז אַ גוטע, צוגעלאָזענע, אַ מיטפֿילנדיקע, נישט קיין שטאָלצע און נישט קיין נאַר; פּערעלע פּערלשימער אָבער איז דאָס אַלץ אומגעקערט. פֿונדעסטוועגן איז עפּעס אַזוי אויסגעקומען, אַז די אַלע אייגנ־

שאַפֿטן חנהס קאָנען איר נישט פֿאַרגינען ווערן מער קיין מעלה, אַקוראַט ווי דאָס פֿאַרקערטע ביי פּערעלען — פֿאַר קיין חסרון.

אין מינוטן פֿון פֿאַרביטערונג קעגן פּערעלען, דערפֿאַר וואָס זי וויל זיי נישט אָנערקענען פֿאַר „קאַוואַליערן" (זי וואַרט אויף אַן „אינטעליגענט" פֿון דער פֿרעמד) און באַציט זיך קאַלט און אָפּשטויסנדיק־שטאָלץ צו זייער „אוכאַזשעווען" (אַדאָרירן), פֿלעגן זיי אפֿילו אָפֿן און פּשוט אַרויסזאָגן, אַז חנה איז קלוג, ס'איז דאָ מיט וועמען אַ וואָרט צו ריידן, און זי, פּערעלע פּערלשימער, ס'זאָל איר צו שאַנד נישט זיין, איז סוף־כל־סוף נישט מער ווי אַ נאַריש ציגל.

.2

שיקל זיידמאַן, אַ באַלעבאַטיש יונג בחורל, וואָס האָט זיך, פֿאַר זיינע פֿאַרדינסטן און אַרבעט־גרייטקייט פֿאַר דעם קולטור־אויפֿבלי אין שטעטל דערשלאָגן צו דער ערן־שטעלע פֿון פֿאַרוואַלטער אין דער פֿאָלקס־ביבליאָטעק אויפֿן נאָמען פֿון י. ל. פּרץ, — האָט זיך מיטאַמאָל דערפֿילט אויך פֿאַר אַ „קאַוואַליער" און אָנגעהויבן „אוכאַזשעווען". לסוף איז זיין אויסוואַל געפֿאַלן, ווי מע קאָן זיך מאָלן, אויף פּערעלע פּערלשימער, וועלכע איז דאָך קיינמאָל נישט געווען פֿון קיינעם „פֿאַרנומען". בטבֿע אַ היציקער, האָט נישט לאַנג געדויערט, און ער האָט זיך אין איר ייִנגלש־ווילד פֿאַרליבט. ער האָט איילנדיק זיך איר דערקלערט, און געקראָגן אַן אָפּזאָג. ער האָט זיך בלויז דערשלאָגן צו מעגן זי ליב האָבן און באַגלייטן אויפֿן שפּאַציר, ווען איר אָרעם איז פֿריי. באין־ברירה האָט ער זיך געמוזט צופֿרידנשטעלן מיטן דערלויבטן, כּמעט ער פֿלעגט, גייענדיק לעבן איר, ממש־פֿילן, ווי עס וויינט פֿון איר אַ פֿיזישע קאַלטקייט. ער האָט שרעקלעך געליטן און געשטומט.

בלייבנדיק צייטנווייז אַליין מיט חנהן, פֿלעגט פֿון זיין האַרץ און מויל אַראָפּפֿאַלן אַ שלאָס. מיט חנהן צו שמועסן וועגן אַלצדינג דאַרף מען גאָר קיין דרייסטקייט נישט האָבן. זי הערט אויס גערן און מיט מיטגעפֿיל. פֿאַרטרויעט ער איר זיינע געפֿילן צו פּערעלען, זיינע ליידן און רעדט זיך אַראָפּ אַ ביסל פֿונעם האַרצן. חנה באַרויקט אים, טרייסט אים, אַז ס'קאָן נאָך בעסער ווערן (הגם זי ווייסט, אַז זיינע באַמיִונגען, זיינען אומזיסטע, ווייל הינטער די אויגן מאַכט פּערעלע אוועק שיקלען מיט דער האַנט און לאַכט פּשוט פֿון אים אָפּ). שיקלען ווערט וואַרעמער אויף דער נשמה און ער פֿאַנטאַזירט זיך אויס, אַז אָט געשעט פּלוצעם אַ נס, און פּערעלעס האַרץ בייט זיך צו אים צום גוטן. דעמלט וועט זיין אַזוי גוט, אַזוי גוט!

איינמאָל, געפינענדיק זיך אין אַזאַ געמיט־צושטאַנד, האָט ער דערשפּירט אַ משונהדיקע באַדויערונג: פאַרוואָס זיינען פערעלע און חנהלע צווי, און נישט איינע? ווען אין פערעלען וואָלט קלאַפּן חנהלעס האַרץ, וואָלט ער דאָך געווען אַזאַ גליקלעכער!

איז אַמאָל פערעלע אַוועקגעפאָרן צו אירע קרובים קיין וואַרשע. ווייט פון די אויגן — איר גראַציעז פיגורל לאָקט נישט, אירע שפּילנדיקע ברעמען כישופן נישט — איז זי געוואָרן אויך ווייט פון האַרצן. די יוגנט האָט איר אָפּזיין נישט באַדויערט, און אינגיכן האָט מען גאָר און איר פאַרגעסן. בלויז צוויי האָבן אָן אויפהער געטראַכט און גערעדט וועגן איר: חנה דעם שוחטס און שיקל זיידמאַן. שיקל פלעגט אַלץ, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן פערעלען, זאָגן חנהן. חנה פלעגט עס מיט האַרץ אויפנעמען, און ער האָט זיך געפילט זייער גוט. צייטנווייז, ווען דער זכרון פלעגט אים דייטלעך אָפּמאָלן פערעלעס קאַלטקייט און פרעמדקייט, האָט זיך אים געוואָלט, אַז פערעלע זאָל שוין אינגאַנצן נישט צוריקקומען, און ער זאָל דאָ זיצן כסדר לעבן חנהלען און אויסגיסן פאַר איר זייער ליבע־געפילן און בענקשאַפט צו... פערעלען.

הגם פערעלע איז נישט געווען אינדערהיים, פונדעסטוועגן איז חנה גאַנץ אָפט געגאַנגען אהינצו פון געוווינשאַפט וועגן. זי האָט זיך נאָכגעפרעגט, וואָס פערעלע שרייבט, כאָטש זי האָט זיך מיט איר באַזונדער דורכגעשריבן. שיקלען פלעגט זי איבערגעבן פון פערעלעס בריוו דאָס אַלץ, וואָס זי האָט געמעגט און געקענט. ער האָט זיך געפילט גוט. ער האָט זי געבעטן, זי זאָל גריסן פערעלען אין זיין נאָמען, און געווען גליקלעך און דאַנקבאַר, ווען זי האָט אים געוויזן פערעלעס תשובה — גריסן צו אים.

ווען פערעלע האָט שוין געזאָלט אהיימקומען, האָט זיך שיקל געשאַפן מוט — ער וועט איר אַליין אָנשרייבן. לכתחילה האָט ער געקלערט וועגן אַ קורץ פריינדשאַפטלעך בריוול, אָבער ווען ער האָט שוין געהאַלטן די פען אין דער האַנט, האָט ער זיך נישט געקאָנט אָפּהאַלטן און אָנגעשריבן אַ לאַנגן בריוו, אויסדריקנדיק דאָס אַלץ, וואָס ער האָט געפילט און געטראַכט אין שוין פון לאַנג פאַרטרויט עס חנהן. דער בריוו איז חנהן זייער געפעלן, אָבער זי האָט שיקלען געראָטן, ער זאָל אים נישט שיקן, טאָמער... וועט פערעלע האָבן דאָרט אומאָנגענעמלעכקייטן: „חסידישע מענטשן. אַ בריוו פון אַ יינגל". שיקל איז אָבער געווען צעהיצט און באַשטאַנען אויף זיינעם. האָט חנה לסוף איינגעשטימט און אַריינגעלייגט זיין בריוו אין איר קאָנווערט.

שיקל האָט קיין ענטפער נישט געקראָגן, אפילו קיין גרוס דורך חנהן אויך נישט. זי האָט בלויז געשריבן, פערעלע פערלשימער: אַזויווי זי קומט שוין סיווי צו פאָרן, וועט זי אים ענטפערן מינדלעך. געקומען, האָט זי אים

דערקלערט מיט אַ שטאָלצן צאַרן, אַז זי קאָן אים נישט דולדן, ווייל נישט הערן זיינע „פּרעטענזיעס". זי בעט אים, זיך האַלטן פון איר וואָס ווייטער.

הינטער די אויגן האָט זי נאָך מער ווי פריער אָפּגעלאַכט פון אים. מאַכנ־דיק אַ פאַרגלייך צווישן אים און די גרויס־שטאָטישע „קאַוואַליערן", ביי וועלכע זי האָט געהאָט אַזאַ דערפאָלג.

שיקל איז געווען פאַרצווייפלט. חנהן האָט דאָס אַלץ טיף געקרענקט. זי האָט אים מיטגעפילט, אָבער גערעכט האָט זי דאָך אָפּגעגעבן, פאַרשטייט זיך, פערעלען.

פון דעמלט אָן האָט שיקל אָנגעהויבן גיין בלויז אין חנהס זייט.

.3

מיט דער צייט האָט די יוגנט אָנגעהויבן שמועסן, אַז שיקל זיידמאַן „אוכאַזשעוועט" חנה דעם שוחטס. מ׳איז דעריבער געוואָרן צו איר אויפ־מערקזאַמער. אַ מיידל וואָס ווערט געליבט, איז אַ חשיבות. און דאָ איז אומגעריכט געמאַכט געוואָרן די אַנטפּלעקונג, אַז חנה איז פאַר דער לעצ־טער צייט שענער געוואָרן. איר פיגור האָט זיך אויסגעשלאַנקט און מיידלש אייסגעפאָרמירט. אונטער איר בלוזקע האָבן זיך מיטאַמאָל אָנגעגאָסן צוויי העגבל־ווינטרויבן. ייגגלעך האָבן אָנגעהויבן שפּירן שיכרות לעבן איר. זי האָט געשמעקט מיט מילך און ווייַן.

די שמועסן וועגן שיקלען און חנהן האָבן געהאַט אַ יסוד. ביסלעכווייז האָט שיקל אויפגעהערט צו ריידן מיט חנהן וועגן פערעלען. זייערע גע־שפּרעכן זיינען געוואָרן אַלגעמיינער. מ׳האָט שוין גערעדט וועגן זאַכן, וואָס זיינען נוגע חנהן אַליין. ביז שיקל איז צולעצט געקומען צום באַוווסט־זיין, טאַקע צוליב די רמזים, וואָס מ׳האָט אים געגעבן מן־הצד, אַז חנה אינטערעסירט אים צוליב זיך גופא. אין זיינע געפילן איז פאַרגעקומען אַ בין־השמשות. דער פאַרלאַנג, אַז הלוואי וואָלטן די ביידע מיידלעך, פּע־רעלע און חנהלע, געווען איינע, האָט אים איצט אויסגעזען משונה. אדרבא זיי דאַרפן זיין צוויי. ער וואָלט זיי בשום אופן נישט געוואָלט זען צוזאַמענ־געגאָסן. און פּלוצעם איז אים גאָר קלאָר געוואָרן, אַז... פערעלען האָט ער פיינד! אייגנטלעך האָט ער זי שטענדיק פיינד געהאַט, שטענדיק! נאָר וואָס דען? איר פּנימל... איז דען חנהלע נישט באַחנטער, סימפּאַטישער פון איר? ער האָט זיך פאַרליבט אין חנהלען.

אָן אָפּגעקילטער און געניטער פון דער ערשטער ליבע, האָט ער זיך איצטער נישט געאיילט מיט קיין דערקלערונגען. ער האָט זיך בלויז איינ־

געשטעלט צו פאַרטרויען חנהן, אַז פּערעלען האָט ער שוין מער נישט ליב. אַדרבא, ער האַסט זי. חנה האָט זיך דערמיט אַנטוישט אין אים. זי האָט זיך באַליידיקט אויף אים פאַר איר פּערעלען. אָבער מיט איר געוויינלעכער פאַרגעבן־גרייטקייט האָט זי אים מוחל געווען, און, פאַרשטייט זיך, פּערע־לען ווען דעם פאַרשוויגן.

שיקל האָט אָפּגעוואָרט. און גאָר איינגיכן האָט אים די צייט אונטער־געשיקט א געלעגנהייט: חנה דעם שוחטס איז קראַנק געוואָרן אויף פּאָקן. אַלע האָבן זי באַדויערט: זי זאָל כאָטש נישט פאַרבלייבן מיט קיין גע־שטופּלט פּנים! חברים זיינען געקומען זי מבקר־חולה זיין... שיקל אָבער פלעגט אָפּזיצן ביי איר גאַנצע טעג. די שטוב, כאָטש פון די כלי־קודש, האָט נישט געשטערט. ערשטנס, האָט די שוחטקע רחמנות געהאַט אויפן קינד. ס׳זאָל נישט בלייבן אליין (אַזוי איז פאַרט לייכטער), צווייטנס, האָט מען זיך אין דער מלחמה־צייט שוין צוגעוווינט צו ערגערע זאכן (אַז מ׳האָט דאָס קינד באַדאַרפט שיקן צום דייטשישן קאָמענדאַנט נאָך א פּאַסיר־שיין אָדער צו א זעלנער ברויט קויפן — וואָס האָט מען דען געקאָנט טאָן?), דריטנס, און דאָס איז טאַקע געווען דער עיקר, איז שיקל אַ באַלעבאַטיש קינד, א נגידיש, ווער ווייסט? אפשר? בדיעבד וואָלט עס נישט געווען קיין שלעכטער שידוך.

אויך פּערעלע פּערלשימער האָט זיי נישט געשטערט. אדרבא, זי האָט זיך באַנוצט דערמיט פאַר איר באַקוועמלעכקייט וועגן. עס איז איר בכלל נישט איינגענומען געווען צו פּטרן די צייט לעבן דער קראַנקער חברטאָרין. צו דער צייט זיינען צוריקגעקומען עטלעכע פון די אַנטלאָפענע קיין רוס־לאַנד — „אינטעליגענטע קאַוואַליערן" — און ס׳האָט דעריבער שטאַרק געצויגן אין דרויסן. פלעגט זי זיך אריינכאַפּן בלויז פון יוצא וועגן און באַלד איינרוימען חנהן אין אויער, אַז זי קאָן דאָ נישט פאַרבלייבן, זי קאָן אים, שיקלען, נישט דולדן, און אוועקגיין. שיקל פלעגט דעריבער גאַנץ אָפּט זיין מיט דער קראַנקער אליין.

דער פּועל־יוצא דערפון איז סוף־כל־סוף געווען — א ליבער־דער־קלערונג. ס׳איז געשען אַזוי: חנה האָט זיך נישט געקאָנט באַהערשן און אָפּ־געריסן א פּאָק אויף דער באַק. איז שוין, הייסט עס, איין שטופּל אויפן פּנים כאַרפּאַלן! און וואָס וועט זיין ווייטער? זי האָט זיך צעוויינט. מיט וואָס איז זי אַזוי זינדיק, איבערצולעבן פּאָקן צו זיבעצן יאָר?! שיקלס האַרץ האָט גע־וויטיקט צוזאַמען מיט איר. ער האָט אויפגעבראַוזט, זיך איינגעבויגן איבער איר און שטיל־אויפריכטיק געזאָגט:

— חנהלע! אפילו ווען דיין גאַנץ פּנים זאָל בלייבן געשטופּלט, וואָלט איך זיך אויך נישט אָפּגעזאָגט צו נעמען דיך פאַר א כלה.

חנה האָט אַנטציקט געשלאָסן די וויעס. באַלד האָט זי געעפנט די אויגן, און איר פּנים האָט געשמייכלט דורך פריידיקע טרערן. אַ זאַפטיקע דאַנקבאַרקייט האָט זיך צעגאָסן איבער איר האַרץ. זי האָט פאַרשעמט אויסגעצויגן אַן אַנטבלויזטע האַנט פון דער קאָלדרע אַרויס און זי דערלאַנגט שיקלען. זייערע הענט האָבן זיך געדריקט שטום און פעסט.

אויפן צווייטן טאָג האָט חנה מיט שעמעוודיקער פרייד פאַרטרויט איר סוד פערעלען. יענע איז אויף אַ רגע געוואָרן ערנסט. אָבער באַלד האָט זי איר, חנהן, געגעבן צו פאַרשטיין, אַז שיקל זיידמאַן האָט בלויז געמאַכט אַ שפּאַס... ווען זי, פערעלע, וויל נאָר, וואָלט זי איר אומיסטן געוויזן, אַז מאָרגן וועט שיקל שוין זיין מיט איר, מיט פערעלען. חנה האָט איר נישט איבערגעשפּאַרט, האָט זיך אומעטיק פאַרטראַכט און אַרויפגעפירט דעם געשפּרעך אויף עפּעס אַנדערש.

אין עטלעכע וואָכן אַרום איז חנה געזונט געוואָרן. איר פּנים, אָפּגעשיילט פון דער האַרטער הויט, האָט זיך באַצויגן מיט אַ צאַרטער און דורכזעעוודיקער. די פּנים־שטריכן האָבן זיך אויסגעפיינערט, דער אייגציקער שטופּל האָט צוגעגעבן דעם חן פון אַ חן־גריבעלע: ס׳איז געווען דער צייכן פון איר ערשטן מיידלשן נצחון.

חנה דעם שוחטס האָט זיך אָנגעהויבן וויזן אין גאַס אין דער אָפּטער באַגלייטונג פון שיקל זיידמאַן. די יוגנט האָט איינגעפונען, אַז נאָך דער קראַנקהייט האָט חנה אָנגעהויבן ממש צו בליען, און די גאַס האָט גערעדט וועגן זיי:

— איר׳ וויסט, דאָס וועט זיין אַ שיין פּאָרל.

אין חנהס און פערעלעס חברשאַפט איז אויסערלעך קיינע ענדערונגען נישט פאָרגעקומען. נאָר האָט זיי ווידער שטענדיק געזען נישט צעשיידט; אפילו פאַרנאַכט אויפן שפּאַציר, ווען יעדע איז געפירט געוואָרן פון איר יינגל אונטערן אָרעם. זיי זיינען געגאַנגען זאַלבעפערט. ווידער האָט פערעלע געפירט חנהן אַ ביסעלע פאָרויסגערוקט, און ווידער האָט עס געמאַכט דעם איינדרוק, ווי זי וואָלט זאָגן: אָט זעט, ווער עס פירט זי, און ווער מיך!

ערשט שפּעט אין אָונט, ווען די נאַכט באַרויקט דעם שפּאַציר־וועג, און ס׳ווערט עפּעס אַזוי באַנגלעך אויף דער יונגער נשמה, בלויז דעמלט פלעגן חנה מיט שיקלען, ווי לויט אַ שטומען, זיכערן אָפּמאַך, שיידן זיך מיטן צווייטן פּאָרל. אונטער איינזאַמע קוסטעס אויף וויטע, אין פינצטעריש־פאַרבאָרגענע, פעלדער־שטחים האָט די שטילע, שטומע זומער־נאַכט אויסגעהערט דאָס קלאַפּן פון יונגע הערצער. און די נייגעריקע שטערן האָבן מיט דינע דורכגענבעטע שטראַלעכלעך געזען, ווי ליפּן האָבן זיך

צוקנדיק באַריהרט, צוזאַמענגעוואַקסן געוואָרן, און צאַפּלדיקע פיגורן האָבן פאַרוואָרפן די קעפּ פון אַנטציקונג.

צי האָט עס שיקל זיידמאַן אין אַ מינוט פון לייכטזיניקער בארימעריי און אָפנהאַרציקייט פאַרטרויט פאַר אַ חבר, אָדער ס׳האָט זיי עמעצער צופעליק באַמערקט און אונטערגעהערט — נאָר געוווּסט האָט מען צווישן דער יוגנט, אַז אָט די שטילע חנה דעם שוחטס קאָן שטאַרק־שטאַרק קושן, און ייִנגלעך האָבן שיקלען מקנא געווען.

אויך וועגן פּערעלע פּערלשימער האָט מען געוווּסט, נאָר דעם היפּוך דערפון: זי איז קאַלט. קאַלט, ווי די לבנה אין אַ ווינטער־נאַכט.

— אָט הערט איר, — האָט אַ ייִנגל זיך איינגעשטעלט זאָגן אַן אַפּי־קורסישע השערה: פּערעלע פּערלשימער הייבט שוין אָן באַצייטנס אָפּ־צובליען.

4

פּאַמעלעך ציט זיך די צייט אינעם קליינעם שטעטל. פּאַמעלעך קומען פאָר שינוים. ערשט, אַז די פאַרענדערונג איז שוין אַ פולשטענדיקע, קוקט מען זיך אַרום. עס זיינען אריבער צוויי יאָר, און ס׳איז געוואָרן אַ פאַקט נישט צפּצולייקענען, אַז פּערעלע פּערלשימער איז שוין אַ פאַרוועלקטע בלום. איר קאַלט בלוט האָט שוין נישט געקאָנט דערהאַלטן די פרישקייט אין פאַרב פונעם צאַרטן לייב. די אויגן האָבן פאַרלוירן דעם גלאַנץ. די ברעמען האָבן זיך פוילער באַוועגט, און דער כישוף־שפּיל האָט זיך פון זיי אָפּ־געטאָן. די יוגנט האָט זי איינצ־קוויז פאַרלאָזן. געבליבן איז זי ביי אייך ייִנגל. אָבער אַפילו דער איינער, האָט זי געוווּסט, קאָן איר דינען בלויז ווי אַ באַגלייטנדיקער שאָטן אויפן שפּאַציר, אָדער אויף אַ פאַרוועגן פלירט און באַין־אופן נישט פאַר קיין לעבנס־באַגלייטער.

דעם אמת געזאָגט, האָט שוין פּערעלע פּערלשימער זייער געוואָלט אַ כלה ווערן. די פּעטערס האָבן איר געגעבן אָפּטע אָנצוהערענישן וועגן דעם מיט אַ טאָן פון תרעומות, ווי עס וואָלט געווען אָפּהענגיק פון איר אַליין. אָבער אויף אַ כלה צו ווערן דאַרף מען, ווי באַוווּסט, האָבן נדן, און דאָס צו געבן זיינען אירע פּעטערס נישט געווען קיין בעלנים. זיי האָבן זיך שוין געהאַט צוגעוווינט צום געדאַנק, אַז פאַר אַזאַ שיין מיידל, ווי פּערעלע, וועט מען קריגן אַ שידוך אָן נדן אויך.

פּערעלע האָט געליטן אין גאַס און אין שטוב. זי האָט פאַרלוירן איר לעצט ביסל פריילעכקייט און לעבהאַפטיקייט. עס האָט זיך שוין אויך געלאָזט

מערקן אַן אָפּגעלאַזנקייט אין איר קליידונג: דער מאַמעס רייכער מלבושים־קופערט האָט זיך סוף־כל־סוף אויסגעשעפּט. זי האָט אויפגעהערט צו שפּאַצירן. זי האָט זיך פאַרבאָרגן מיטן געשלאָגענעם שטאָלץ אינעם זיידעשיס, יאָסיע גרויסמאַנס, מויער אין שטעטל.

להיפוך צו פערעלען איז חנה דעם שוחטס פון טאָג צו טאָג שענער געוואָרן, באַוועגלעכער און רייצנדיקער. זי האָט זיך צעבליט און אַ פּראַכטפול מיידל, וואָס איר יעדע באַוועגונג דריקט אויס ליידנשאַפטלעכן יוגנטוויי פון קערפּער.

בעת אירע אַרויסגעשטאַרצטע אויגן האָבן זיך צניעותדיק באַהאַלטן אונטער די אַראָפּגעלאָזטע ברעמען, ווי סאַמעט, האָט איר פולבלעכער, זאַפטיק אָנגעגאָסענער קערפּער שמאַכטיק געזונגען: מיינע גלידער זיינען צייטיק, מיין בלוט רויט און הייס, מיינע טרויבן־הענגל פּלאַצן פון דעם אָנגעפילטן ווין און וואַרטן אויפן טרויבן־שניידער, בעמט־זשע און פירט מיך צו דער חופּה. נישט איינמאָל האָט חנה געהערט פון אייגענע און פרעמדע, הינטער די אויגן און אין די אויגן:

— ביסט שוין טאַקע אַ פיינע כלה־מויד, שוין צייט!

און שבת נאָך שבועות איז חנה אַ כלה געוואָרן פאַר שיקל זיידמאַן.

מ׳האָט גערעדט וועגן דעם שוחטס הצלחה צו די קינדער:

— אַט די מוזינקע זיינע איז, דאַכט זיך, געוועזן אַ נישטיק מיידעלע, און ווי זי איז אויסגעוואַקסן, אָן עין־הרע! געפּטערט זי אָן אַ גראַשן נדן, אין פּאַר אַזאַ פיינעם חתן.

אויך די יוגנט האָט איינגעפונען, אַז חנה האָט געשלאָסן אַ „גלענצנדע־פּאַרטיי".

אין משך פון די לעצטע צוויי יאָר איז שיקל זיידמאַן געוואָרן איינער פון די אָנגעזעענסטע ייִנגלעך, דער אָנפירער פון דער פאָלקס־ביבליאָטעק און דער רעזשיסער פון דער אַמאַטאָרישער דראַמאַט שער סעקציע.

שבת נאָך די תנאים האָט די כלה פאַרבעטן די יוגנט אויף אַ „פריי־לעכס". דער קאַרגער שוחט האָט זיך צעגאַרטלט. אויפן טיש זיינען געשטעלט געוואָרן שיינע כיבודים. ס׳איז נישט געווען קיין דוחק אין קיין גלעזל ביר, און מ׳האָט פריילעך פאַרבראַכט.

די כלה אַליין האָט געסאַרווערט, געוועזן צו יעדן אויפמערקזאַם און געשטראַלט ווי אַ בת־מלכה. אין אַ פרייער מינוט האָט זי זיך צוגעזעצט אַמאָל צו דעם, אַמאָל צו יענעם אָבער אָפטער צו פערעלען. האָט זי געצערטלט, געגלעט, אַרומגענומען און צוגעדריקט ווי געוואָלט אַרייבגיסן אין איר די גאַנצע פרייד, וואָס שוימט איבער איר האַרץ. אָבער פערעלע איז געזעסן ווי פאַריתומט, ווי געליימט. אויף איר פנימל האָט אַפילו געשפּילט אַ שמייכעלע,

נאָר איר פאַרוועלקט אויסזען און פאַרלאָשענע אויגן, וואָס האָבן געקוקט מיט פאַרצווייפלטער קנאה דאָ אויפן חתן, דאָ אויף דער כלה, האָבן זי אויס־געגעבן.

מ׳האָט זיך אָנגעהויבן וועגן איר איבערשושקען. זי האָט עס דער־שפּירט, און זיך אומבאַהאָלפן אַרומגעקוקט, זוכנדיק אַ שטיצע, אַן אָנ־שפּאַר. אָבער סיי די יינגלעך, סיי די מיידלעך האָבן זי באַגעגנט מיט גלייכ־גילטיקע, אָדער קאַלטע בליקן. די כלה איז אין דער מינוט נישט געווען. אפילו איר איינציקער „קאַוואַליער", פּערעלעס, האַלט זיך פון ווייטן, שטייט דאָרט אין ווינקל קעגנאיבער און סודעט זיך מיט אַ מיידל. מסתם אויך וועגן איר... זי ווערט רויט פּערעלע. עס גייט אויף אין איר אַ פאַרביטערונג: מע באַליידיקט זי, און קיינער נעמט זיך נישט אָן. עס טליעט אויף אין איר אַ פאַרלאַנג צו נעמען נקמה.

זי האָט זיך איבערגעזעצט נענטער צום חתן און אָנגעהויבן שטעכן אים מיט שפּיציק־בייזע ווערטלעך, מיט חוזקדיק־בייסיקע רמזימלעך. האָבן זיי זיך אָבער נאָך בייסיקער אומגעקערט צוריק צו איר אַליין. איז זי מיטאַמאָל שטיל געוואָרן און בייז צוזאַמענגעצויגן די דינע ליפּעלעך. שוין ביז דער עולם האָט זיך אַ הייב געטאָן פון טיש.

ווען חברה האָט זיך צעשאָטן אין דרויסן, און פּערעלע איז מיט אַן אויס־רייד תיכף אַוועק אַהיים, האָט עמעץ פריילעך־נקמהדיק באַמערקט:

— איר ווייסט, קינדער, אויף פּערעלע פּערלשימער איז היינט פּשוט אַ רחמנות צו קוקן.

— זי איז שוין אָפּגעפאָרן, — האָט אַ צווייטער אונטערגעברומט מיט באַדויערונג.

דער חתן, געפירט פון דער כלה, האָט אויסגעדרייט צו זיי דעם קאָפּ און אויפגעברויזט צוגעגעבן:

— נישקשה, זי איז ווערט דעם שטעקן!

די כלה איז געבליבן שטיק אַ רגע פאַרוואַלקנט, האָט זיך אָבער אויגנ־בליקלעך אויסגעלייטערט און באַגעגנט דעם חתנס בליק מיט אַ גוטמוטיקן רוגז:

— גיי. זי איז נאָך היינט אויך געוויס שיין...

פאַמיליע־מאָראַל

(אַ בריוו פון וועג)

טייערע ווייב מיינס!

איך וועל דיר דאָס מאָל נישט דערציילן, ווי עס גייען די געשעפטן, סוף־כל־סוף אינטערעסירט דאָך דיך דער עיקר דער לעצטער סאַכאַקל. יע־דנפאַלס — אַלע דיינע באַשטעלונגען וועל איך דיר ברענגען.

איך מוז דיר ווידער שרייבן — אין דער פרייער צייט, וואָס בלייבט איבער נאָך די געשעפטן פאַרן שלאָפנגיין — וועגן דעם, וואָס פיקט אָן אייפהער מיין האַרץ און מיין געוויסן, ווי טיטוסעס פליג...

זאָל זיין, ווי דו זאָגסט — ביסט לויטער־ריין פון פאַראַט־מחשבות און אַוודאַי און אַוודאַי פון פאַרברעכערישע מעשים; אַז אַלע מיינע חשד־ים וועגן דיין אומגעטריישאַפט זיינען ווילדע אויסטראַכטענישן פון אַ קרענקלעכער צעהיצטער פאַנטאַזיע —

געשטראָפט בין איך סיי ווי.

ס'איז די שטראָף פון דער גערעכטיקייט, וואָס האָט דעם שאַרפסטן זכרון, און קיין זינד פון אַ מענטשן ווערט פון איר נישט פאַרגעסן, אַפילו אין די ווייטסטע דורות אַריין — איך קום היינט אָפּ פאַר מיינע אַלטע זינד.

וואָלט איך אין מיין יוגנט און שפּעטער אין די אַלט־בחורישע יאָרן געוועזן געפירט אַ ריין און ערלעך לעבן, — ווי וואָלטן מיר טאַקע גאָר אויפן זינען געקומען אַזעלכע נידערטרעכטיקע מחשבות און חשדים וועגן דיר?! וועגן דיר, וואָס דו געפינסט אָפּטמאָל אַזוינע פיינע און אויפריכטיקע ווער־טער פאַר דיין ליבע צו מיר?! איז דען דער סטיל נישט די נשמה פון דעם מענטשן?!

(...ליידער פאַראַטסטו אַמאָל אויך דיין סטיל, ווי מיר, און פון אַ זאַק פאַ־עזיע קריכט אַרויס אַ פּראָזאַישע אָל, וואָס בויערט דורך מיין אויער אין האַרץ).

נו, טאַקע, ווי וואָלט עס מיר גאָר איינגעפאַלן, אַז דו פּאַראַטסט מיך מיט אַט־יענעם בחורל פון אַזאַ „הויכער" קולטור און אַזאַ צווייפלהאַפטער אויפפירונג? ווי וואָלט עס מיר גאָר אויפן זינען געקומען, אַפילו ווען דו וואָלסט באמת שולדיק זיין קעגן מיר?!

אָבער שולדיק איז דער שפיגל פון מיינע אייגענע מעשים, וואָס די שטראָפנדיקע האַנט פון דער גערעכטיקייט נעמט נישט אַוועק פון פאַר מיינע צעפלאַמטע אייפערזיכטיקע אויגן.

האָב איך אַליין דען נישט פּאַראַטן אין מיין פאַרגאַנגענהייט מיינע ראָמאַנטישע ליבעס? האָב איך דען נישט געמיין אָפּגענאַרט די דאַמע פון מיין האַרצן מיט איר... דינסטמיידל? (זי האָט אָפּגענאַרט איר מאַן מיט מיר...) מיט איר מאָראַלישער ווערט און קולטור וואָלט זי געקאָנט קאָנקורירן, דאָס דינסטמיידל, מיט דיין קאַוואַליער; יעדנפאַלס וואָלט פון זיי ביידע געקאָנט זיין אַ גלייך פּאָרל...

וואָס? ביסטו דען היינט אידעאַלער, מאָראַלישער און לייטישער פון מיר אַמאָל? לייטן האָבן מיר דעמלט פאַר זייער אַ לייטישן לייט געהאַלטן. ווער פון מיינע פריינד און פיינד אַפילו וואָלט דערלאָזט אַזאַ געמיינע לשון־הרע אויף מיר!

— אָבער — פרעגסטו: פאַר וועלכע און וועמענס זינד קום איך אָפּ? פאַר וואָס שטראָפט די גערעכטיקייט מיך פאַר דיר?

ניין. אויך דיך שטראָפט זי פאַר דיינע אייגענע זינד:

האָסט דאָך מיר „איין מאָל — לויט דיינע אייגענע ווערטער — שיר־שיר פּאַראַטן"! (איין מאָל? אויף וויפל מאָל געכפלט?). אמת, האָסט מיר גלייכצייטיק אויסגעטייטשט, אַז ביי געוויסע אומשטענדן, ביי אַזעלכע, ווי די ביסט דעמלט געווען, איז אַ פלירט, וואָס גייט נישט ווייטער פון אַ קוש, קיין פאַראַט נישט קעגן מאַן. נאָר משמעות, אַז די גערעכטיקייט, גלייך ווי איך, האָט אַ שטרענגערע מיינונג וועגן דעם... מ י ר קאָנען דאָס פאַרט נ י ש ט מוחל זיין.

יאָ, פאַר דיינע אייגענע זינד ווערסטו באַשטראָפט, פאַרעטעריש ווייב!

איך כאַפּ אויך אַ קוק אין דעם שפיגל, וואָס די גערעכטיקייט האַלט קעגנאיבער דיין אומשולדיק פּנים נעבעך, און פאַר מיין בליק וויקלט זיך אָפּ אַ בילד פון דער פאַרגאַנגענהייט:

...ווי אַן אַלטער „פריינד" דיינער און דיין ערשטן מאַנס גוטער באַקאַנטער, קום איך אומגעריכט אַריין צו אייך אין שטוב אויפן פרימאָרגן. אין פאָדערשטן צימער, ביים שניידער־וואַרשטאַט, זיצט געבויגן איבער דער אַרבעט דיין מאַן (דיין ערשטער מאַן, צוליב וועלכן דו האָסט זיך אַנומלט אויף מיר, דיין צווייטן, באַליידיקט מיט היץ, אייפער און טרערן, הלמאַי איך

האָב זיך דערוועגט מיט אַ וואָרט גרינצושעצן, צו „שענדן" זיין אָנדענק, וואָס איר דיר טייער און „הייליק"...) זיין אויסזען — אויסגעמאַטערט, פאַרחשכט, ווי ער וואָלט אַ גאַנצע קיילעכדיקע נאַכט שער־און־אייזן פון האַנט נישט אַרויסגעלאָזן, ווי אין אויערל פון דער נאָדל, מיט וועלכער ער נייט. וואָלט געשטעקט אַ ווייסער פאָדעם פון זיינע אויגנווייסלען. די טיר פון אייער שלאָפצימער איז פעסט פאַרמאַכט... „זי איז נישטאָ טראַכט איך: אין מאַרק אריין געגאַנגען?".

— זיצט, — פאַרבעט דיין מאַן עפעס געצוווּנגען.

כ׳זעץ זיך און הענג אויף מיין בליק, ווי אַ פרעגצייכן, אויף דער שטומער טיר. נעמלעך — שטומער: זי האָט וואָס צו זאָגן, נאָר זי האַלט דאָס מייל אויף אַ שלאָס, ווי אַ בעל־סוד.

דיין מאַן אַרבעט כסדר, פאַרזונקען כלומרשט אין דער מלאָכה. מיר שווייגן ביידע אַ בשותפות שווייגעניש. ענדלעך טו איך אים כלומרשט סתם־אַזוי אַ פרעג:

— ווו איז אייער פרוי? — און האָב דאָס געפיל, אַז איך שטרענג זיך אָן אונטערצוהייבן מיט אַ פאַרחלשטער האַנט אַ שווערן שטיין. דערביי איז מיין קול פאַרדעכטיק־שרייעריש און גיט אויס מיין נייגיר און מיין באַגער — אויב דו ביסט דאָ, זאָלסטו דערהערן און מיך אַריינבעטן.

אַ בלאַסער, שעמעוודיק־רחמנותדיקער שמייכל צעוודערט דיין מאַנס נישט־געראַזירט פנים, און מיט פאַרשפּעטיקונג שטיקט ער אַרויס אַ פּאָר ווערטער, באַוואָקסענע מיט הייזעריקייט:

— זי... ליגט נאָך אין בעט... פילט זיך עפעס נישט מיט אַלעמען.

איך מאַך אַ באַוועגונג פונעם אָרט, ווי אויפצוהויבן זיך, און פרעג גאַנץ הויך ביי דער שטומער טיר:

— מע קאָן אַריינגיין?

איך בלייב אָבער גלייך זיצן אָפּהענטיק מחמת דיין מאַנס אַ שרעקבאַוועגונג, ווי מיך צו פאַרהאַלטן. מיר בלייבן ביידע זיצן ווי געליימטע. די נאָדל צווישן דיין מאַנס פינגער שטאַרט, מיינע אויגן שטאַרן פאַרשעריש איבער זיין פנים. זיינע שוואַרצאַפּלען רינען פינצטער אַראָפּ אויף דער מאַטעריע, וואָס ליגט אין קנייטשן אויף זיינע קניעס. אָנגעשטרענגט נעמט ער די גרויסע שער און הייבט אָן שערן די מאַטעריע (...צוזאַמען מיט זיינע אַראָפּרינענדיקע שוואַרצאַפּלען: סאַראַ קלעמענדיק, שאַרפן ווייטיק ער מוז איצטער שפּירן!) און בעת אַ רויטלעכע פאַרב גייט אויף, ווי אַ שיטערער פלאַם, פון אונטער זיין העמד־קאָלנער צום פאַרחושכטן פנים, קוועטשט ער ווידער אַרויס עטלעכע הייזעריק־וואַרעמע ווערטער:

— זי... איז דאָרט נישט אַליין... המם... אַ באַקאַנטער... דאָס ניי איך מאַקע איצט פאַר אים... ער וואַרט אויפן שטיקל אַרבעט... זי... איז נישט מיט אַלעמען.

„זי איז שוין דווקא יאָ מיט אַלעמען!... — טוט אַ ציגישע מחשבה אַ שפּיל אין מיינע געהירן: נישט ער וואַרט אויף אַ... נאָר ער טוט אַ שטיקל אַרבעט!" די וואַנט פון אייער שלאָפצימער פאַרוואַנדלט זיך אין גלאָז, די שטומע טיר באַקומט לשון, ווערט אויס בעל־סוד פאַר מיינע אויסגעהוילטע אויערן, און איך זע און הער...

— — — פאַרשטענדלעך, ביי דיר אין בעט איז ער נישט געלעגן. אַזעלכעס פאַרלויפט זיך נישט אין מיטן העלן טאָג, ווען דער מאַן זיצט איבער דער וואַנט און קאָן אַ ליאַדע מינוט אַן עפן טאָן די טיר. פאָרט אַ מאַן, כאָטש עס זעט נישט אויס. ער זאָל דאָ זיין דער באַלעבאָס אין שטוב כאָטש עס זעט אויס: ער זיצט דאָ ווי אַ שומר, אַז פרעמדע פון דרויסן זאָלן נישט שטערן זיין ווייבס רו... מיט זיך אַליין איז ער זיכער: ער איז צופיל „איידל" צו באַגיין אַזאַ „גראָבקייט"...

דער „באַקאַנטער" זיצט דאָרט בלויז לעם דיין בעט, אָדער העכסטנס אויף זיין ראַנד. מסתם — אַפילו אַ פאַרקנעפּלטער. אָבער.. אָבער אַ לייכטן פלירט, „וואָס גייט נישט ווייטער פון אַ קוש" קאָן מען דאָך גאַנץ שיין אַריינכאַפּן. ווי זאָל עס אַ האַנט נישט פאָלגן דעם באַפעל פון דעם אייגענעם מאַנצבלשן אויפגעקאָכטן האַרצן? און ווי זאָל אַ מאַנצבלש האַרץ נישט ווערן אויפגעקאָכט, ווען פאַר די אויגן ליגט אַ ווייכע קאָלדרע און אונטער איר צייכנט זיך די פיגור פון אַ באַטעמטער פרוי? ווען פון אַ ווייסער קישן לייכט אַרויס א פרויען־קאָפּ מיט פאַררויטלטע באַקן אויפגעלאָפענע זאַפטיק־רויטע ליפּן און... מאָנענדיק גליענדיקע אויגן? קאָן דאָך קיין מענטש נישט פאַרבלייבן קיין מירמלענער מלאך, בעת עס ווייט אויף אים, דורך אַן אויס־געוואַרעמט געלעגער בעטגעוואַנט, אַ היציקער פרויען־קערפּער! און אָדע־קאָלאָן פליגסטו דעמלט בוצן, געדיענק איך, שאַרפן, ליידנשאַפטלעכן — —

טשעקאַווע — אפשר וואָלסטו עס מיר היינט אויסגעזאָגט: ווער האָט דעמלט די טיר פון שלאָפצימער פאַרמאַכט! ער, דיין גאַכט, אויף דיין אייי־דעלן באַפעל? כדי... נישט צו שטערן דעם מאַן אין דער אַרבעט? — ער אַר־בעט נעבעך אַזוי שווער און ביטער, דער מאַן! (פון די שאָקאָלאַדעס און נאַ־שערייען, וואָס דער ליבער גאַסט ברענגט, קאָן מען נאָך נישט לעבן, ברייט מיט פוטער געשמירט גיבן בלויז דעם מאַנס צען פינגער). האָסט געמוזט מטריח זיין דעם גאַסט, ווייל אַ פרוי קאָן דאָך נישט אַראָפּגיין פון געלעגער אינעם איינעם שלאָפהעמד, אין דעם בייזיין פון אַ מאַנצבל, כאָטש עס זעט אויס שיר ווי אַ קלייד. אָדער אפשר האָסטו עס גראָד אַליין געטאָן, אַרויפ־

כאַפּנדיק אויך זיך דעם שלאַפּראַק מיט די גרעלע שרייענדיקע בלומען, וואָס גלייכצייטיק פאַרדעקט ער און דעקט אָפּ די רייצנדיקע נאַקעטקייט, און פאַרבלענדט די בלוטן? אָדער גאָר — אפשר האָט עס געטאָן אויף דיין דרייסטן באַפעל, מיט אַן אומשולדיקן ווייכן טאָן פאַרשטייט זיך, דיין מאַן אַליין — דיין אונטערטעניקסטער אונטערטאַן? (...אך, אַנטשולדיק! זיי מוחל פאַר דער ווידעראַמאָל זיך אַרויסגעכאַפּטער באַליידיקונג קעגן דעם אָנדענק פון דיין ערשטן מאַן, וואָס איז דיר „פאַרבליבן טייער און הייליק אויף אייביק", ווי... אויך מיינער, דיין צווייטן מאַנס, וועט דיר אַמאָל פאַרבלייבן) — —

דיין מאַנס און מיין שווייגעניש און אונדזער קעגנזייטיק פאַרלעגנהייט האָט מיך צעשפּאַרט פון אינעווייניק, און דער רוקן האָט ווי געטאָן פון זיצן אָנגעבויגן צו דיין פאַרחושכטן מאַן: דו גליסט אין זינד, און ער רייכערט זיך ווי אַ האַלעוועשקע. איך שטיי אויף פון אָרט, זאָג שטיל און שולדיק:

— אַ גוטן טאָג! גריסט אייער פרוי, — און גיי אַוועק.

מיינע „ערלעכע" כוונות, מיט וועלכע איך בין דעמלט צו דיר געקומען — אָפּצופרישן אונדזער „אַלטע פריינדשאַפט" ס'הייסט, באַגייען אַ פלירט הינטער די פּלייצעס פון דיין שטילן און ערלעכן מאַן, האָבן אויף אַ מיאוסן אופן געפּלאַצט: עמעץ אַנדערש האָט געהאַט פאַרכאַפּט מיין אָרט. אַנטוישט אין מיינע דערוואַרטונגען און באַליידיקט אויף דיין צניעות, וואָס האָט מיך פאַראַטן, האָב איך זיך דערוויטערט פון דיין שטוב. מיין פּנים, שטעל איך זיך פאָר — אַ פאַרריסטער לאַמטערן מיט שייבלעך, געפּלאַצטע פון אַ שטיין, וואָס אַ גאַסניונג האָט אין אים אַריינגעוואָרפן. איך האָב דעמלט באַנומען בלויז דיין געפאַלנקייט, נישט מיין אייגענע. — — —

אַ לאַנגע צייט בין איך נישט געקומען צו דיר. אָבער פאַרגעסן אין דיר האָב איך שוין גראָד נישט. יענער פרימאָרגן האָט מיך געריצט, ביז — איינמאָל גאַנצפרי בין איך אַוועק צו דיר, אַן אויסגעהונגערטער נאָך פרויענצערטלעכקייט. לויט געוויסע ידיעות האָב איך אַ גרונט געהאַט צו טרעפן דיך אַליין אין בעט ביי פאַרמאַכטע לאָדן נאָך. איך האָב געשפּרייזט צו דיר איילִיק, זיכער, מיט געמיינער מאַנצבלשער חוצפּה, ווי אַן אויסוורף.

אָבער... אויף צו להכעיס איז אויך די דרויסנדיקע טיר, ווי די לאָדן, געווען פאַרמאַכט, און דאָס האָט באַטייט, אַז גראָד היינט איז דיין מאַן אויף דער אַרבעט נישט אַוועק... איך שווער דיר, אַז איך האָב דורך דער שפּאַרונג פון אייער טיר דערזען אַן אַרויסגעשטעקטן צונג פון אַ לץ. איך האָב אין האַרצן דערפילט פאַראַכטונג און עקל צו זיך אַליין, און מיין גלי האָט זיך אייסגעלאָשן און געררייכערט.

באַר וואָלט עס אַנדערש געווען געשען, וואָלט זיך דיין צניעות געווען קעגנשטעלן מיין תאוהדיקן באַגער? — — —

פאַרוואָס, פרעגסטו מיר מיין ווייב, פייניק איך דיין לייב און דיין געמיט מיט מיין אייפערזיכט? פאַרוואָס פאַרוואַנדל איך אונדזער הויז אין אַ גיהנום? פאַרוואָס פייניק איך דיך און זיך אַליין? פאַר וועלכע זינד?

פאַר מיינע און פאַר דיינע. אויב נישט פאַר איצטיקע, איז פאַר אַלטע.

רב ברוך נגידס און פישל שוסטערס קינדער און אייניקלעך

.1

די מומע „אויגן".

די מומע, מיין מאַמעס יונגערע שוועסטער, איז שטענדיק ערנסט געווען. אין גאַס פלעגט זי זעלטן אַרויסגיין. פון צייט צו צייט בלויז פלעגן חברטעס, געציילטע, קומען און רעדעוודיק מאַכן אירע שטומע ווענט. אָבער געוויינטלעך פלעגט מען פון איר חדר בלויז אַ לייענען־ברומען אָדער אַ בלעטל־שאָרך הערן.

טאָג ווי נאַכט האָט זי געלייענט די ביכלעך מיט די קאָלירט־געצאַצקעטע שער־בלעטלעך, וואָס דער בריוטרעגער פלעגט ברענגען גאַנצע שטויסן. רוסישע ביכלעך. מיר פלעגט אויסקומען, אַז די שוואַרצע אותיות, וואָס אירע אויגן זאַפּן כסדר איין, ווי קלעק־פּאַפּיר טינט, האָבן זיי שוואַרץ געמאַכט. עס פלעגט בלויז אַ פּלא זיין: ווי האָבן זיי דעם גלאַנץ באַקומען? דעם פלאַם? עס איז דאָך פשוט אַ וווּנדער, פאַרוואָס פאַרנאַכט, ווען די דינסט, רוסיע, באַוויזט אַמאָל נישט אַזוי גיך דעם לאָמפּ אָנצוצינדן, און די מומע פירט צו די אויגן האַרט צום ביכל, — פאַרוואָס עס צינדן זיך נישט די בלעטער אָן?

מיר האָבן זי דערפאַר גערופן די מומע „אויגן". און עד־היום, ווען איך טראַכט וועגן איר, הייסט זי נישט אַנדערש ווי — די מומע „אויגן".

.2

אַ פריילעך שטיקל צייט.

עס האָט זיך אָנגעהויבן טומלען ביי אונדז אין שטוב. שוין אַ יאָר, אַז די מומע איז אַ כלה געוואָרן, און איצט האָט מען זיך געגרייט צו דער

חתונה. וואָס אַ טאָג האָט זיך דער טומל פאַרגרעסערט... דער זיידע ברוך איז געווען דער נגיד פון שטעטל, די מומע — זיין יונגסטע טאָכטער, און אַ חתן האָט ער געקריגן אַ גרויסן יחסן און וויל־לערנער, — האָט ער געוואָלט פּראַווען אַ חתונה אַ גרויסאַרטיקע. לאַנד־און־לייט זאָלן האָבן נסים־ונפלאות צו דערציילן.

ווי־זשע וועט אונדזער שטוב אַריינגעמען אַזאַ גרויסע חתונה? האָט מען צון איר מזרח־וואַנט געגומען צושטעלן אַ גרויסן ברעטערנעם שאַלאַש. דאָ, אין שאַלאַש, וועט מען פּראַווען די סעודה פאַר די נישט־חשובע שטאָטלייט: פאַרן קרעמער און קצב, פאַר די שניידער מיט די געזעלן, וואָס נייען די חתונה־הלבשה, פאַר פישל אונדזער שוסטער מיט זיינע בני־בית, פאַרן וואַסערטרעגער און קוימעניאַר*) און אַזוי ווייטער פאַר די אַלע, וואָס האָבן באַר אַ שייכות צו דער שטוב. און אויך פאַר די דורכגייענדיקע אָרעמעלייט און בעטלער.

— פרעג, צו וואָס נאָך גרייטן אַ סעודה פאַר פרעמדע שלעפּער?! — האָט די באָבע, אָפּגעקערט פון זיידן, אַ מרוק געטאָן.

— אַזוי וויל איך! — האָט דער זיידע קורץ צוגעוואָרפן, און זיינע דיקע טונקל־רויטע ליפּן, וואָס האָבן זאַפטיק אַרויסגעקוקט פון זיין גאָלדיקער האָריקייט, ווי „מאַרעלן"**), האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט טערפּקעקייט.

און אַז דער זיידע וויל, מוז אַזוי זיין. צי האָט ער עס געטאָן צוליב גוט־האַרציקייט און פרומקייט וועגן? — זאָלן, הייסט עס, אָרעמעלייט, שלעפּער, אויך פאַרזוכן אַמאָל אַ גוט שטיקל חלה מיט פיש! — צי צוליב באַרימעדישקייט און אָנגעבלאָזנקייט, ווי דער שטייגער פון נגידים איז? — האָב איך דעמלט נאָך נישט געקענט אונטערשיידן און פאַרשטיין.

סיווי דער שאַלאַש איז געוואַקסן. הולע, נאַקעטע ווענט און דאַך, ווי עס פּאַסט פאַר אָרעמעלייט. אָבער ער האָט געשמעקט מיט פריש האָלץ און געווען גאָלדיק, סענקעוואַטע־בוימלדיק, ווי די פרישע אייערקיכלעך אויף דער חתונה. מ'האָט געשמועסט, אַז אָרעמעלייט פון באַענט און ווייט זיינען וועגן דעם דערגאַנגען, און האָבן שוין אָנגעהויבן קומען גרופּעסווייז אין שטעטל אַריין. (צופיל פאַרן שטעטל! נאָר ברוך נגיד וועט זיי דאָך נישט נעמען שוין באַצייטנס אויף זיינע קעסט!...).

דער האָרמידער אַרום די צוגרייטונגען איז געשטיגן. אַזש אויף אונדז, די קינדער, אויף מיר מיטן עלטערן ברודערל שואלקע, איז קיין צייט נישט געווען זיך אומצוקוקן. פאַר אונדז איז דאָס דווקא געווען אַ גרויס געווינס.

---

*) קוימענקערער.

**) אַזעלכע גרויסע רויטע ווייגשל.

ראשית, האָבן מיר געקענט נישט דערטרינקען די זיסע קאַקאָ און נישט דערעסן די פעטע אייערקיכלעך, וואָס זיינען אונדז מחמת גרויס זאַטקייט שוין פון האַלדז געקראָכן; (ס'איז אַזוי נישט גוט צו זיין אַ נגידיש איי־ניקל!). און שנית, זיינען מיר געווען פריי. געקענט ארויסלויפן אינדרויסן, ווען עס האָט זיך אונדז פאַרוואָלט, און זיך צוקוקן צו אַלץ, וואָס אונדז גע־פעלט. אָ, ס'איז געווען אַן אינטערעסאַנטע צייט! וואָס, באמת, האָט געקאָנט זיין אינטערעסאַנטער פון צוקוקן, ווי עס וואַקסט ביי די באַלעמעלאָכעס אונטער די הענט די גרויסע־גרויסע סוכה — דער שאַלאַש! מיר קאָנען זיך פּלאָנטערן זיי פאַר די פיס וויפל מיר ווילן! וואָסער באַלמעלאָכע וועט עס עפעס וואַגן צו פאַרטשעפען ברוך נגידס אַן אייניקל?!

אך, און וויפל איז ווערט געווען זיך צוצוקוקן צו דער אַרבעט פון איציק דער רביצינס?! אין איין טאָג האָט ער היטער דער כלהס פענצטער באַשאַפן אַ גערטנדל פול מיט סאַמעטענע בלימעלעך! ער האָט זיי איבערגעזעצט פון רבינס הויפישן גאָרטן. אָט די דאָזיקע קאָלירטע באַשעפענישלעך, מיט דינע שטריקעלעך צו דער ערד צוגעבונדענע פלאַטערלעך, האָב איך דעמאָלט צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן דערזען: — פייגעלעך! בלימעלעך!

יאָ, אין גערטל אַריין, פונקט ווי שטענדיק אין דער מומעס צימערל, האָט מען אונדז נישט אַריינגעלאָזט. כאָטש מיר האָבן געהאַט אַ ברענענדיקן חשק דערצו. ס'איז געווען שטאַרק־שטאַרק פאַרדריסלעך. אָבער, דעם אמת איצט מודה צו זיין, האָבן די „גרויסע" גוט געטאָן: איך האָב חשק געהאַט דעמאָלסט שטאַרק חשק געהאַט, צו נעמען פון שטוב אַ שערל און אָפּשערן פון די שטריקעלעך די קרעץ־פייגעלעך***), די בלימלעך הייסט עס, און זאָלן זיי אַוועקפליען...

.3

די מומע „אויגן" וויל נישט די חתונה.

די כלה האָבן מיר איצט פאַר די אויגן נישט געזען. בלויז אַ האַלבן שאָטן פון איר געשטאַלט און דעם גלי פון אירע אויגן דורך דער ווייסער נעץ פון דעם אַראָפּגעלאָזטן פאָרהאַנג איבער איר פענצטער אין גערטל אַריין. אין גאַס איז זי אינגאַנצן נישט אַרויסגעגאַנגען. פון אירע חברטעס

***) פלאַטערלעך.

פלעגן קומען צו איר בלויז די נאָענטסטע. צוויי. און אַפילו וועגן זיי איז מען אויך אין שטוב עפּעס נישט צופרידן געווען. פאַרוואָס?

דאָ האָט אונדז, קינדער, אַ גרויס נייעס באַכמער פאַראינטערעסירט מיט דער כלהס צימער: דער זיידע האָט אָנגעהויבן אָפט אַהין אַריינצוגיין. ער פלעגט זיך דאָרט לאַנג זאַמען. אַמאָל זיך עפּעס בייזערן דאָרט. איינמאָל האָבן מיר געהערט פון דעם ברוגז פון זיין געבייזער אויפקלינגען דער מומעס געוויין. אין שטוב איז מען געגאַנגען אויף די פינגער־שפּיצן, און מ׳האָט זיך געסודעט. וואָס איז דאָ?... וואָס קומט פאָר?... מיר האָבן נישט פאַרשטאַנען. מיר האָבן זיך בלויז טונקל געשטויסן, אַז נישט אַנדערש, די כלה וויל נישט די חתונה. פאַרוואָס?... איין מאָל אָבער איז דעם זיידנס ברוגז איבערגעגאַנגען אין אַ האַרב קול. מיר האָבן דערהערט קלאָרע דיבורים:

— אַז ע ר געפעלט דיר נישט, איז וועד־זשע דען? וועמען אויסזוכן פונדיינעטוועגן, אַ? אפשר... כאַ־כאַ־כאַ... אונדזער פּישל שוסטערס בחור? אַט דעם אָדעסער שוסטערוק, וואָס קומט וואָד־איין וואָד־אויס די חתונה־שיך דיר מעסטן? אַ שוסטער־בחור! אַ?

אַלע ווערטער זיינע זיינען ווי וואָרעם־לייב אַריינגעקראָכן אין דעם וואָרט „שוסטער־בחור". און דאָס וואָרט איז פול געוואָרן מיט עקל, פאַראַכטונג און דראָנג. ס׳איז אויסגעקומען, אַז אַ שוסטער־בחור איז אַזאַ מין נידעריק, עקלדיק און אַפילו שרעקלעך באַשעפעניש, וואָס באַדאַרף אָנוואַרפן אַזאַ פּחד אויף דער מומען ווי אויף קליינע קינדער: — „אַ בוציבאַר* וועט קומען!..."

אויף דעם איז דאָרט שטיל געוואָרן. ווי דאָס שרעקלעכע וואָרט האָט טאַקע געווירקט, און די מומע איז פאַרגליווערט געוואָרן. אָבער גלייך האָט זיך דערהערט איר קול, אַ טרוקנס אַזאַ, אַ דורכגעברענטס, נאָר אַן אַנטשלאָסנס:

— זאָל זיין אַ שוסטער־בחור! טאַקע פּישל שוסטערס יי נ ג ל וויל איך!...

דער זיידע האָט געלאַכט „מיט יאַשטשערקעס" און געזאָגט:

— וואָ־ס?! ביסט משוגע געוואָרן? דעם „גלית", וואָס האָט פּורים געשפּילט אין דער פּורים־שפּיל?

— ער האָט געשפּילט נישט פאַר זיך, פאַר אָרעמע פאַמיליעס!... — האָט די מומע ווידער געענטפערט עקשנותדיק און טרוקן, ווי פון אַ ראָרענער קעל אַרויס.

---

*) אַ וואַלד־גזלן (זבויצאַ באָרו).

— מער זאָל ער דאָ נישט די שוועל איבערטרעטן.

האָבן מיר, קינדער, אָנגעהויבן זיך אָנשטויסן עפּעס אומגלויבלעכס. דער „גלית" האָט אונדז אויך אימפּאָנירט. דער אָטעם האָט זיך אונדז פאַרשפּאַרט אין די ברוסטלעך. אויך דאָרט אין צימער איז געווען שטיל, ווי אונטער אַ פּרעס. מיר האָבן געהערט דעם זיידנס סאָפּען און דער מומעס אָטעמען. דערנאָך — דעם זיידנס אַ געדעמפּטער געבייזער: ה...מ...ם!... ווי פון אַ קאַץ, ווען זי שלעפּט אַוועק דרויב. דערנאָך — אַ קלאַנג פון אַ הילכיקן פּאַטש.

די טיר האָט זיך אַ פּראַל אויף געטאָן. מיר האָבן דערזען דעם זיידנס פּעסטע דעספּאָטישע טריט. די שטיוולדיקע הויכע אָפּצאָסן האָבן געקלאַפּט אין דער פּאָדלאָגע, ווי האַמערס. זיין פאַרקיילעכדיקטע פיגור — שטייף און אַרויפגעריסן. דורך זיינע בייז־אַראָפּגעלאָזטע ברעמען האָט געשפּריצט פייער, ווי פון בלאָז־זעקלעך. פון די באָזלעכער דירך די אונטערגעשווירענע האַרטע וואָנצעס האָט געזעצט אַ פּאַרע. זיין געל־האַריקייט האָט באַקומען אַ רויטלעכן גלאַנץ.

אין מיינע אויגן האָט אויסגעזען, ווי אַז אויפגעזאָטענער סאַמאָוואַר, וואָס האָט באַקומען פּיס און איז אין סאַמע מיטן פון שטוב אַנטלאָפן. דאָס איז געווען אַזוי קאָמיש, אַז איך האָב גאָר פאַרגעסן אין דעם שרעקעוודיקן דרך־ארץ פאַרן זיידן, און נאָכגעשאָסן אַ געלעכטער דעם אויסגייענדיקן האַמער־קלאַנג פון זיינע אָפּצאָסן. אָנגעשטאָכן פון מיר, האָט זיך אויך שוואַלקע זאַפּטיק צעלאַכט. אָבער באַלד האָט עפּעס פאַרשפּאַרט אין קעל און דערוואָרגן דאָס געלעכטער: פון דער מומעס צימער האָט אומגערירט, ווי גאָר אָן אַ פאַרוואָס, אַ שנייד געטאָן — נישט קיין קוויטש, נישט קיין יאָמער־געשריי, נאָר יעדנפאַלס אַזאַ דולער קלאַנג, וואָס מאַכט גליווער די געבליטן.

די גאַנצע שטוב האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם. קיין פליג האָט נישט געזשומעט. אין קיך האָט אַ פּלאַץ געטאָן אַראָפּגעפאַלן געפעס. און די באַבע טוט אַ שווים אַריין אין דער מומעס אָפענער טיר:

— געוואַלד!

די שטוב טוט זיך אַ וויג. אַ שרעקלעכער האַרמידער:

— די כלה חלשט!

— וואַסער!

— דעם דאָקטער! דעם דאָקטער!...

.4

געסט

מ׳האָט געקלאַפּט אַ דעפּעש. מ׳האָט געשמועסט, אַז מאָרגן־איבער־מאָרגן וועלן קומען דער פעטער בעריש מיט דער מומע צירל פון דובנע. און זייער קומען האָט געזאָלט אַלץ גוט מאַכן. די מומע צירל, אַ קרובה אַ יתומה, איז אַמאָל דערצויגן געוואָרן ביים זיידן אין שטוב. זי איז געווען דער מומעס אַ חברטע. ערשט נישט לאַנג צוריק האָט זי חתונה געהאַט. האָט זי מיט איר מאַן באַדאַרפט ווערן אויף דער כלה, באַרויקן זי:

— זיי זיינען דאָך אויך הייגטוועלטיקע... גרויסשטעטישע...

אויפן דריטן טאָג זיינען זיי טאַקע געקומען. זיי האָבן זיך גלייך פאַר־קליבן צו דער מומען, און זעלטן פון דאָרט אַרויסגעקומען. האָבן צוזאַמען מיט איר אַפילו געגעסן און געטרונקען. מיר פלעגן אַמאָל אויפכאַפּן שורות פון זייערע שמועסן. דאָס זיינען געווען איינרעדנדיקע און איבעררעדנדיקע רייד. אַזעלכע גלעטנדיקע און חניפהדיקע. אָבער די מומע פלעגט אומ־רויק שפּאַנען איבערן צימער, ווי איך אַ שטייג, און קיין וואָרט נישט ענטפערן. מיר האָבן זיך אויסגעטייטשט, אַז די מומע מוז לייחן פון אַזאַ מין קראַנקהייט, וואָס מע קען מיט איר אַרומגיין און מע מוז נישט דווקא ליגן צו בעט.

ווען עס פלעגט זיך עפענען די טיר פון איר צימערל, האָבן מיר דאָרט קיין ענדערונג נישט דערבליקט. ס׳האָט בלויז אויסגעזען ווייסער און בלענ־דנדיקער; איר געלאָקטער, שוואַרץ־גלאַנציקער קאָפּ האָט געשוואַרצט ווי אַ קראָ אין שנייקן דרויסן, און אירע אויגן — שוואַרצער און ברענענדי־קער נאָך.

איינמאָל איז מיר דערביי אויפגעקומען אַ שרעקלעכער געדאַנק, און כ׳האָב אַ שוידער געטאָן ביי דער פאָרשטעלונג: „דאָס ווייסע צימערל הייבט זיך פלוצעם אָן סמאַליען אונטערן פלאַקער פון דער מומע „אויגנס" אויגן. און עס ברעכט אויס אַ שרפה..." אָבער גלייך איז מיין אויפמערקזאַמקייט צו־געשמידט געוואָרן צו גאָר אַן אַנדער זאַך. עס האָט זיך געעפנט די טיר, און אַריינגעלאָזן פישל שוסטער. ער האָט אונדז אָפּגעבראַכט בייע שיכלעך ספּע־ציעל אויף דער חתונה. נו, צו נייע שיכלעך זיינען מיר שוין געווינט געווען, און עס האָט מיר נישט שטאַרק פאַראינטערעסירט. אָבער איך בין פאַרכאַפּט געוואָרן פון פישל שוסטער אַליין. ער איז, ווייזט אויס, געקומען אַהער איילנ־דיק גלייך פון דער אַרבעט. אויף זיין שמאָלער ביינערדיקער נאָז, וואָס אויף

איר שפּיץ האָט שטענדיק געשפּילט אַ ביטער שמייכעלע, האָבן נאָך געריטן די גלאַנציק־גלאַציקע ברילן־גלעזער, וואָס ער פלעגט טראָגןביים וואַר־שטאַט. און אָנגעטאָן — אין דער שווארצער, געשפּאָלטענער שבתדיקער לאַ־פּאָטע! אויסגעפּוצט זיך צוליבן יום־טוב פון ערב־חתונה ביי אונדז אין שטוב... (ער וועט דאָך זיין אַ פאַרבעטעגער אונדזער פישל...) אָבער זיין פּנים און באָרד זיינען געווען גרוי, ווי איינגעטונקען אין שטויב. די אויגן הינטער די ברילן־גלעזער האָבן אַרויסגעקוקט מאַט און הויל, ווי שוואַרצע לעכער. עס האָט געשמעקט פון אים מיט לעדער און מיט נאָך עפּעס זויערס. ווען ער האָט זיך אַראָפּגעזעצט און, געבויגן אין דרייען, געמאָסטן אונדז די שיכלעך, האָט ער צוגעברומט אַ ניגונדל, אַ פאַרקלערטס אַזאַ און פול מיט ביטערניש, ווי דער שפּיץ פון זיין נאָז.

ערשט איצט, איבער דעם רעדל פון זיין שוואַרצן רוקן, האָב איך דער־זען זיין אייניקל טייבל. זי האָט זיך אומבאַמערקט אַריינגעשלייכט. אַ שוואַך גופל, ווי פון לייב וואַסער־געוויקס. אַ בלאַס פּנימל, גרויע פריִנבדיקע אויגן, און שטרוי־קאָלירענע האָר, אין צעפּלעך פאַרפלאָכטן. ס׳איז געווען אַ רחמנות צו קוקן אויף איר.. איר טאַטע איז געשטאָרבן פון עפּעס אַ לונג־פעלער.

פישל שוסטער האָט זיך אויפגעהויבן, און זי פאַרשטעלט.

— ס׳איז גוט און ס׳איז שיין, — האָט ער געזאָגט צו מיין מאַמען, וואָס האָט באַטאַפּט די שיכלעך, צי זיי זיינען נישט ענג: מיין בחור אַליין האָט זיי געמאַכט. פון אַלף ביז תיו. אַן אַדעסער שוסטער, פאַרגעסט נישט, איז ער... המם...

אַ שמייכל האָט זיך אוממעכטיק געוואָלט אַרויסהויבן פון שטויב פון זיין פּנים און זיך פלוצעם אויסגעלאָשן.

דאָ איז מיר אויפן זינען געקומען דאָס לעצטע געקריג צווישן זיידן און דער מומע „אויגן״. כ׳האָב זיך דערמאָנט, אַז דער זיידע האָט באַליידיקט טייבלס פעטער „גלית״, און ביי זייער אַרויסגיין בין איך זיי נאָכגעגאַנגען. אויפן טרעפּל פון אונדזער גאַניק־בריקל האָב איך עפּעס גאָר אומגעריכט אַרויסגעצויגן פון קעשענע מיינס אַ צעשעדיקט פושקעלע מיט אַן אויסגע־מאָלן אָפּגעקראָכן קעצעלע אין דעם, און אַ שטופּ געטאָן עס טייבלען... אין הענטל אַריין.

— נאַ דיר אַ מתנה... אַ קעצעלע...

זי האָט עס גענומען, מיט חידוש אויף מיר אַ קוק געטאָן, רויט געוואָרן, און אַ שמייכל געטאָן:

— אַ דאַנק!

אָבער באַלד האָט זי באַטראַכט די מתנה אַליין. זי האָט זיך פאַרקרימט, און אַ שמיץ געטאָן זי אין דרערד אַריין:

— סאַ פאַרשטונקען קעצל! כ'דאַרף עס אויף כפּרות!

זי איז גערעכט געווען. איך האָב זיך דערפילט שולדיק און פאַרשעמט. איך בין רויט געוואָרן. די אויגן זיינען מיר פאַרלאָפן געוואָרן מיט ביטערע טרערן. איך האָב פאַרביסן דאָס אונטערשטע ליפּל, און דערפילט אין מויל אַ טעם פון בלוט.

5.

ציגיינער און קאָמעדיאַנטן

אינמיטן גאָרן חתונה־טומל האָט זיך אַריינגעריסן נייעס פון שטעטל: ציגיינער זיינען דאָ! קאָמענדיאַנטן! ווייזן קונצן אויפן רבינס הויף.

דאָס נייעס האָט אונדז, מיר מיט שואלקען, אויפגעוועקט פון אונדזער אומעטיקער און שלעכט־פאַרפילנדיקער פאַרטראַכטקייט.

מ'האָט גערעדט אין שטוב, אַז מ'עט דאַרפן איצט שטאַרק געהיט זיין מיטן „זילבער" אויף דער חתונה. וואָרן אַ ציגיינער, ווו דו זייסט אים נישט, דאָרט וואַקסט ער. די קאָמעדיאַנטן ווידער (דערביי אונדז געוואָרנט מיט אַ פינגער) כאַפּן אויף קינדער, ברעכן זיי אויס די ביינדלעך, באָדן זיי אין מילך, פון וואָס די ביינדלעך ווערן ווייך ווי כראָמסקע, און מאַכן זיי אויך פאַר קאָמעדיאַנטן. דער עיקר אָבער דאַרף מען געהיט זיין טאַקע מיטן „זילבער"! (פאַרוואָס? „זילבער" איז חשובער פון קינדער?...) זיי האָבן לאַנגע און קלעפּיקע הענט, די ציגיינער. מע טאָר זיי איבער קיין שוועל נישט אַריינלאָזן.

דעם זיידנס לאַנגע ברעמען זיינען געוואָרן אָנגעשטאָלט און אויסגעזען ווי קופּערנע קעמעלעך, ווען ער האָט גערעדט וועגן דעם. זיי האָבן אים עפּעס ווי געשטערט די חתונה. זיינע אויגן האָבן זיך פאַרבאָרגן אונטער די ברעמען ווי אָנגעגנאָדלטע יעזשיקעס. האָבן אונדזערע הערצלעך געפלאַטערט פון שרעק וועגן די ציגיינער און די קאָמעדיאַנטן, און דווקא האָט שטאַרק געצויגן צו זיי. און אַרום האַלבן טאָג האָבן מיר זיך געמאַכט האַרץ, אַרויסגעגנבעט זיך פון שטוב, און אַוועק צום רבינס הויף.

אויפן פּלאַץ, ווו דער רבי טאַנצט אַמאָל אין אַ ראָד פון חסידים, איז איצט געשטאַנען אַ געדיכטע ראָד פון מענטשן, מאַנצליט, ווייבער און קינדער. אינעווייניק, אין דער ראָד, האָבן געזאָלט זיין, אַנשטאָט דעם רבין, די

קאָמעדיאַנטן. ווו האָבן זיך ביי אונדז גענומען כוחות זיך דורכצושטופּן? דורכגענומען איינגאַנצן פון דעם געפיל פון נייגעריקייט, וואָס האָט אונדז געביסן ווי קרעץ, האָבן מיר זיך זיך געשטיקט אין שטאַרקער היץ פון זון און מענטשנלייב. מיר זיינען געהאָנגען אויף פרעמדע אַקסלען און רוקנס, געשטאַנען אויף די פינגערשפּיצן, זיך אויסגעצויגן אַרויף ווי ווערעם, און צוגעקוקט.

דאָס זיינען באמת געווען וווּנדערבאַרע קונצן. (אַ כפרה דעם רבינס טאַנצן מיט זיינע העוויות). שטעלט אייך פאָר: עס שטייען פינף טישן איינער אויפן אַנדערן, די טישן פון רבינס בית־המדרש, און אָט פון דער דאָזיקער הייך קערט זיך אַ קאָמעדיאַנט איבער מיטן קאָפּ אַראָפּ אויף דרערד. ער דרייט זיך עטלעכע מאָל איבער אין דער לופט, און בלייבט שטיין גלייך אויף די פיס, ווי אַ טעלעגראַף־סלופּ. דאָס איז אַ יונגער ציגיינער, הויך און שלאַנק, ווי „גלית", פישל שוסטערס בחור. ער איז אָנגעטאָן אין אַ זאַמד־געלן טריקאָט, און זעט אויס, זיך דרייענדיק אין דער לופט, ווי אַ שלאַנג. דערנאָך באַווייזט זיך אויפן טיש אַ קאָמעדיאַנטקע, אַ ציגיינערין. אויך אַ שלאַנקע, נאָר אַ מאָגערע, בידריק און דריבנע. אין גרינעם טריקאָט מיט אַ גרינעם בערעט אויפן קאָפּ, זעט זי אויס ווי אַ ריזיקער פראָש. דער קאָמעדיאַנט, וואָס שטייט אויף דרערד, שטעלט איר אונטער אַ קאָזאַקישע שפּיז אונטער די ציין, און אַזוי הייבט ער זי אַראָפּ פון טיש און טראָגט זי אַרום אַ קרייז; אַ רגע טוט זי זיך אַ וואָרף אָפּ פון דער שפּיז, און עס באַקומט זיך אַ פלאַטערנדיקע קלויסטער־„שמאַטע"*); אַ רגע ווידער באַוועגט זי זיך נישט, פיס און הענט צעשפּרייט, און זעט אויס ווי אַ טויטער פראָש; דערנאָך טוט זי אַ פאַל אויף אים, און — אַ שלאַנג מיט אַ פראָש ראַנגלען זיך אויף דרערד...

נאָך קונצן האָבן זיי באַוויזן. און אַלץ איז געווען וווּנדערלעך. עס האָט זיך אַזש געגלוסט פון דער אייגענער הויט אַרויסקריכן. מיר האָבן אונטערגעהאַלטן דעם עולמס קולות פון אַנטציקונג. שוין אָפּגערעדט, אַז מיר האָבן פאַרגעסן אַהיימצוגיין מיטיק עסן (רייכע קינדער קאָנען זיך פאַרגינען דעם פאַרגעניגן, לאָזן אַ געגרייטן טיש מיט כל־טוב אונטערוואַרטן). און ווידער — מיר זיינען געווען אַזוי איינגעפרעסט, אַזוי אויסגעמאַטערט, אַז מיר וואָלטן זיך מיט אונדזערע שוואַכע כוחות גאָר נישט געווען געקענט אַרויסקריגן פון דעם „געדרישעכץ". ערשט אונדזער רוסיע, די דינסט, האָט אונדז סוף־כל־סוף דערפּאַקט און מיט אַלע כוחות אַרויסגעשלעפּט.

— וואַרטס! איר וועט שוין כאַפּן פונעם זיידן! — האָט זי געסטראַשעט, שלעפּנדיק אַהיים פאַר די הענטלעך.

---

*) אַ פאָן.

אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז מיר האָבן דאָס מאָל נישט געכאַפּט. ס׳איז קיין צייט און קיין קאָפּ נישט געווען מיט אונדז זיך אָפּצורעכענען. די שטיב האָט זיך געוויגט אין דעם הו־האַ פון ערב־חתונה. זי איז פול געווען מיט ריחות פון מאכלים, געבעקסן און געווירצן, אַזש עס האָט פאַרטשאַדעט און דעם רעשט אַפּעטיט צוגענומען. ביי די מאַנצלייט זיינען קרום אַרומגעפאָרן די קאַשקעטלעך אויף די קעפּ, און ביי די ווייבער — די צעשויבערטע פּאַ־רוקן און די טשיפּקעס. מיר האָבן זיך געקענט גאַנץ אומגעשטערט ווייטער זיצן, אויס געוווינשאַפט, הינטער דער מומע „אויגנס״ טיר און נאָכאַמאָל איבערלעבן אין שמועסן די געזעענע וואונדער. מיר האָבן שיעור אין דער מומען מיט דער גאַנצער חתונה פאַרגעסן.

די לאַנגע הייסע זומער־שעהען זיינען שנעל אַרויסגעקראָכן פון שטוב. אין אונדזער טונקל ווינקל האָבן מיר בלויז געזעען איינער דעם אַנדערנ׳ס אויגנגלאַנץ אויפן פלעק פון אַ באַגייסטערט פנימל. און אומבאַמערקט האָט זיך, ווי אַ ציגיינערטע, אַריינגעשלייכט דער זומערדיקער אָוונט אין שטוב אַריין.

6.

ערב דער חופה-נאַכט

בייטאָג שוין זיינען געקומען די קלעזמער. אַזש צוויי קאַפּעליעס. מאָרגן אינדערפרי פאָרט מען אַרויס קעגן חתן. דער טומל פון די צוגרייטונגען האָט זיך שוין אָפּגעזעצט. אַלע זיינען איצט געווען פאַרפּאַרעט בלויז אין קיך. אין דער פאָדערשטוב איז חוץ אונדז קיינער נישט געווען. מיר האָבן געקוקט דורך דער אָפענער דרויסנטיר אין אָוונט אַריין.

אין דער טיר־רעם האָט זיך אויסגעשאָטנט אַ ציגיינערין. זי האָט גע־מאַכט עטלעכע טריט. באָרוועסע, אויפן רוקן, פאַרבונדן אַרום האַלדז אין אַ לייכטער געבלימלטער שאַל, האָט זיך איר נאָכגעהאַנגען עפּעס, וואָס האָט באַדאַרפט זיין אַ לעבעדיק באַשעפעניש. אין איר אויסגעשטרעקטער האַנט — אַ טעשל קאָרטן. זי איז געבליבן שטיין. זיך אַרומגעקוקט.

— דערקענסט? — האָט מיר שוואַלקע אַ שטאָרך געטאָן מיטן עלנבויגן.

— וואָס? — האָב איך נישט פאַרשטאַנען.

— ס׳איז דאָך די קאָמעדיאַנטקע! דער פּראָש!...

— יאָ־יאָ־יאָ. — האָב איך זי אויך פאַמעלעך דערקענט.

איר בליק האָט געברענט לעכלעך אין דער טיר פון דער בלהס צימער.

זי איז צוגעגאַנגען און אָנגעקלאַפּט. די כלה האָט געעפנט, און אַ קוק געטאָן. די ציגיינערין האָט עפּעס גערעדט צו איר אויף גויִיש לשון, אָנגעוויזן אויף איר פּעקל פונהינטן, און מיט אַ בעטנדיק קול געטאַשט די קאָרטן. די כלה האָט איר מיט אַ קאָפּ־שאָקל אַריינגעבעטן.

מיר האָבן זיך דאָס מאָל בגנבה אַריינגעשליכט הינטער דער ציגיינערין. די כלה — אין אַ קלייד פון ווייסע געדיכט־אָנגעפּרשטע שפּיצן, ווי אַ בוים אין פריידיקן בליעכץ. אָבער אין דער שוואַרצער שימערנדיקער האָריקער רעם, איז איר פּנים ווייס, ווי אַ מאַסקע פון ווייס פּאַפּיר. און די אויגן, שוואַרץ מיט רויט־גליענדיקע הרעטלעך, פלאַקערן קעגן דער ציגיינערינס.

די ציגיינערין האָט פאַנאַנדערגעלייגט די קאָרטן. איר פּנים איז דערביי ערנסט געווען, ווי דעם זיידנס, ווען ער זוכט פרייטיק פאַרנאַכט אין לוח די צייט פון ליכט־בענטשן; ס׳איז אָט אָפּנים וויכטיק. נאָר דער פעטער בעריש און די מומע צירל, ביים אָפענעם פענצטער, האָבן שפּאָטיש צוגעשמייכלט. דערפאַר דער מומעס „אויגנס" אויגן האָבן מיט שוואַרצע צינגעלעך געלעקט די ברודיקע דורכגעפּעצטע קאָרטן. די ברעמען האָבן קיין צוק נישט געטאָן. איר פּנים איז מיטאַמאָל רויט געוואָרן, ווי הינטער דער הויט וואָלטן זיך געבלאָזן גליענדיקע קוילן. מיך האָט פון שרעק אַרומגעכאַפּט אַ קעלט: אָט־אָט באַלד וועט דער כלהס קאָפּ מאַכן אַ שרפה!...

די ציגיינערין האָט איר געהייסן אָפּדעקן אַ קאָרט. די מומע האָט געפאָלגט מיט אַ ציטעריקער האַנט און צוקנדיקע פינגער. די בעגל זיינען ווייס געווען ווי ליים.

אין דער רגע איז ווי פון דער פאָדלאָגע אַרויסגעוואַקסן די באָבע. רויט און שוויצנדיק־פאַררייסט, נאָר וואָס פון אויוון אַוועק. פלאַקער און זידנדיק פּעטס האָט אַרויסגעזעצט פון איר פּנים און אויגן. אַ רגע האָט זי געקוקט געפּליעפּט, און מיטאַמאָל אַ ריס געטאָן דער ציגיינערין פאַרן פּעקל אויף דעם רוקן. דער קנופּ פון דער שאַל האָט נאָכגעלאָזט, און ס׳האָט זיך עפּעס פון איר אַ גליטש אַרויס געטאָן. ס׳האָט טויב, ווי אַ גומע, אַ קלאַפּ געטאָן אין דער פאָדלאָגע. אַ קוויטשענדיק קנדעריש קולכל איז אויסגעריבן איבערן צימער. די ציגיינערין האָט זיך אַ בייג געטאָן ווי אַ קאַץ, אַ כאַפּ געטאָן דאָס קינד, זיך אויסגעגלייכט, און אַריינגעשטאָכן צענדליקער שפּיזלעך, בייזע, גיפטיקע, אין דער באָבעס פּנים:

— וואָס האָסטו געטאָן, מכשפה?! (אַזוי האָב איך מיר אויסגעטייטשט איר גויִישן אויסגעשריי).

די באָבע אָבער האָט געהאַלטן אין איין פאַרקוויטשען דאָס געשעענע. געטייט בעפעלעריש צו דער טיר:

— וואָן! וואָן!

אויף דער ציגיינערינס ליפנווינקלען איז ארויס א ווייסער שוים, ווי עס וואָלט אין איר מויל געזאָטן. די באָבע האָט מיט צעפּלויגענע הענט און גע־קאָרטשעטע פינגער, ווי רויבערישע קראַלן, צונויפגעקליבן די קאָרטן. זי האָט זיי אַ שמיץ אַרויס געטאָן דורכן פענצטער אין בלומען־גערטל אַריין, איז צו מיט אַ פּריסט צו דער ציגיינערינס פּנים. אַ נס, די מומעס „אויגן" האָט זיך זיי געשטעלט צעווישן.

די ציגיינערין איז אַלץ געשטאַנען אומבאַוועגלעך: אַ שוואַרצע הבדלה מיט צוויי אָנגעצונדענע פלאַקערנדיקע קניִטלעך. און דער באָבען איז פלו־צעם אָפּגענומען געוואָרן דאָס לשון. זי איז געוואָרן געל.

די ציגיינערין האָט זיך אַוועקגעדרייט און געוויזן אַ גלייכן שטרענגן רוקן. איז שטיל, באַדעבקט געגאַנגען צו דער הרויסנטיר. דאָס קינד האָט זי לייכט פאַרוויגט אויף די הענט. ס'איז געווען רויק. ווי טויט. און מיר זיינען אַלע איר נאָכגעגאַנגען. ווי נאָך אַ לוויה.

האַרט ביי דער שוועל האָט זי זיך צוריק אויסגעדרייט, געבליבן שטיין און פאַרוואָרפן דאָס קינד אויפן רוקן. איר פּנים האָט איצט געגליט, זיך גע־מינעט ווייס און רויט, ווי אַן אָנגעגליטער שטיין. די אויגן האָבן געברענט טיף הינטערן שטערן. פון אונטער איר געבלימט טיכל זיינען אַפּערגעקראָכן שוואַרצע געקרויזלטע האָר, ווי רויך־פאַסמעס. זי האָט דראָענדיק אַ טייט געטאָן מיטן פינגער קעגן דער כלה און זיך צאָרנדיק צעשריגן. איך האָב פאַרשטאַנען בלויז, אַז זי זאָגט פאַר אומגליקן, און שעלט, שעלט, און שעלט. אירע קללות זיינען אַרומגעפלויגן, ווי קראָען, איבער דער שטוב, האָבן זיך געדרייט אַרום אונדזערע קעפּ, און מיר זיינען געווען פאַרגליווערט און טויב. מיט אַ שוואַרצער קללה, פאַרביסן צווישן די ווייסע קריצנדיקע ציין, האָט זי זיך ווידער אַ קער געטאָן, און אַ שפּאַן איז דרויסן אַריין. איר רוקן מיטן קינד זיינען איינגעשלונגען געוואָרן פון דער נאַכט.

די כלה איז געשטאַנען ווי אַ גולם פון ליים. בלויז די אויגן האָבן גע־ברענט אין זיערע הוילונגען, ווי בוימל־קניִטלעך אין ליימענע שיסעלעך. די אונטערשטע ליפּ האָט וויטיקלעך געצוקט, און אָט באַלד פאַלט זי אַראָפּ, ווי אַ ליימען שערבל. ס'איז מיר באַפאַלן אַ פחד, ענג געוואָרן אין ברוסטל, ווי אין שטוב וואָלט לופט אויסגעפעלט. אַרום — טונקל, שווינדלדיק, שוואַרץ. כ'האָט זיך מיר געגאָסן שוואַרצער וואַרעמער טינט דורך די אויערן און אויגן אין שאַרבן אַריין — — —

איך האָב דערפילט — עס פּראָשעט אויף מיר אַ קילער רעגן. כ'האָב געעפנט די אויגן.

—א־א חלשות! — האט די מאמע געזאגט, גלעטנדיק מיך נאסן קאפ: אויף איר קאפ און אויף אירע הענט און פיס!...

...ווער שעלט זי? — טראכט איך: די ציגיינערין, צי די באבע?...

.7

אן אילומינאציע אין דער חופה־נאכט

ווייזט אויס, אז נאך דעם גאנצן ערב־חתונה־טאג בין איך געווען צע־מישט. פון דעם טאג געדענקט זיך עפעס גארנישט. בלויז טומל, איילעניש, טאראראם, הוהא און מוזיק. כ׳דערמאן זיך קוים שטיקלעך פון דעם חופה־אינט גופא: מוזיק, געסט, מחותנים, און טענץ; פילקאלירטקייט פון ווייבער־קליידער; גלאנץ פון פריילעכע אויגן, זיידנס און סאטינדעליאן; צוגעברענט־ווארעמער שמעק פון בראנפן, ריח פון וויינען, און דער קוים־צו־דערשפירן זיסלעכער אראמאט פון צוקער־ און האניק־לעקעך.

קלאר, געננוי שטייט מיר נאך היינט פאר די אויגן אט דאס בילד:

...בליצלאמפן ברענען רויטלעך־פארשוויצט אין א הייסן נעפל. איך שטיי אויף א טיש. צוויי שורות איינע אנטקעגן דער אנדערער פארפוצטע מייד־לעך מיט קאלירטע, באבלימלטע, ברענענדיקע הבדלות אין די הענט. צווישן די שורות — א „שמאל געסעלע", מיט א טעפיך פארשפרייט. אויבנאן שליסן זיך די שורות ביי די פארענטשעס פון א ווייס־באפוצטער פאטער־שטול, באַ־זוימט מיט א גרויסן רויטן רויזנקראנץ (דעם זיידנס פאטערשטול). זי שטייט אויף א הויכקייט, מיט טרעפלעך ארויפצוגיין. איינגעהילט אין ווייסן, אין א וויי־סער באבלימלטער „געליאנדרע"*), דאס פנים פארבאהאלטן אין א ווייס טיכל, — זיצט אין איר פארזונקען די כלה. אלע ווייל הערט זיך פון טיכל ארויס א שלוכץ. די כלה וויינט! מע באזעצט זי... א בדחן, וואס שטייט אין א קרייז פון קלעזמער, אויף א טיש אנטקעגנאיבער מיר, זאגט עפעס זינגנדיק און געגראמט מיט א פייערלעך טרויעריק קול, און די מוזיק שפילט אים צו ס׳איז זייער שיין. נאר מיר בייגט דער שלאף אלעמאל אונטער די קני, און איך טו זיך א זעץ אראפ. — — — און עס וועקט מיר אויף אן אומגעוויינטלעכער טומל.

...מע פירט צו דער חופה, און איך ליג שוין אין בעט! — איז מיין ערש־

*) וועלאן מיט א גירלאנדע.

טער געדאַנק... איך קוק זיך אַרום נאָך מיין אָנטון. ס'איז נישטאָ. איך ליג גאָר אין רוסיעס בעט! עס ברענט נישט קיין לאָמפּ אין צימער, פונדעסטוועגן איז ליכטיק! אַ ראָזע שיין קוועלט אַרויס פון אַלץ. פון דרויסן דערגייען קולות, געשרייען, אַ ווייט און זעלטן שאַלן פון אַ טרומייט.

ווי יונג איך בין נישט געווען, האָב איך גלייך פאַרשטאַנען: עס ברענט!... און קיינער איז נישטאָ?! וווּ איז אַהינגעקומען די חתונה?! עס חלומט זיך מיר?...

אַ ציטער־שרויט זיפּט זיך דורך מיין גאַנץ גוף. די פיסלעך, פון די קניעלעך אָן, שוידערן. די קניעלעך אַליין זיינען ווי שעלעכלעך מיט אייז. עס שוידערט מיר אַרויס פון געלעגער. איך וויל שרייען. אָבער דער צונג ליגט ווי אַ שטיקל טרוקן קרייד אין מויל.

איך בין אַריינגעלאָפן אין פאָדערשטוב. קיינער נישטאָ. אַלץ צעוואָרפן. די טישן וואָכעדיק, אָן טישטעכער. געפּעס־שאַרבנס וואַלגערן זיך געמישט מיט ביינער אויף דער פּאָדלאָגע. דער כּלה'ס פאָטער־שטול שטאַרצט מיט די פיסלעך אַרויף, און דער פאַרוויאַנעטער רויזן־קראַנץ ליגט צעטריבערט, ווי אַ שטרוי־גאַרטל צעטרעטן און צעמהרשט פון אַ חזיר פאַר אַ רעגן. און אַלץ הייקט זיך אין אַ רויטלעכער שיין, ווי אין וואַסער פון אַ ווייקשאַף...

פאַרגאַפט זיך צוקוקנדיק צו דעם אַלעמען, האָט זיך די שרעק פון מיר אויסגעוועפּט. איך האָב בלויז געפילט אַן אומענדלעכן עלנט, וואָס איך שטיי דאָ אַליין און זע דאָס אַלץ איינינקער אַליין. מיין פּנים האָט זיך צוזאַמענגע־שרומפּן, פאַרקרימט צו וויינען. אָבער קיין טרערן זיינען נישט אַרויס.

ס'איז מיר איינגעפאַלן: אויב איך. מוז דאָך דאָ אויך זיין שוואַלקעלע. און כ'האָב אים אָנגעהויבן שטום צו זוכן. כ'האָב נאָך אים געשנישטערט אין אַלע פון בעטגעוואַנט אויסגעליידיקטע בעטן. נישטאָ! כ'האָב נאָך געטאָן אַ לויף אַריין צו דער מומע „אויגן" אין צימער. די אייגענע בלענדיקייט און ציכ־טיקייט וואָס שטענדיק, באַר ראָזלעך. איך האָב זיך דערמאָנט אין בלומענ־גערטל מיט די בלימעלעך־פייגעלעך — זיינען זיי נאָך דאָ? כ'בין צוגעלאָפן צים אָפענעם פענצטער. אויפן אושאַק — דער כּלה'ס „געליאַנדרע". אָט ליגן צווישן די בייטלעך די קאָרטן, וואָס די באָבע האָט נעכטן אַרויסגעוואָרפן. פלוצעם... ס'האָבן זיך מיר אונטערגעבויגן די קני, און כ'האָב זיך אַראָפּגע־זעצט אויף דער פּאָדלאָגע... ניין. עס איז נישט געווען קיין אויסדוכטעניש: אויסבאַהאַלטן אין שאָטן פון דער שאַלאַש־וואַנט, האָט זיך אַהער בגנבה גע־שלייכט, איינגעבויגן, מיטן קינד אויפן רוקן, די נעכטיקע ציגיינערין.

איך בין אַרויסגעקראָכן פון צימער, ווי אַ חיהלע, אויף אַלע פיר, און זיך געפרעגט: וואָס איז זי געקומען? די קאָרטן אויפקלייבן?...

ערשט דאָ האָט עס מיר געטאָן אַ שטעל אויף און אַ וואָרף אַרויס פון פאָדערשטוב. מיין העמדל האָט זיך צעפלאַטערט. איך האָב אויסגעזען ווי אַן אויפגעשראָקענע פליענדיקע ווייסע גאַנדז. איך האָב גענומען לויפן. געשוועבט אין גאַס, און זיך געבאָדן אין שיין פון ברענענדיקע הייזער. זיי האָבן געפלאַקערט שורותווייז. אָפּגעדעקטע קראָקוועס זיינען געשטאַנען איבער דעכער, ווי ריפּן פון סקעלעטן. אַנטפּלעקטע קוימענעס האָבן אויסגעשטרעקט שוואַרצע העלדזער און שטיל געבעטן רחמים, מע זאָל זיי ראַטעווען, אַ טרונק געבן. אין דער הייך האָבן זיך שוואַרצע שאָטנס פון רויכן ג׳מיביעט שוואַרץ, קופּער און גאָלד אין טייכן רויטע שיינען. אַ געדעמפטער ראַש און געשריי האָט זיך אויסגעמישט מיט אַ שטילן אויפפּלאַצן פון ברענענדיקן געהילץ; עס האָט פון בראַנד אַרויס געזיפּצט און געקרעכצט. עס זיינען פאַרבייגעלאָפן שאָטנס און מענטשן. אַנדערע האָבן געטראָגן אויף די פּלייצעס אַזעלכע גרויסע פּעק, אַז זיי אַליין האָט מען נישט אַרויסגעזען. ווי אין פּחד וואָלט די פּעק קליינע פיסלעך אָנגעוואָקסן, מיט וועלכע זיי אַנטלויפן, זיך ראַטעווענדיק. קישנס, בעטן, סאַמאָוואַרן, איבערבעטן, טירן־פענצטער, קאָלדרעס, קופּערטעס, שאַפעס, און נאָך און נאָך — אַלץ לויפט, שפּרינגט, פליט אין דער וועלט אַריין. אַ פליט פאַרביי אַ פייערלעשער־היטל, ווי אַ מעשונער פויגל. אַ טראַסקעט פאַרביי אַ פּעסל וואַסער. אַ שפּרינגט פאַרביי אַ רויטגעפאַרבטער מאַשין מיט פּאָמפּע־הענט, ווי פליגל; עס שלעפּן זיך אים נאָך גומי־קישקעס, ווי פון האַסטיקן טראַסקען איבערן שאָסיי האָבן זיך אים אין בויך די קישקעס איבערגעדרייט און זיך אַרויסגעקערט.

איך בין געלאָפן צעמישט גאַס־איין גאַס־אויס, אָן אַ ציל, געטריבן פון אַ בלינדן פּחד. איך האָב געהאַט דאָס געפיל ווי אַ שוואַרצע בייטש פאַלט אַלעמאָל אויף מיין רוקן און יאָגט מיך ווייטער צו לויפן. איך האָב נישט געפּרוווט אַפילו אויפהייבן אַ קול, ווי איך וואָלט זיין שטום. מיין האַלדז איז אַ ליימענער. און אָט האָב איך זיך דערזען הינטערן שטעטל. צווישן שטעטל און פערשטאָט. דאָ האָט זיך אָפּגעדעקט פאַר מיר אַ ביי בילד, וואָס האָט מיך צוגעשמידט צו זיך. כ׳האָב אָנגעהויבן גיין פּאַמעלעכער, און קוקן מיט נייגיר: —

ביים טייך־ברעג קעגנאיבער דעם פּריצישן שלאָס, דאָרט וווּ עס באָדן זיך די ווייבער—אַ לאַגער פון בוידן, וועגענער מיט פאַרריסענע דישלעס, געפּענטעטע זיך־פּאַשנדיקע פערדלעך, און אַרומשמייענדיקע מענטשן־שאָטנס... אהא! — שטויס איך זיך גלייך אָן — די ציגיינער... איבערן לאַגער — אַ פליגל פון שיין, אונטער אים — טאָל און שאָטן. נאָר קליינע, טליענדיקע בלויז, שייטערלעך ברענען דאָ און דאָרט, ווי רויטע וווּנדן. איבערן שמאָלן

לאַנקע־שטעגל, וואָס פירט דורך א קוסטעס־שורה פאַרביי דעם שלאָס אין שטעטל אריין — אַן איילנדיקע באַוועגונג אהין און צוריק. אהין — מענטשן לײדיקע, צוריק — מיט פּעק... זיי ראַטעווען דאָס שטעטל, די ציגײנער? זיינען דאָך גנבים?!... און איך האָב אויף מיין פראַגע קיין ענטפער ניט געהאַט. אזוי נאַריש בין איך נאָך דעמאָלסט געווען.

כ׳האָב זיך האַסטיק א לאָז געטאָן צו דער בריק. פון דאָרט, פון דער הייך אַראָפּ, וועל איך בעסער קענען זען. צוגעקומען, דערבליק איך אין שאָטן פון צוויגהאַפטיקן בוים ביים טייך־ברעג אַ גרופּע מענטשן. איך האָב זיי גאָכנישט דערקענט. אָבער מיין האַרץ האָט אָנגעהויבן פלאַטערן, ווי א פויגל אין געצוויג פון אַן אונטערגעזעגטן בוים... אך! פאַרפוצטע לייט! מחותנים! אונדזערע!

איך האָב זיך פאַרבאַהאַלטן הינטער אַ צווייטן בוים, און אפּערגעקוקט. זיי האָבן זיך הערנענטערט. ס׳איז אויף זיי געפאַלן אַן אָפּשיין: — דער זיידע! דאָס פּנים ערנסט און שטום. די קופּער־רויטלעכע באָרד— ווייס. מעליק־ווייס, ווי געקומען פון דער וואַסער־מיל. אזוי האָט זי אויסגעזען ערב־פּסח, ווען ער האָט זיך אומגעקערט טאַקע פון דער מיל מיט דער מצה־שמורה־מעל. דעמלט איז ער געווען אויפגעלייגט. אָבער איצט איז זיין געשטאַלט און אָנבליק רוי, ווי אויסגעהאַקט פון שטיין; — די באָבע! פאַרבראָכענע הענט. דער רוקן געבויגן אונטערן גלאַנץ פון סאַטינדעליאָנענעם קלייד. עס האַלטן זי אונטער די אָרעמס דער פעטער בעריש און די מומע צירל; — און הינטער זיי — „גליית“! פישל שוסטערס בחור! ווי קומט ער?! ער פירט מיט א נאָכלאַזיקן אָרעם, זיכער אז מע וועט אים נאָכגיין, די מומע, „אויגן“! איר קליידונג — צעדרייט, צעמורשט, ערטערווייז מיט גוואַלדריסן; דאָס פּנים — ליימיק־געל; די אויגן — טויטע קוילן מיט אַ טויטלעכן גלאַנץ; די ווייסאַפּלען — רויט, ווי רוי פליש; איבער ליימיקייט פון פּנים און צעכראַסטעטער ברוסט הענגען פון צעשויבערטן קאָפּ אַראָפּ שוואַרצע האָר־פּאַסמעס.

קיינער האָט מיר, פאַרשטייט זיך, ניט באַמערקט. און איך בין זיי נאָכגעגאַנגען, ווי אַ קוילבל געשלעפּט פאַר אַ שטריקל. נאָר פּלוצעם איז פון ראָוו ביים שאָסיי ארויסגעוואָקסן מיין טאַטע. אין די יום־טובדיקע מלבושים, נאָר מיטן בלויזן קאָפּ. הינטער אים — רוסיע. ער האָט שווער אויסגעסאָפּעט:

— איז זי שויך דאָ?!

— האָט זיך פון פייער אין וואַסער געוואָלט וואַרפן! — האָט די באָבע א קוויטש געטאָן, ווי א ווילדע קאַטשקע, אין דער שרפה־נאַכט־אריין.

— און דאָס קינד האָב איך שוין אין אַלע ציגיינערשע בוידן איבער־געזוכט, — האָט זיך דער טאַטע פאַרצווייפלט געקראַצט אין הוילן קאָפּ.

פון רוסיעס האַלדז האָט געריזלט׳ א יאָמערלעך געוויין, ווי פון נאָס האַלץ און פייער.

— לאָמיר גיין די קאָמעדיאַנטן אויפזוכן...

איך האָב אויסגעפּלאַצט א געוויין. רוסיע האָט מיך א כאַפּ געטאָן אויף די הענט, און געטאַנצט מיט אַ קושנדיק מויל איבער מיין פּנימל. איר בוזעם איז געווען הייס און פייכט, און איר האַרץ האָט שטאַרק, גיך גע־קלאַפּט. זי האָט מיר מיט ליבשאַפט געדריקט צו זיך. איך האָב זיך אין איר שטאַרק אַריינגעטוליעט, און ס׳איז מיר מיטאַמאָל געוואָרן וווּנדערלעך גוט. איך האָב צוזאַמענגעקוועטשט די אויגן. איר הוידעדיקער גאַנג האָט מיך פאַרוויגט. איך בין שוין מער נישט בייגעריק געווען. רעכט געווען פאַר מיר, אז אַלץ, וואָס כ׳האָב געזען, געהערט, געשפּירט און איבערגע־לעבט, איז טאַקע נישט מער ווי א חלום ביי רוסיען אין בעט. איך האָב מיך אָנגעהויבן איינצודרימלען, אָבער אין די אויערן האָט נאָך לאַנג געריזלט דער באַבעס יאָמערן:

— מ׳האָט זי אַליין געלאָזן... אַליין... א כלה אין דער חופּה־נאַכט אַליין... האָבן זי די „נישט גוטע״ פון וועג אַראָפּגעבלאָנדזשעט... א בראָך צו דער מאַמען!...

.8

אויף אַ פרעמד געלעגער

...איך כאַפּ זיך אויף, און דערפיל זיך אין א פרעמד געלעגער. כ׳זעץ זיך אויף און קוק זיך פאַרשלאָפן אַרום. אַ פרעמדע שטוב. וויסגרוילעכע פרעמדע ווענט. אויף א קאָמאָד ביים פענצטער, פאַרמאַכט מיט א לאָדן, אַ פרעמד אַריינגעדרייט לעמפּל. עס קוקט אויף מיר רויט־בייזלעך, ווי די מומע אויגנס רויטע וויַיסאַפּלען. ס׳ווערט מיר ענג אויפן געמיט. איך קאַר־טשע זיך צוזאַמען, וואָס ווייניקער פּלאַץ אין דער פרעמד צו פאַרנעמען, און רוק זיך אַרונטער טיפער אונטער דער העקע. מיטע זוילן שלאָגן זיך אָן אין א פאַר פּיסלעך. איך פאַרשטיי גלייך: שוואָלקעלע! זעץ איך מיך ווי־דער אויף און קוק אויף אים פונוויטן. ער ליגט אין שאָטן פון בעט־פאַ־רענטש... ער ליגט אויף ז אַ... ברודערל!... עלנט זיינען מיר... אָבער ס׳גייט אויף אין מיר א פאַרבאַרגענער נחת, א בענקשאַפט, אזא באַנגדיקע און זיסע.

איך האָב זיך פאַמעלעך, שטיל אונטערגעהויבן, אים נישט אויפצוּוועקן, און זיך אריבערגעבויגן צו זיין פּנים. מחמת פאַרגעניגן האָב איך די אויגן

אַזש געהאַלטן צוגעמאַכט. און פול מיט ליבשאַפט, וואָס האָט געמאַכט זיס צינגיין מיין האַרץ, ווי האָניק, האָב איך אים אַ קוש געטאָן. כ'האָב געטראָפן אין זיין האַלב־אָפענעם וואַרעמען מויל אַריין. שלאָפנדיקע, האָבן זיינע ליפן קוים־קוים מיט א לייכטן צוק מיר אָפגעענטפערט. אויף מיין צעשמייכלט פנים האָבן זיך ברייט צעעפנט די אויגן, נאָכאַמאָל אויף אים א קוק צו טאָן.

— אך! — האָב איך זיך צוריקגעכאַפּט, ווי א האַנט פון קראָפּעווע.

איך געדענק שוין נישט היינט, וואָס אַזויגס איך האָב דעמאָלסט דער־פילט. צי א שעמעוודיקייט אַזא פאַרן שלאָפנדיקן, פאַר זיך אַליין, פאַרן רויטן אויג פון לאָמפּ, און אַפילו אויך פאַרן קריטיקן געלעגער מיט די פרעמדע ווענט? צי גאָר דאָס, וואָס גרויסע מענטשן רופן אַנטוישונג?.. סיידוי. פאַר מיר איז געלעגן נישט דאָס קעפּל פון מיין ברידערל שואלקע, נאָר פון א פרעמד מיידעלע? אך!... ס'איז דאָך טייבל! פישל שוסטערס אייניקל!

איך האָב זיך מיט התמדה געקראַצט מיין געלאָקט קעפּל, און לסוף פאַרשטאַנען: רוסיע האָט מיך אהער אַריינגעטראָגן. א שטוב ביים „קאָקליערס"*) טייך, ווייט פון דער שרפה.

טייבל איז געשלאָפן רויק.. זי ווייסט אפילו נישט וועגן דער שרפה! — האָט איך א טראַכט געטאָן, מיט שטאָלץ פאַר זיך און באדויערן פאַר איר. איר מאָגער, געל־ און גרינגבלעך פנימל, א ביסל אויפגערויטלט, איז געלעגן אין די ווייס־פלאַקסענע האָר־פעטלעכעס, ווי אום סוכות מיין זיידנס אתרוג אין דער ווייכער קליאַטשע. נישט מער, דער אתרוג מיט דער קליאַטשע איז געלעגן אין א זילבערנער אתרוג־פושקע, און נישט אין קיין ברודיקער זויערער קישן. כ'האָב זיך בענטער צו איר געבויגן. איר שטילער, רויקער אָטעם האָט געשמעקט. מיר האָט זיך געדאַכט, אז זי שפּירט מיר. אירע גרויע קעצישע אויגן קוקן ערנסט, ווי ברוגז, דורך די געשלאָסענע אויגן־לעפלעך אין ברעמען־שאָטן. האָב איך איר דאָך ערשט נישט לאַנג באַליי־דיקט מיט מיין מתנה, מיטן טויטן קעצעלע... און גלייך איז אויפגעגאַנגען א רוגז אין מיר: מיר, מיר, דעם זיידנס אייניקל, האָט מען אַריינגעלייגט אין איין בעט מיט פישל שוסטערס אייניקל!.. אוי! ווען די מאַמע זאָל זיך דערוויסן, אז איך האָב איר נאָך א קוש געטאָן! „א קינד פון פראָסטן נאָ־ראָד"!... וואָס בין איך שולדיק? איך האָב דאָך נישט געוווסט. געמיינט...

פונדעסטוועגן האָב איך נישט אראָפּגעלאָזט קיין אויג פון אירע ליי־פעלעך. זיי זיינען געווען פריש, פייכט, און שמעקעדיק, ווי מאַראַנצ־שאָלעכץ.

---

*) קאַטליער.

...האָט זי, דאָס אָרעמע קינד, שוין פאַרזוכט אַמאָל אַ שטיקל מאַ־ראַנץ? — האָב איך אומגעריכט באַקומען רחמנות אויף איר, וואָס זי איז אַזוי אָרעם, און אויף זיך, וואָס ס'איז מיר אַזאַ אומגליק געשען, אַזאַ „בראָך", ווי די באָבע זאָגט, און איך בין שוין גלייך מיט איר...

טרערן האָבן אָנגעקוואָלן הינטער מיינע אויגנלעפלעך. די אויגן זייַנען אַרומגעשווומען אין אַ נעץ. די וויעס — פייכט און שווער געוואָרן. האָבן געפינטלט און אָפּגעטרעסלט שווערע טרערן־טראָפּנס. הינטערן האַרץ־לעפעלע האָט געציטערט און זיך געשטיקט אַ כליפּ. טייבל איז מיר געוואָרן היימיש, ליבלעך. און כ'האָב זיך ווידער אַריבערגעבויגן איבער איר, און שטיל געמורמלט:

— שוועסטערל!... שוועסטערל מייַנס!...

מיטאַמאָל האָב איך איר באַכאַמאָל שטאַרק אַ קוש געטאָן אין די ליפּן און זיך צוריקגעצויגן, איר ווידער אָנצוקוקן מיט ליבשאַפט און מיט פּחד, טאָמער האָט זי זיך אויפגעכאַפּט.

צי מחמתן קוש, צי גאָר מחמת מיינע אַ שווערע טרער, וואָס האָט אַ פאַל געטאָן אויף איר סאַמע ברעם, — אירע אויגן־לעפלעך האָבן זיך טאַקע אויפגעעפנט. און ס'האָבן אויף מיר גרויס און פאַרוווּנדערט געקוקט גרויע פינקלדיקע אויגן.

— די שטאָט איז פאַרברענט געוואָרן. ווייסט? — האָב איך איר פרוענג־דיק מודיע געווען מיט אַ היימיש איינסודנדיק קול: איך האָב שוין נישט קיין היים...

אָן פאַרוווּנדערונג, מיט ליבשאַפט אין די אויגן, האָט זי מיר צוריק־געפרעגט אַזוי פּשוט, ווי איך וואָלט אָן אויסגעטראַכט מעשהלע דערציילט:

— נו, און דיין מומעס חתונה? דער פעטער האָט מיר צוגעזאָגט אויפ־צוועקן צו דער חופּה. האָב איך געוואַרט און געוואַרט...

— די חתונה איז אויך פאַרברענט געוואָרן! — האָב איך גאַנץ זיכער און (מאָדנע) אָן ווייטיק געענטפערט, ווי דאָס וואָלט גאָר קיין אומגליק נישט געווען.

טייבל האָט זיך פאַרטראַכט, און איך האָב ווייטער געצויגן:

— דער חתן איז אויך פאַרברענט געוואָרן... די כלה האָט סיווי די חתונה נישט געוואָלט. כ'האָב אַליין געהערט. זי האָט געזאָגט. אָבער זי איז פון פייער אַרויסגעשפּרונגען. די כלה טאַקע. אירע אויגן האָבן שוין גע־ברענט אפילו...

טייבלס אויגן זייַנען גרויס און פול געוואָרן מיט האַלב פאַרוווּנ־דערונג, האַלב שרעק. זי האָט שוין קענטיק אָנגעהויבן גלייבן.

— כ'האָב אליין געזען! — האָב איך באַרימעריש באַפּעסטיקט מיינע רייד.

איך האָב נישט געפילט, אַז איך דערצייל ליגנס. און אויך, אַז איך פאַרשאַף טייבלען צער. אדרבא, ס'איז מיר אויסגעקומען, אַז מיט מיין דערציילן גיב איך איר עפּעס, וואָס זי האָט נישט.

איך בין אַ ווייל שטיינגעבליבן. אָבער אין שווייגעניש האָבן מיר זיך געפילט פרעמדער. האָב איך ווידער אָנגעכאַפּט דעם פאָדעם פון שמועס:

— דו ווייסט ווער ס'איז שולדיק אין דער שרפה, טייבל?

זי האָט זיך אויפגעזעצט. איצט זיינען מיר שוין געזיצן האַרט איינער לעם אַנדערן. בלויז די איינגעפאַלדעוועטע דעקע האָט אונדז פאַנאַדערגעטיילט. זי האָט געקוקט אויף מיין פעכלדיק־ווייסן העמדל, וואָס האָט ווי געלאַכט פון אירן, דאָס ציצעלע און ברודיקע, און געשוויגן.

— איך וועל אויסזאָגן, ווער ס'איז שולדיק, נאָר זאָלסט שווייגן. אַ?

— כ'וועל שווייגן.

— מיין באָבע איז שולדיק! זי האָט נישט געלאָזן די ציגיינערין.... ווייסט? די קאָמעדיאַנטקע, וואָס איז געווען ווי אַ פּראַש.. האָסט געזען?

— געזען.

— האָט די באָבע זי נישט געלאָזן דער מומען קאָרטן וואַרפן. פאַרשטייסט?

— כ'פאַרשטיי.

— האָט זי געשלאָגן. איר קינד דורכן פענצטער אַרויסגעוואָרפן. נו, האָט איר די ציגיינערין פאַרשאָלטן. אַ פּראַש שעלט אַז מע שלאָגט זי...

— טאַקע אמת? — האָט טייבל געפרעגט שוין דערשראָקן, ווייל זי האָט שוין געגלייבט.

— יאָ־יאָ. זי האָט אחוץ־דער שטוב כישוף אָפּגעטאָן. פאַרשאַל...

איך האָב דערשראָקן אָפּגעהאַקט. טייבל איז געווען בלאַס־ווייס. ווי די ווייסע פאַרצעליקענע ליאַלקע, וואָס כ'האָב אַמאָל געהאַט. היגטער דער הויט פון אירע בעקלעך האָבן זיך אָנגעצויגן גרויע פעדעם, און דאָס פּנימל האָט זיך ווייטיקלעך איינגעשרומפּן און צעקרימט. די אויגן זיינען פול געוואָרן מיט פּייכטן שאָטן, און זי האָט זיך מיטאַמאָל צעוויינט:

— דו ביסט פאַרשאָלטן!... איך האָב מורא פאַר דיר... גיי!...

איך האָב אַ צאַפּל געטאָן, זיך געשטאַרקט נישט צו וויינען, און געזאָגט זיכער:

— ניין. איך נישט. מיך האָט זי נישט געמיינט, די ציגיינערין. איך האָב אויף איר רחמנות געהאַט. אירע צעוואָרפענע קאָרטן צוזאַמענגעקליבן.

מיין האַלב־אמת האַלב־ליגן, וואָס כ'האָב געזאָגט, אַליין גלייבנדיק אין דעם, האָט געהאַט אַ פּעולה. טייבלס אויגן האָבן זיך געטריקנט אונטער מיינע ווערטער, ווי בעפאַל אונטער זונשטראַלן. און זי האָט זיך גערן איינגעהערט צו מיין ווייטערן דערציילן — — —

9.

אויף די חורבות פון דער שרפה

עס האָט אַ פלייץ געטאָן אויף אונדז שיין. די אויגן האָבן זיך אונדז אויפגעריסן. דער לאָדן איז אָפן. דאָס לאָמפּ־אויג אויפן קאָמאָד — בלאַס. אינדרויסן שטייט שוין ווייס־גאָלדיקער גרויסער טאָג.

— לאָמיר זיך אָנטאָן, — האָט טייבל אַ זאָג געטאָן: לאָמיר גיין זען די שרפה.

— די שרפה איז שוין אוודאי פאַרברענט געוואָרן, — האָב איך געזאָגט מיט באַדויערן, וואָס טייבל וועט שוין גאָרנישט זען.

איך האָב גענומען אַרויפציען די הייזלעך (ווער האָט דאָ דאָס אָנטאָן אָנגעגרייט? רוסיע? אָבער די היטל איז נישטאָ?! זאָל זיין. הלמאי דער טאַטע דאָרט ביים טייך...).

אָנגעטאָן זיך, זיינען מיר אַרויס אינדרויסן דורכן פענצטער, און דורכן גאָרטן אין גאַס. אפנים, עמעצער זאָל אונדז נישט דערזען און שטערן. אין מיין שטוב האָב איך אינגאַנצן פאַרגעסן. אפילו שוואַלקע איז מיר פון זינען אַרויס.

מיר האָבן זיך אַרומשפּאַצירט הענטל פאַר הענטל צווישן די שרפה־חורבות. זיך צוגעקוקט צום גרויסן חורבן און קליינע בלויע רויכעלעך, וואָס האָבן זיך, ווי פּאהלעך פון די חסידישע יינגלעך וואָס קומען צום רבין, אַרויסגעקרייזלט פון שוואַרצע, טיף־געשפּאָלטענע גלאַנציקע האָלצשקעס אַרויס. מיר האָבן אויף שותפות אויפגעקליבן איבערגעברענטע גלאָז־שטיקלעך, ווי פּערלמוטער.

— פון אָט גלאָז מאַכט מען פּערל און פּערלמוטערנע קנעפּלעך, — האָב איך אויפגעקלערט טייבלען.

פון צייט צו צייט האָבן מיר געהערט יאָמערנדיקע קולות. אַ יאָמערנ־דיק קול פון אַ באַשאָלטער יידענע, וואָס אָט נישטערט זי דאָ דאָלעבן אונ־טערן גרוז פון אַ שרפה־חורבה און שלעפּט אַרויס אַן איבערגעברענטן דרייפוס. אָבער ס'איז אַן איינדרוק אויסגערובען פון אונדזערע אויגן און

איערן. אונדז איז געווען גוט. מיר זיינען געווען פארטאָן מיט זיך אליין. פארשפילט. אפילו צו עסן האָבן מיר זיך נישט הערמאָנט. ערשט ווען אין סאַמע מיטן הימל איז אַ לאָך געוואָרן, און ס'האָט זיך געגאָסן זון איבערן קאָפּ, האָב איך דערפילט אַ חולשה אונטערן הערצל.

— קום, לאָמיר גיין עסן, — האָב איך אַ נעם געטאָן טייבלען פאַרן הענטל.

אָבער זי איז געבליבן שטיין, ווי איינגעגראָבן:

— וווהין?

— וואָס הייסט וווהין? אַהיים!

— וווהין אַהיים? צו וועמען?... ביי אונדז אין שטוב איז נישטאָ צום ברויט... דו...

איך האָב נישט באַוויזן זי צו פאַרשטיין, ווי אַ פאַרביילויפנדיקער האָט מיט אימפּעט איבערגעריסן איר וואָרט און אונדזערע הענטלעך. עס איז געוואָרן אַ געלויפעניש אויפן שאָסיי אַרויף. מיר האָבן זיך ווידער אָנגע־כאַפּט און געלאָזט זיך לויפן נאָך די לויפנדיקע. איך האָב טייבלען מיטגע־שלעפּט אין דער סאַמע געדיכטעניש פון איינגעלויף. פאַרויס זיינען גע־גאַנגען דער פעטער בעריש מיט דער מומע צירל. כ'האָב טייבלען מיט־שטאָלץ דערקלערט ווער זיי זיינען. הינטער זיי, צווישן צוויי סטראַזשני־קעס*) די הענט פאַרבונדן אַרונטער — די ציגיינערין.

— די אונטערצינדערין! די אונטערצינדערין! — האָבן זיך געהערט קולות פון דעם מענטשן־געזעמל אַרויס.

— דאָס איז זי, — האָב איך איינגערוימט טייבלען: זי האָט אָפּגעטאָן דעם כישוף.

זי איז געווען שוואַרץ, ווי האַלעוועשקע. די אויגנלעפּלעך אַראָפּגע־לאָזט. נאָר פון זייערע שפּאַרקעס האָט דורכגעלויכטן פייער. דאָס קינד האָט זי געטראָגן אויף די הענט. אָן אַ טיכל אויפן קאָפּ, צעשויבערט, זיינען אירע האָר אַראָפּגעהאָנגען ווי צווײַגן. דאָס פּנים — געפלעקט פון בייזע שוואַרצע סיניעקעס. פון אַ ליפּן־ווינקל האָט זיך אַרויסגעצויגן אַ בלוט־פאָדעם, ווי אַ וואָרעם.

— מ'האָט זי געשלאָגן, זעסט? — האָט מיר טייבל פייַנלעך איינגערוימט.

— זי האָט פאַרברענט! — האָבן זיך געהערט שנאהדיקע קולות: פאַר־ברענט זאָל זי ווערן!

אַ שאַרפער קוויטש האָט דורכגעשטאָכן די לופט. מאַכנדיק אויפציטערן

---

*) פּאָליציי־לייט.

דעם טומל און דאָס געדיכטעניש. ווי אַ משוגענער ווינט האָט זיך אַריינגעריסן די מומע „אויגן": קליידן און האָר צעפלויגן; דאָס פּנים — אַ רויטער לאַמטערן; די אויגן — פלאַם־קנויטן. זי האָט זיך אַ ריס געטאָן פון מיין באַבעס האַנט, וואָס האָט איר אָנגעכאַפּט פאַרן קלייד און צוריקגעצויגן, ווי פאַר אַ לייצע; מיט צעשפּרייטע אומאָרעמענדיקע הענט האָט זי פאַרשטעלט דער ציגיינערין דעם וועג:

— שוועסטער טייערע!... שוועסטער טייערע!...

די סטראַזשניקעס האָבן זי אָפּגעשליידערט אויף צוריק. זי איז נאָכגעלאָפן און עמעצן געשאָלטן. די באָבע האָט ווידער געפּרוווט זי אָפּרייסן. אָבער אומזיסט. די מומע האָט זי מיטגעשלעפּט מיט זיך. איך האָב נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר. כ'בין געווען פאַרבליפט.

— מיין פעטער! — איז טייבל געוואָרן איבערראַשט.

„גלית" איז אויסגעוואַקסן לעם דער מומע „אויגן". זי איז גלייך שטיל געוואָרן. ער האָט זי אַ נעם געטאָן אונטערן אָרעם, און זי איז אים פאָלגעוודיק נאָכגעגאַנגען.

— משוגע!... משוגע געוואָרן!... — האָב איך דערהערט שעפּטשערייען פון עולם, און פאַרשטאַנען, אַז מע מיינט די מומע.

ס'איז מיר אויסגעקומען, אַז זיי האַלטן זי פאַר משוגע, וויל... זי גייט מיט „גליתן", מיט פישל שוסטערס בחור. איך בין רויט געוואָרן און געפילט, אַז מיין פּנים פלאַקערט. איך האָב זיך פאַרשעמט און באַליידיקט פאַר טייבלען, פאַר פישל שוסטערס אייניקל, וואָס איך האָב אַזוי ליב. איך האָב זיך שולדיק געטוליעט צון איר זייט.

דער עולם מיטן גאַנצן געשעעניש זיינען אונדז מער נישט אָנגעגאַנגען. מיר האָבן זיך אויסגעדרייט און האַנט פאַר האַנט נאָכגעגאַנגען איר פעטער „גלית" מיט מיין מומע „אויגן".

ווען דער זיידע האָט אונדז דורך דער גלעזערנער פראָנט־טיר פון אונדזער שטוב געזען זיך דערנענטערן, איז ער ווייטער געבליבן שטיין, ווי אַ גרויסע מצבה.

איך האָב טייבלען אַריינגעפירט הינטער דעם פעטער און דער מומען אין שטוב אַריין.

מעזריטש 1931

אינהאַלט

אויסלענדישע וואַליוטע 5

חברים פון גוים און פּיין 95

לייזער איז אוועק צו דער אַרבעט 110

חבֿרטאָריגם 115

פֿאַמיליע־מאָראַל 127

רב ברוך נגידס און פישל שוסטערס קינדער
און אייניקלעך 133

רעדאַקטאָרן פון פאַרלאַג:

ל. אָליצקי ד. ספאַרד